STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05633

GELEBT HINTER KRATN

Mosheh Ayzenbud

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. David & Ethel Oliensis
in memory of
Gershon & Gertrude Oliensis and Paul & Sarah Sievetz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײַנע ליבע פֿרײַנט
בעניען גראָבש אין פּאַריז

מ. אײַזענבוד

מעלבורן דעם 8 יאַנואַר
1958

מ. אייזענבוד

געלעבט הינטער קראַטן

משה איזענבוד

געלעבט הינטער קראטן

(נ אָ װ ע ל ע)

פֿאַרלאַג „ייִדבוך"
בײַ דער
„געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש-װעלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-אײַרעס

1956

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס־איירעס

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין מאַמען
העניע אייזענבוד (געבוירן שטיינהאַוז)
און מיין שוועסטערל **ע ט ע ל ע**
אומגעקומען אַין דער ערשטער שחיטה, אין
ניעסוויזש, דעם 30סטן אָקטאָבער פון יאָר 1941.

אינהאַלט:

ערשטער טייל:

די ברידערלעכע האַנט

פיבערדיקע טעג — 11
די מאַכט — 19
פרילינג־וואָכן — 25
אויף נייע רעלסן... — 29
„גליקלעכע קינדהייט" — 39
וואַלן — 43
פּליטים — 47
בלעטלעך פון אַ נישט־געשריבענעם טאָגבוך — 51
די ווילנער גאַס — 61
שפּיאָנען: ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער? — 65
כאַאָס — 67

צווייטער טייל:

נע־ונד

נאַכט — 75
זיראַבולאַק — 81
לענגאַר־סטרוי — 89
קיין אוראַל — 99
די שטיין־האַקעריי „אוטיאַס" — 109
זיך פאַרזינדיקט... — 125

דריטער טייל:

געלעבט הינטער קראַטן

צום זיג פון אָקטאָבער . . . — — — — — — — — — — — — — — — — 137
שטרייק . . . — — — — — — — — — — — — — — — — — — 147
אין קיזעלער תפיסה — — — — — — — — — — — — — 155
דער פּראָצעס . . . — — — — — — — — — — — — — — 163
עטאַפּ — — — — — — — — — — — — — — — — — 169
אי. טע. קא. נומער 1 „איראַנטשי״ — — — — — — — — — 179
איבערדערציִונג דורך אַרבעט — — — — — — — — — — 189
שאַקאַלן — — — — — — — — — — — — — — — — — 193
אין שפּיטאָל — — — — — — — — — — — — — — — — 199
אַדאַ — — — — — — — — — — — — — — — — — 205
באַפרייאונג . . . — — — — — — — — — — — — — — — 211

ערשטער טייל

די ברידערלעכע האנט

איך זעגן דיך —
דו אומגעוואַשן רוסלאַנד,
דאָס לאַנד פֿון האַרן
און פֿון קנעכט.
און אייך מונדירן בלויע
און דיר, אָ פֿאָלק —
וואָס ביזט געהאָרכזאַם זיי...
(לערמאַנטאָוו).

פּיבּערדיקע טעג

מיט ציטערדיקע הענט האָט פּאַן שומסקי געמישט קאַרטאָטעקן. דער אַלטער שלאָסזייגער האָט געשלאָגן צוועלף און איינס. דער קלאָרער מעטאַלענער קלאַנג האָט זיך אין דער אויסגעשטערנטער סוף־ווינטער־נאַכט צעשאָטן איבערן שלאָפע־דיקן שטעטל. בלויז אין אַלטן שטאָטראָט האָט זיך געלויכטן אַ פענצטער, און דער שוואַרצער הענגנדיקער אייזערנער שטאָט־הערב האָט זיך מיט אַ סקריפּ געדרייט אַרום זיין אַקס.

שומסקי איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט. געמישט האָט ער די קאַרטלעך מיט נעמען, אַדרעסן און געזען פאַר זיך לעבעדיקע מענטשן, וואָס שלאָפן איצט רויק, און מאָרגן — ווען זיי וועלן פאַרלאָזן זייערע היימען, וועט עס אפשר זיין שוין אויף שטענדיק. כמעט יעדן פון די, וואָס וועלן מאָרגן קריגן דעם מאָביליזאַציע־צעטל האָט ער געקענט. דוכט זיך — אַז נאָר־וואָס איז איבערן גאָס געלאָפן אַן אויסגעשמירט יאַטל, וועלכן ער פלעגט שנעלן אין אויער און רופן:

— פּעמפּיק!

מאָרגן וועט דאָס יאַטל — אַ זעלנער, מאַרשירן צום פראָנט.

אַרום דריי אַזייגער איז שומסקי פאַרטיק געוואָרן. מיט אַ שטילן קרעכץ, ווי ער וואָלט עפּעס לעבעדיקס צוזאַמענגענומען אין זיין טעקע, איז ער אַרויס. אַ קאַלטע לבנה האָט אים באַגלייט. פון הינטן איז אים נאָכגעלאָפן זיין שאָטן. צו־מאָרגנס האָט די לבנה, מיט דער זעלבער קאַלטקייט, באַגלייט די פול־געפּאַקטע אויטאָבוסן, וואָס האָבן דאָס יונגוואַרג אַוועקגעפירט צום צוג.

ווען אין מיטן זומער האָבן זיך יידישע בחורים און דאָרפישע שקצים, פאַר־ברוינטע פון דער זון און מיט פנימער צעפּרעסענע פון ווינט; מיט קורץ־געשוירענע סאָלדאַטסקע האָר צוריקגעקערט אין זייערע היימען צו די וואַרשטאַטן און פעלדער

— האָבן מענטשן לייכטער אָפּגעאָטעמט. אָבער טיף אין זיך, מורא האָבנדיק אַפילו צו טראַכטן דערפון, האָט מען געפילט, אַז דער דאָזיקער צוריקקער איז נישט אויף לאַנג. עפּעס האָט זיך געפילט אין דער לופטן אַ נישט זעבאַרע שרעק, וואָס מ׳האָט איר, צוזאַמען מיט דער לופט, אַריינגעאָטעמט אין זיך און נישט געקענט זיך מער פון איר באַפרייען.

אַרום פיר נאָכמיטאָג, כמעט אַ שעה אײדער די פּאָסט קומט אָן פון באַן, זענען אומגעדולדיקע ניעסוויזשער ייִדן געזעסן אין דרויסן און געוואַרט. נעכטן האָבן די צייטונגען אַרויסגעזאָגט אָן השערה. עפּעס אָן אַנדייט. ווי נאָר דער בריוו־טרעגער מאַכט אויף ס׳פענצטערל און דערלאַנגט אַרויס די צייטונגען, זיצט מען ווידער אויפן צעמענטענעם טרעפל אַנטקעגן פּאָסט און מען לייענט. נישטאָ קיין געדולד אַהיימצוטראָגן דאָס בלאַט.

— און וואָס שטייט אין „מאָמענט״? — רוקט אַ ייִד אַריין די נאָז אין אַ צווייטנס צייטונג, כאַטש צווישן די פינגער האַלט ער זײַנער.

— און וואָס זאָגט דער „היינט״, האַ?

— נו, און ווי שרײַבט וועגן דעם די „פאָלקסצייטונג״? — וויל אַ ייִד מיט אַ ווייסער, רבנישער באָרד וויסן.

אָן אומגעדולדיקער ייִד לויפט אין קיאָסק אַריין נאָך אַ „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ״.

— טאָמער קען מען זיך דערוויסן עפּעס מער?

נאָר די פּאַפּירענע שליחים, וואָס לויפן פון דער הויפּטשטאָט אין דער ווײַטער פּראָווינץ צו טראָגן נייעס, רעדן עפּעס האַלבע, נישט־קלאָרע, ווי נישט־דעררעדטע רייד. זיי שטאַמלען, ווי עמיצער וואָלט זיי ביים צונג געהאַלטן און נישט דערלאָזט צו זאָגן אַלץ וואָס ס׳איז זיי געלעגן אויפן האַרצן.

אַנטוישטע זענען ייִדן צוריקגעגאַנגען צו זייערע היימען, און גייענדיק גע־וואָלט זיך קלאָר מאַכן:

— וועט דער דייטש, אָדער, וועט ער נישט?

בײַנאַכט ווידער איז מען געזעסן ביי די הילצערנע קעסטלעך און געפּרוווט אויפכאַפּן:

— וואָס זאָגן די „גדולים״? *)

נאָר כאָטש די ייִדן זענען אַזוי געקראָכן פּוסטריט דער פּאָליטיק און טאַקע

*) באָלשעוויקעס — מאָסקווער ראַדיאָ.

געלעבט הינטער קראַטן

טיילמאָל איר פאַרויסגעגאַנגען אין זייער נביאות, האָבן דאָך די גרויסע פלאַקאַטן, צעהאָנגענע איבער דער שטאָט, זיי געטראָפן ווי אומדערוואַרט!

מאָבילִיזאַציע!

דער דייטש האָט געוואַגט. ס׳איז אים ענג געוואָרן אין אייגענעם לאַנד און ער איז ווי אַ הונגעריקער היישעריק אַריבער די הילצערנע גרענעץ־שטאַנגען, און זיינע באַשטיוולטע פיס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף פוילנס וועגן.

אויף פאַרן פאַן שומסקי איז די דאָזיקע ידיעה געקומען ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. איז ער געזעסן אין זיין ביורא און מיט פיבערדקע הענט אויסגעשריבן די צעטלען. דער ווינט האָט זיין פּינקטלעך־אויסגעבונדענעם קראַוואַט יעדעס מאָל געטון אַ בלאָז און ער איז אים געפאַלן אויף די ברילן. מיט כעס האָט ער אַראָפּגעריסן דעם ווייסן קאָלנער און צוזאַמען מיטן קראַוואַט אים אַוועקגעוואָרפן אין אַ ווינקל. פאַן שומסקי, דער תמיד אַנשטענדיק־אויסזעענדיקער באַאַמטער איז געבליבן זיצן אין בלויזן העמד.

מיטן ערשטן שאָס איז געפאַלן די שטייף־אָנגעקראָכמאַלעטע פעסטונג פון גוטע מאַניערן. ס׳איז געווען קריג. פאַן שומסקי האָט געפילט, אַז איצט איז עס נישט מער קיין „מאָראַלישער” דרוק. די דאָזיקע אויסגעשריבענע צעטלען זענען די אָנזאָגער פון טויט, אויף וועלכן מען דאַרף שוין באַצייטנס וויינען.

***

עס איז געווען פאַרטאָג. אַ גרויער, נעפּלדיקער — און ערגעץ־ווו אין זיך האָט ער געהאַלטן איינגעשלאָסן דעם סוד, וועלכן נישט דערשלאָפענע, אומרויקע מענטשן, וועלכע זענען דורך די דריי מלחמה־וואָכן געוואָרן שטיקלעך אָפּגעריסענע, גרויע וואָלקנס, וואָלטן געוואָלט ביי אים אַרויסרייסן.

— היינט? שפּעטער? מאָרגן?... ווי לאַנג נאָך? ווו האַלטן מיר?...

נאָר דער סעפּטעמבער־פרימאָרגן איז געבליבן גלייכגילטיק צו די אַלע, נישט־פאַרענטפערטע פראַגן. ווי סטראַשידלעס אויסגעשטעלטע אויף גערטנער, כדי אָפּצושרעקן די פייגל, זענען די טירן פון וואַקסבערגס צוקערניע און דאַנילעוויטשעס געוועלב געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און איבער זיי דער אויפשריפט: „שקאָדניק פאַנסטוואָווי זאָסטאַל ווּיסלאַני דאָ ביערעזי קאַרטוזקיי” *).

---

*) מלוכה־שעדיקער, אַרויסגעשיקט קיין קאַרטוז־בערעזע. איינציקער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פוילן, ווו מען פלעגט פאַרשיקן אָן אַ געריכט־אורטייל, בלויז אויפן באַפעל פון דער פאָליציי. (אַדמיניסטראַטיוו).

די נישט־געהובלטע, אויף שנעל־צוזאַמענגעקלאַפּטע ברעטער האָבן נישט געלאָזט גלייכגילטיק פאַרבייגיין. זיי האָבן געמאָנט אַן ענטפער:

— פאַרוואָס?

פּאָליציייִשע שפּיאָנען, וועלכע האָבן זיך דורך דער נאַכט געשלייכט פאַרביי פאַרהאָנגענע פענצטער ווי פעלדמייז, זענען פאַרשווונדן אין נעפּלדיקן פאַרטאָג. די נישט־געזעענע שרעק איז געבליבן הענגען אין ראַדיאָ־קעסטל צוזאַמען מיט די לעצטע געזעגענונגס־ווערטער פון ספּיקער: די הויפּטשטאָט וועט אָט־אָט פאַלן....

די פּליטים וואָס האָבן זיך באַוויזן פאַרשטויבטע, מיט רויטע אויגן, אויפגעריסענע, מיט פנימער צעקרימטע פון אַנגסטן — דאָס אַלץ האָט אויף די שטעטלשע ייִדן אָנגעוואָרפן אַ פּחד. עס איז דייטלעך געווען אַז דער קריג קומט וואָס אַמאָל נענטער מיט שווערע, האַמעטנע טריט אין זעלנערישע שטיוול.

מיטאַמאָל האָט דאָס וואָיען פון אַ סירענע, ווי דאָס וואָיען פון אַ הונט הונטערן פענצטער פון זיין נאַר־וואָס געשטאָרבענעם באַלעבאָס — צעריסן דער פאַרטאָגיקער שטילקייט. עפּעס איז אין דעם וואָיען געלעגן פאַרבאָרגן מער ווי אַ רוף זיך צו באַהאַלטן פאַר די עראָפּלאַנען, וואָס קומען אָן, און מען זאָל לויפן אין די אויסגעגראָבענע טראַנשייען, צוגעדעקטע מיט ברעטער.

מיכל איז געשלאָפן, מיטן שלאָף פון אַ געזונטן, אַכצן־יעריקן בחור. דורכן שלאָף האָט ער געהערט דאָס דאָזיקע מאָנען, רופן, אָבער עס איז אים דערעסן געוואָרן דאָס כסדרדיקע שפּיל אין באַהעלטעניש. ער האָט איבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ, און איז ווייטער געשלאָפן. עס האָט אים אַפילו נישט געאַרט וואָס איצט, אין דער אַליאַרם־שעה דאַרף ער זיין אויף זיין פּאָסטן, ווי איינער פון דער ציווילער בירגערשוץ, און פאַר נישט צושטעלן זיך קומט אַ שווערע שטראָף.

דער קול פון דער סירענע האָט נאָך אַלץ געריסן און געוועקט, זיך געבעטן און געדראָט. די איבערגעמאַטערטע, ביז צום פּלאַצן אָנגעשטרענגטע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן.

דער טאַטע איז אַריינגעלאָפן אין מיכלס חדר, אַראָפּגעצויגן די קאָלדרע און שוין האָבן זיך מיכלס באָרוועסע פיס געבאַמבלט איבערן ראַנד פון בעט:

— דו הערסט? — האָט דעם טאַטנס פינגער געוויזן אין דרויסן, ווי אָט דאָ, אונטערן פענצטער וואַלט עס געוואָיעט.

געלעבט הינטער קראַטן

— נו, — האָט מיכל, האַלב־געגעצנדיק אַרויסגעברומט — איך וויל שלאָפן! און ער האָט זיך ווידער איבערגעצויגן מיט דער קאַלדרע איבערן קאָפּ.

— מיכל, די „גדולים" גייען — האָט דער טאַטע אים אויסגעזאָגט אַ גרויסן סוד, וועלכן ער האָט פאַרטרויליך געהערט אויף זיין פּאָסטן. אַ קאַלטער עמער וואַסער וואָלט מיכלען נישט דערפרישט און געבראַכט צום אויפשטיין אַזוי שנעל, ווי די דאָזיקע נייס.

אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין מיכל געווען אין דרויסן. הויך, אין גרויען, מיט בליי אָנגעגאָסענעם הימל, האָבן געשוועבט שוואַרצע, שטאָלענע ראָבן. זיי זענען נישט געווען גרעסער פון די שוואַרצע קראָען, וואָס רויען זיך דאָ אַרום אין מיסט.

אין מיטן גאַס איז געשטאַנען לאָזער דער בעקער, און גלעטנדיק זיין גרויע באָרד, דווקא געוואָלט וויסן פון אַלטער סאָרעמאַלקעס, וואָס האָט געהאַלטן פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל:

— „אונדזערע" — צו „זייערע"?

אין ווילדן גאַלאָפּ האָט זיך געטראָגן אַ פערד איבערן גאַס. אויף זיין נישט־געזאָטלטן רוקן איז געזעסן דער בירגערמייסטער, אַן אַלטער צאַרישער גענעראַל — פאָן הענריצע. אין זיין צעטומלטקייט האָט ער נישט געוווסט וווהין צו רייטן. דאָס איינציקע וואָס ער האָט געקענט אַרויסזאָגן צו די מענטשן, וואָס האָבן אין דער פריער שעה אָנגעפילט די גאַסן:

— באָלשעוויצי אידאָן!... (די באָלשעוויקעס קומען).

אין אַ ווײַלע אַרום זענען אָנגעלאָפן עטלעכע פּאָליציי־לײַט.

די בלויע מונדירן מיט די זילבערנע קנעפּ זענען אויף זיי געלעגן ווי מיט גוואַלד אַרויפגעצויגן. אין איילעניש זענען זיי געלאָפן איבערן גאַס, אַרומקוקנדיק זיך און דערוויל צוניפגעקנעפּלט די מונדירן.

דער איינציקער פּאָסטאַויטאָ איז אָנגעלאָפן. זיי האָבן אים פאַרהאַלטן, אַרויס־געוואָרפן אין דרויסן די פּאַפּירן, אַרכיוון וועלכע ער האָט געוואָלט ערגעץ ווו אוועקפירן; און זיך אַרײַנגעפּאַקט אין אים, זוכנדיק שוץ אין זיינע שנעל־לויפנדיקע מעכאַנישע פערד, כאָטש קיינער האָט נישט געוווסט ווו עס איז די ריכטונג, אין וועלכער מען קען אַנטרינען.

אַז פראַדל, משה־הירש דעם סטאָלערס ווייב, איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס און דערזען דוצן, דעם שעף פון דער ניעסוויזשער דעפענסיווע, וואָס איז געווען די שרעק פון די שטעטלשע קצבים, איז זי אים אַנטקעגן געלאָפן מיט פאַרבראָ־כענע הענט:

— אוי, ס׳איז אַ בראָך צו דיר, די „רויטע" גייען!

דוצן איז די רייד פון דער ייִדענע, וועלכע ער האָט אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען, אין קאָפּ נישט געקראָכן. ער איז אַרומגעלאָפן אין די גאַסן ווי אַ גרויסע, פּעטע מויז וואָס האָט ערשט נעכטן דאָ שפּאַצירט מיט דעם פּולן באַוווּסטזיין פון אַ באַלעבאָס, און מיטאַמאָל איז ער געווען אין אַ פאַרהעמערטער שטייג, וועמענס קראָטן ער האָט נאָך דערוויל נישט געזען.

פון צווישן די וואָלקנס האָט זיך באַוויזן די זון. עס איז געוואָרן קלאָרער און וואַרעמער. דער גערויש פון די מאַשינעס, וועלכע זענען שוין גאָר נאָענט, האָט געמאַכט ציטערן די ערד. שטיל־שווייגענדיקע, מיט אַ געפּיל אין וועלכן עס האָבן זיך גענעסטעט אי שרעק אי האָפענונג — זענען מענטשן געשטאַנען אויף די טראָטואַרן, וואַרטנדיק אויף עפּעס. דאָס אומבאַקאַנטע האָט געשראָקן און סודותפול געררייצט די נייגעריקייט. פון הינטערן ראָג האָט זיך באַוויזן אַ ריזיקע מחנה מיט אָפּגעשלאָסענע טורעמלעך און מיט פאַרהאַנגענע לאַמטערנעס. זיי האָבן זיך געגליטשט איבער שטאָלענע קייטן.

— טאַנקן! — איז דורך אַ געמורמל צווישן די אַרום־שטייענדיקע. אַלע זענען געווען זיכער ביי זיך אַז דאָס זענען רוסישע — צוליב די רויטע שטערנס, וואָס זענען אויפגעמאָלט אויף די זייטן און צוליב דער ריכטונג פון וועלכער זיי קומען. נאָר אויפן קול אַרויסצוזאָגן עס — האָט קיינער נישט געוואָגט.

די ערשטע טאַנקן — צוזאַמען מיט דער ערשטער שרעק זענען פאַרשוווּנדן. די נייגעריקייט אָבער — איז געבליבן. די אַנדערע מאַשינען זענען שוין געווען אָפּן. אין זיי זענען געשטאַנען זעלנער אין שוואַרצע, לעדערנע העלמען.

אין מיכלען איז אויפגעגאַנגען אַ געפּיל, ווי ער וואָלט זיך אַנגעטרונקען מיט שווערן, זיסן מעד. איבערנאַכט איז מען פּטור געוואָרן פון די פּאָליאַקן, און דער דייטש וועט אַהער נישט דערלאַנגען. די פרייד וואָס איז געקומען פון אינער־לעכער דערלייכטערונג האָט מיכלען און זיינע חברים באַגייסטערט. מיט פּאַכענ־דיקע היטלען האָבן זיי באַגריסט די זעלנער און יענע האָבן צוריקגעגריסט.

— וואָס טוט איר, קינדער! — האָבן די עלטערע ייִדן אויסגעשריגן, כאָטש זיי האָבן די יאָטן אַ ביסל מקנא געווען זייער יונגקייט.

— וואָס טוט איר? די גוים זעען, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך!

פאַר מיכלען זענען דאָס נישט געווען קיין רוסישע טאַנקן וואָס פאַרנעמען פּוילן, דאָס זענען געווען די רעוואָלוציאָנערע אַרמייען פון ניינצן פינף און ניינצן

געלעבט הינטער קראַטן

זיבעצן — וואָס האָבן מיט זייער ראָמאַנטישקייט פאַרשיכורט די אַכצן־יעריקע ייִדישע בחורים.

פאַליאַקן, ווי למשל, פאַן פענסקי, וואָס האָט פאַרקויפט יאַגדביקסן און וואָס יעדער רוס איז פאַר אים געווען נישט מער ווי אַ „פאַרשיוועד מאָסקאַל״, האָט געוואָרפן בלומען צו די טאַנקן, זאָגנדיק דערביי צו די פאַרחידושטע ייִדן:

— דאָס גייען זיי העלפן פוילן זיך שלאָגן מיטן שוואָב!

פאַר מיכלען איז די זאַך נישט געווען קלאָר. ער האָט געזוכט אין דער סכעמע פון ראַדיאָ, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ רויט ליכט צו געפינען אַ סטאַנציע וואָס וועט אויפקלערן דעם סוד. עס איז שווער געווען עפעס צו הערן. אויף יענער זייט פענצטער האָבן זיך צעלאָזן טאַנקן, אויף זייערע שטאָלענע קייטן, לאַסטאויטאָס מיט סאָלדאַטן, סאָלדאַטן...

דאָס פאַרנעמען ניעסוויזש איז זיי אָנגעקומען לייכט, ווי זיי וואָלטן דורכגעמאַכט אַ קליינע טאָג־טעגליכע איבונג. אַ צוויי־דריי שאָסן זענען געפאַלן, די עטלעכע וואַך־ביידלעך ביים גרענעץ — איבערגעדרייט, און שוין איז די אַרמיי אַוועק שפּאַצירן איבער די האַרבסטיקע פעלדער. די שטאָטישע קאַזאַרמעס זענען געשטאַנען ליידיק. ערגעץ־ווו אין מזרח־פּרייסן האָבן די פּוילישע אולאַנער באַוויזן זייער העלדישקייט און מיט די בלאַנקע שווערדן זיך געוואָרפן אויפן שונא. די שטאָט איז געבליבן אומבאַשיצט. די עטלעכע גימנאַזיסטלעך, מיט די אַלטע ביקסן, וואָס האָבן געזאָלט מיט זיך פאַרשטעלן דעם מיליטערישן כוח, זענען זיך צעלאָפן.

ענדלעך האָט מיכל אָנגעטראָפן אויף דער עטער־כוואַליע, וואָס האָט גאַנץ קלאָר געלאָזט וויסן דעם באַפעל פון סאָוועטישן אויסערן־מיניסטער מאָלאָטאָוו:

— די פוילישע רעגירונג איז אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק דאָס פאָלק אויף הפקר. דעריבער האָב איך געגעבן דער אַרמיי אַ באַפעל אַריבערצוגיין די גרענעץ און נעמען אונטער איר שוץ דאָס ווייסרוסישע פאָלק.

פאַר מיכלען איז אַלץ געוואָרן קלאָר. זיין בליק איז געפאַלן אויפן פאָרטרעט פון יוסף כמורנער. געדוכט האָט זיך אים, אַז כמורנערס בליק איז ווי אומעטיקער געוואָרן.

מיכל האָט דאָס בילד אַרויסגענומען פון רעמל — און באַהאַלטן...
אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געמאַרשירט די אַרמיי.

**
*

דאָס קאַלענדאַר־בלעטל האָט געוויזן דעם 17טן סעפּטעמבער 1939.

די מאַכט

די נייע, נאָך נישט מונדירטע מאַכט, מיט קנעפּ און קאָקאַרדעס, האָט ביי די שטאָטישע גויִים געהייסן: „די יידישע מאַכט". וואָרעם ערשט מיט אַ טאָג פיר־פינף צוריק, זענען פּוילישע שקצים אַרומגעגאַנגען מיט ביקסן אויף די אַקסלען, און מיט ווייסע לענטעס אויף די אָרעמס: „סטראַזש אָביוואַטעלסקאַ" (בירגער־וואַך).

און שוין היינט לויפן אַרום יידישע בחורימלעך, וואָס די ביקס איז זיי געהאָנגען איבערן אַקסל ווי אַ שטיק טעאַטער־רעקוויזיט, און אַ רויטן באַנד אויפן אַרבל, וואָס באַשטעטיקט אַז דער טרעגער פון דער ביקס איז די מאַכט: „נאַראָדנאַיאַ מיליציאַ" (פאָלקס־מיליץ).

דאָס זענען געווען די ערשטע פרייווילִיקע מיליציאָנערן, אויסגעקליבן אויף אַ מאַסן־מיטינג. נאָר קאָנטיק אַז די, וואָס האָבן יאָ געוווּסט וואָס אַזוינס עס איז אַ ביקס, און ווי עס דאַרף פונקציאָנירן אַ פאָלקס־מיליץ — זענען געבליבן קאַלט, און מיט באַוואָרענישן אָפּגעוואַרט דאָס געשטאַלטן זיך פון דער נייער מאַכט.

דער שטאָט־קאָמיסאַר, וואָס האָט זיך שוין באַוויזן צו איינקוואַרטירן אין אַלטן שטאָטראַט צוזאַמען מיט עטלעכע ציווילע וואָס זענען געווען האַלב־מיליטע־ריש געקליידט, מיט ברייטע לעדערנע שיידן פון רעוואָלווערן איבער די הויזן, איז געווען די אָפיציעלע מאַכט. דער ערשטער באַפעל האָט געלויטעט: עפענען די געשעפטן און זאָל דער האַנדל אָנגיין ווי פריִער. דער ווערט פון דער פּוילישער זלאָטע — איז איין סאָוועטישער רובל.

זאָל מען אין די קלויסטערס קלינגען, און זאָלן זיי זיין אָפן ווי פריִער.

די פּראַוואָסלאַוונע גלחים, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, האָבן האָפערדיק גע־קוקט אויף די קאַטוילישע, און זייער נצחונדיק־שפּאָטישער בליק האָט געמיינט:

— איצט זענען אונדזעריקע בײַ דער מאַכט, פּראַװאָסלאַװנע, מירן שױן נישט זײַן מער אין גלות בײַ די קאַטאָליקן...

נאָר דער פּױלישער קאָשטשיאָל מיט זײַן געהײמניספולער שטילקײט, און מיט די הײליקע בילדער, געמאָלן פון מאַטײקאָ — װאָס האָט פריִער בלױז אין אַ חגא באַװיזן זיך אָנצופילן — איז אַצינד יעדן טאָג געװען פול. אין זײער שטומען פּראָטעסט האָבן פּאָליאַקן זיך געלאָזן װאַקסן „סלאָװאַצקי־בערדלעך", אָדער װי מאַנכע האָבן עס גערופן: די סקלאַדקאָװסקי בערדלעך. די רוסן, װאָס האָבן נישט געװוּסט פון די אַלע קונצן, האָבן געמײנט אַז די פּאָליאַקן זענען עס באַגײסטערט פון װלאַדימער איליטשן און דעריבער טראָגן זײ זײַן בערדל...

כמעט יעדער יונגער פּאָליאַק האָט זיך געלאָזן װאַקסן אַזאַ מין בערדל, און אין אַ װאָכן צװײ װי די נײַע מאַכט האָט זיך באַװיזן, איז אַ היפּשער עולם שױן געװען באַבערדלט.

די ייִדישע קרעמער אָבער, האָבן זיך נישט געאײַלט אױפצומאַכן די געװעל־בער. זײ האָבן געקענט די „גדולים", װאָרום ערשט מיט אַ יאָר צװאַנציק צוריק זענען זײ געװען די באַלעבאַטים פון שטאָט. פון דעמאָלט אָן ביז איצט, האָבן זײ זיך נישט געענדערט.

— די זעלבע האַלעסראַקעס — האָבן זיך סוחרים געזאָגט בסוד־סודות.

נאָך בעסער װי זײ האָבן געקענט די רוסן, האָבן די קרעמער געקענט דעם װערט פון רובל, װאָס איז פריִער װערט געװען אַ שיבוש. דעריבער האָט זיך קײנער נישט געיאָגט צו פאַרטאַכלעװען ס'פאַרמעגן פאַר די קנאַקעדיקע „טשער־װאָנצעס" (צען־רובלדיקע באַנקנאָטן).

די אָנגעפּאַרענע טשינאָװניקעס — אין מיליטערישע שיניעלן און ציװילע היטלען, אױסגעדרײטע שטיװול מיט קורצע כאָלעװעס, װאָס זײ האָבן גערופן „גאַרמאָשקעס", האָבן דעם פּרעסטיזש פון דער נײַער מאַכט נישט געהױבן, כאָטש זײ האָבן אָן אױפהער איבערגעחזרט:

— או נאַס װסיאָ יעסט! (בײַ אונדז איז אַלץ פאַראַן!).

נאָר נאָכן אָנדערצײלן: װאָס „בײַ אונדז איז אַלץ דאָ", האָט אַזאַ פּאַניע אָנגענומען זײַן מיטשמועסער בײַם לאַץ, און געמיטלעך אַ פרעג געטון:

— קאָסטיום פּראַדאַיאָשז?... (פאַרקױפסט דעם אָנצוג?).

דער זײגערמאַכער לײבקע בלאָך האָט שנעל באַװיזן אָפּצוקלאַגן די פערציק טױזנט זלאָטעס אין װעקסלען װאָס זענען אומגעקומען צוזאַמען מיטן קאַסיר פון 27טן פּולק אולאַנער, און די אַלע חובות װאָס עס זענען אים שולדיק די קאַפּראַלן.

געלעבט הינטער קראַטן

װעלכע ער װעט שױן מער פֿאַר די אױגן נישט אָנזען. דער ערשטער האָט ער דעריבער אױפֿגעמאַכט זײַן טיר, מיט אַ פֿריש, אױף שנעל אױפֿגעמאָלטן, טאָװל: „טשאַסאָװאָי מאַסטער״, װאָרעם ס׳האָט אים געצױגן צו האָבן אין טאַש די נײַע װאַלוטע.

— מיט װאָס, איך בעט אײַך, זענען טשערװאָנצעס ערגער פֿון זלאָטעס?

באַלד איז זײַן געװעלבל פֿול געװאָרן מיט רוסן, װאָס האָבן אױפֿגעמאַכט טײַסטערס אָנגעשטאָפּטע מיט טשערנאָװוצעס; געפֿרעגט האָבן זײ בלױז אײן װאָרט:

— סקאָלקאָ? (װיפֿל?).

און באַלד האָבן זײ מיט אײַנגענעצטע פֿינגער געצײלט קנאַקעדיקע הונ־דערטער און רױטע דרײַסיקער אױף לײַבקעס קלײנעם זײגערמאַכער־טישל.

צוזעענדיק דאָס, האָבן די סוחרים ערשט דערזען די גרױסע פּרנסה װאָס זײ װעלן דאָ האָבן.

— סט׳געזען אַ ביסל — האָט געזאָגט סענדער־סאָרע־זעלדעס — אַ גױ זאָל זיך נישט דינגען? ביז דו פֿלעגסט דערזען פֿון אים אַ גראָשן, האָסטו די האָרץ אױסגעשפּײַט, אים צװאַנציק מאָל צוריקגערופֿן — און דאָ, נאָר אײן װאָרט; „סקאָלקאָ״? און שױן פֿליִען די פּאַפּירלעך...

די אײַזערנע שטאַנגען איבער די געװעלב־לאָדנס האָבן זיך נישט אױפֿגעמאַכט.

אײן פֿרימאָרגן האָט דער מיליציאָנער שמואל־יאָסל ספּיװאַק, מיטן רױטן באַנד אױפֿן אָרעם און מיט דער ביקס אױפֿן אַקסל, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון שניט־סוחר איצקאָװסקי. דאָס איז געװען אַן אַלטע אײַנגעפֿונדעװעטע פֿירמע, װאָס האָט ערשט דעם זומער איבערגעבױט דאָס געשעפֿט מיט מאָדערנע רוליעטן אױף די פֿענצטער און מיט באַזילבערטע בוכשטאַבן איבער דער טיר, װאָס אַ קינסטלער פֿון דער פּרעמד האָט ספּעציעל אױסגעפּאַרטיקט.

די שטאָט־לײַט און די דאָרפֿישע פּױערים װאָס האָבן דאָס געזען און באַװוּנ־דערט די פֿײַנע אַרבעט, האָבן פֿונדעסטװעגן דאָס געשעפֿט גערופֿן בײַם אַלטן נאָמען:

— סאָרע־ליבעס שניטקראָם.

שמואל־יאָסל האָט זיך געפֿילט אַ שטיקל מחותן צום געשעפֿט, װײַל דאָ זענען זײַנע צװײ שװעסטער: פֿרומע־אײדליע און דיניע־רײזל אױסגעװאָקסן, כּלה־מײדלעך געװאָרן און חתונה געהאַט. כאָטש ער האָט געטראָגן אַ ביקס און אַ רױטע לענטע און ער האָט רעפּרעזענטירט אַ מאַכט פֿון טאַנקן און האַרמאַטן,

איז נאָך זײַן באַװוּסטזיַיך נישט געװען רײַף און זײַן זעלבסטגעפיל נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירט, אַז טאַקע ער אַלײן קען באַפעלן. דעריבער איז דאָס ערשטע געשעפט געװען סאָרע־ליבעס, װאָס ער װעט הײסן אויפמאַכן.

נישט דרײסט האָט ער מיטן שפּיץ פון שוך אָנגעקלאַפּט אין דער אײַזערנער טיר:

— סאָרע־ליבע, מאַכט אויף!

— װער איז — האָט אַ נישט־זיכערע שטים געפרעגט פון אינעװייניק.

— ס'איז די מאַכט! — האָט שמואל־יאָסל מיט אַ געמאַכטער דרײסטקייט געענטפערט.

— װער איז די מאַכט? איז די שטים פון אינעװייניק נישט געװען גענוג זיכער, אַז ס'איז טאַקע די מאַכט.

— שמואל־יאָסל...

**
*

דער הױפּטנערװ, דער מוח פון דער מאַכט, איז געזעסן אין מינסק. פון דאָרטן האָבן זיך געצויגן אַלע פעדים ביז צום בוג, און אפשר נאָך װײַטער. אין מיטן אָבער, צװישן אין מיליטערישער קאָלאָנע און אַ צװײטער, האָט זיך גע־שאַפן אַן אומזיכערער חלל, אין װעלכן עס זענען אַרומגעשװוּמען שטעט, שטעט־לעך, דערפער, מענטשן. מיטאַמאָל זענען זײ פרײ געװאָרן פון אַלע פענטעס אין װעלכע דאָס פּױלישע געזעץ האָט זײ אין משך פון צװאַנציק יאָר אײַנגעבונדן און פאַרפּענטעט, װי דאָרפישע פערד װעלכע מען לאָזט אַרויס אויף נאַכט־פּאַשע, אויפן פרײַען פעלד.

די נײַע פענטעס האָט מען נאָך אויף זײ נישט אַרויפגעלײגט, און געװוינט צו גײן אין יאָך פון פאַפּירענעם אות, האָבן זײ נישט געװוּסט װאָס צו טון מיט זײער פרײַהײט.

די נײַע מאַכט, װאָס איז דורך אַלע יאָרן געװען בסך־הכל מיטן האַנט צו דערלאַנגען און עס האָט זיך געדוכט אַז מען קען איר, נאָך פון אַמאָל, איז מיט־אַמאָל דערשינען אײַנגעװיקלט אין טויזנט שלײערן, װי דורך אַ װײַטן װאָלקן פאַרשטעלט. מען האָט אויך נישט קלאָר געזען װער עס װעט הײַנט זײַן דאָס אײבערשטע פון שטײסל...

איז מען געזעסן הינטער פאַרמאַכטע טירן און געװויגן דעם אײגענעם גורל. דורכגעלופטערט אין זכרון די אײגענע פאַרגאַנגענהײט צו געפינען אַ

קערנדל זינד, פאַר וועלכע מען קען היינט שמייסן. דער דאָזיקער פרייער אָטעם־צוג צווישן איין מאַכט און דער צווייטער איז גענוג געווען פאַר די, וועמעס ווילן צו צעפירן די הענט איז געצוימט געוואָרן דורך סטאַבילקייט. איצט — אין כאַאָס, אויפן חשבון פון מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט, האָבן זיי דערפילט אַז די צייט, ווי קורץ זי זאָל נישט זיין, איז זייערע...

דער „רויטער מויער" האָט ביי די ניעסוויזשער יידן געהייסן די גרויסע געביידע פון טונקל־רויט געברענטע ציגל, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע גאַס. זי איז איצט געשטאַנען ווי אַ דענקמאָל נאָכן פרישן חורבן פון אַ מלוכה, וועלכע איז זיך צעפאַלן אין עטלעכע וואָכן.

יאָרן לאַנג זענען די ברייט־צעפראַלטע פענצטער פון דעם הויז געווען באַצירט מיט בלומען. פון זיי האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ פון גוט־געפלעגטע בולדאָגן, יאַגדהינט. צוזאַמען מיט זיי האָט מען אויך געקענט זען אַרויסקוקן אין דרויסן אײדל־געפּיעשטשעטע הענט מיט רויט־געפאַרבטע נעגל, און דין־געשנורעוועטע ליפּעלעך.

פאַרבייגייער האָבן תמיד געוואָרפן נייגעריקע בליקן צו די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, הינטער וועלכע עס האָבן זיך באַוועגט סודותפולע סילועטן, טיילמאָל צום ריטם פון מוזיק.

די דריי־שטאָקיקע געביידע איז געווען די היים פון די אָפיצירן פון 27טן אולאַנער פולק.

אין די דאָזיקע איבערגאַנגס־טעג איז דער שטיינערנער בלאָק געווען אײנ־געטונקט אין חושך, שטילקייט — אפשר טרויער, אָבער גאָר אין אַ גרויסער מאָס — אומזיכערקייט. די מענער זענען אַוועק אין קריג. דאָרט ערגעץ האָבן זיי געקעמפט, „אַפילו אַ קנעפּל וועלן מיר נישט אָפּגעבן דעם שונא". נאָר דאָ אין ניעסוויזש, אין רויקסטן ווינקל ביי דער סאָוועטישער גרענעץ איז שוין מער נישט געווען זייער מלוכה; און אויב זיי האָבן נאָך ערגעץ־ווו געלעבט, האָבן זיי שוין נישט געהאַט פאַרוואָס צו קעמפן. זייערע פרויען זענען געבליבן ווי יונגע ביימעלעך, וואָס זענען געוואַקסן אין שאָטן פון געדיכטן וואַלד; און זענען זיכער געווען אין דעם דאָזיקן שאָטן. נאָר ווען דער וואַלד איז פאַרשוווּנדן, האָבן זיי זיך דערפילט איינזאַם און הילפלאָז, אין זייער נישט־פאַרוואָרצלטקייט, ווען דער שטורעם איז אַדורך איבער זיי.

אין דער דאָזיקער בין־השמשות־צייט, ווען דער טאָג פאַרשווינדט און וואָס די נאַכט ברענגט מיט זיך, איז נישט באַקאַנט, האָבן זיך אין דאָזיקן הויז אַרייַנ־

געשלייכט עטלעכע פון די, וואָס האָבן געגאָלטן פאַר „שטאַרקע״. סייטשע, זלמן דעם בלעכערס, איסער, „מאַזולקעס״ און האָבן לטובת דעם אונטערדריקטן קלאַס, ווי זיי זענען עס געווען, קאָנפיסקירט עטלעכע ראַדיאָס, אַ פּאָר גאָלדענע זייגערס און אַנדערע קלייניקייטן, וואָס געהערן צום בורזשואַזן רעקוויזיט; און איצט דאַרף עס געהערן צו די אָרעמע מאַסן. און ווער איז נאָך אָרעמער ווי סאָרע־ריוועס „די ווייסע קאָפּס״ איידעמס? — — —

און ווידער איז איבערן שטאָט געהאָנגען די אומזיכערקייט פון מאָרגן, וועלכע האָט געצווונגען שטאַרקער צו פאַרריגלען טיר און טויער, ענגער צו פאַרהענגען ס׳פענצטער.

פּרילינג־וואַכן

די געוועלבער זענען געווען אָפן. די טירן האָבן זיך נישט צוגעמאַכט. נאָך קיינמאָל האָבן ניעסוויזשער קרעמער נישט געלייזט אַזויפיל געלט. נאָר דאָס געלט האָט עפּעס ביי זיי קיין פּנים נישט געהאַט.

—בחינם, אָנשטאָפּן חזירים — האָט דער נידעריקער, פּולער סוחר מאַליאַוו־סקי געברומט און אַריינגערוקט דאָס געלט אין שופלאַדל פון טיש, נישט נאָכ־ציילנדיק עס.

— טייערע ביעלסקער שטאָפן טוישט מען איין אויף שמאַטעס... — האָט ער נישט אויפגעהערט צו אַריינריידן אין ווייב.

— אָבער וועלוול, גאָט איז מיט דיר, זיי נישט קליגער פון אַ וועלט... אַלע פאַרקויפן דאָך!

אַריין און אַרויס זענען געגאַנגען קונים, טראָגנדיק שטיקער שטאָף. אינ־דרויסן, פאַרן טיר זענען געשטאַנען מענטשן, וואַרטנדיק זיך אַריינצוקריגן אינע־ווייניק.

ביי די טירן פון די לעדער־קראָמען האָט זיך געטון אויף קעפּ. מיטאַמאָל האָט יעדערער געוואָלט טראָגן שטיוול.

שטילערהייט האָבן קרעמער פאַרטיילט פעקלעך סחורה, שטיקער לעדער צו באַקאַנטע, אויף דער שוואַרצער שעה. געוווּסט האָט מען, אַז ביי „פּאַניען" צי־ען סוחרים לאַנג נישט אָן.

אויפן מאַרק איז געשטאַנען אַ הילצערנע טריבונע פון וועלכער דער שטאַט־קאָמיסאַר סיעראַטקע האָט פּראָקלאַמירט די לאָזונגען פון דער מאַכט: „ערד — פאַרן ערדלאָזן. ברויט — פאַרן ברויטלאָזן. פערד — פאַרן פערדלאָזן". דאַן האָט אַ מענטש פון דער מאַסע, דער חזירים־טרייבער מאַכיי געערעדט: „די פּאַנעס

האָבן אונדז געשמיסן אין אָחור — טאָ זאָלן זיי איצט קושן אין אים". די פּאָר גראָבע אויסדריקן אויף דעם חשבון פון דער אַלטער מאַכט, האָט גלייכצייטיק געדאַרפט דינען פאַר אַ לויב די נייע רעגירער. די סאָוועטישע מאַכט איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן.

צווישן די צוהערער אויפן מאַרק איז געשטאַנען מיכל. די רעדעס האָבן אים נישט גערירט. עפּעס האָט ער זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט דאָס ענדערן זיך פון רעזשים. ער האָט תמיד געטרוימט אַז ווען, „מיר" וועלן איבערנעמען די מאַכט, וועט עס אַרויסרופן פרייד און באַגייסטערונג; סיי פון יידן און סיי פון די ווייסרוסן. וואָרעם סיי דער ייד און סיי דער ווייסרוס האָבן וואָס אַ יאָר שווע־רער געפילט אויף זיך די שווערע לאַפּע פון רעגירער. נישט קיין ערד האָט דער פּויער געקענט פאַרקויפן אָדער קויפן. קיין הייזער האָבן יידן נישט געטאָרט פאַרקויפן.

— צו וואָס קויפן — האָבן פּאָליאַקן געשמייכלט אין די וואָנצן — ס'וועט סיי ווי זיין אונדזער...

נאָר מיכל האָט געזען אַז סיי די יידן, סיי די ווייסרוסישע פּויערים — וואָס זענען זיך צונויפגעפאָרן פון די דערפער, נעמען די אַלע פּראָקלאַמאַציעס אויף קאַלט; און, ווי עמעצער וואָלט זיי פון הינטן נאָכגעקוקט צי זיי פּאַטשן מיט די הענט נאָך יעדן לאָזונג, האָבן זיי געפּאַטשט בראַוואָ און געשריגן הוראַ! — ווי ס'וואָלט געווען אַן אָפּקומעניש.

אין די דערפער האָבן די פּויערים — נאָך פאַר דער פּראָקלאַמאַציע — גענומען זיך דאָס רעכט וואָס קומט זיי על־פּי־שכל. געוואַרט האָבן זיי נאָר, אַז די רוסן זאָלן שוין נעמען אויסטיילן די פּריצישע ערד, וועלכע זיי האָבן שוין באַטראַכט פאַר זייער.

דער פאַרייך פון „פּריקאַזשטשיקעס, שניידער־מיידלעך און סטאָליאַרעס" וואָס איז געווען אַ קליינע, קוים־אַנזעעווודיקע, אָרגאַניזאַציע, און איר לאָקאַל איז באַשטאַנען פון צוויי קליינע אַלקערלעך אין אַרעמסטן קוואַרטל, מיכאַליעשאָק, איז געוואָרן דער כוח צו וועלכן אַלע אין שטעטל האָבן אַריבערגעקוקט. פון תמיד האָט מען געוווּסט, אַז שלמקע „ציגעלע" און לייזער געצאָוו זענען קאָמו־ניסטן, כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט, אַפילו נישט דוץ פון דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי, ווי ווייט זייערע פאַרבינדונגען גרייכן און ווי גרויס עס זענען זייערע סימפּאַטיעס פאַר דער ראַטנמאַכט.

אין די פרילינג־טעג האָבן זיי פאַרן פאַריין געקראָגן אַ שיינעם לאָקאַל פון

געלעבט הינטער קראַטן

עטלעכע זאַלן מיט אַ ראַדיאָ. אין דאָזיקן קלוב האָבן זיך טאָג ווי נאַכט אַרומגע־דרייט ייִדישע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן סיי ווי נישט געהאַט וואָס צו טון, און רויטאַרמייער וועלכע זענען נאָר־וואָס אָנגעקומען, אָדער זענען געווען דאָ בלויז איבער נאַכט, האָבן — ווי יעדער זעלנער אין זיין פרייער צייט — געזוכט אַ מיידל צו פאַרברענגען.

איין טאָג האָט שלמה „קאַדזיאַב״, דער וואָס האָט דער נייער מאַכט באַנומען אַזוי ווי ער האָט איר יאָרן־לאַנג אויסגעחלומט אין זיין נישט־ צו־גרויסער נשמה, וואָס האָט געלעבט אין זיין קאַרליקישן תמיד הונגעריקן גוף, אַרויסגענומען די רויטע פאָן מיט די גאָלד־אויסגעהאָפטע אותיות: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״ פון די ענגע, דומפּיקע צימערלעך אין דעם נייעם לאָקאַל אַריין. אַליין האָט ער די פאָן געטראָגן איבער די הויפּטגאַסן מיט אַ געפיל פון זעלבסטבאַפרידיקונג, און צולהכעיס אַלע בורזשויען, וואָס דרייען זיך אַרום אין גאַס.

די פאָן האָט נישט געפלאַטערט, ווי זי וואָלט זיך געשעמט. זי איז הכנעהדיק אַראָפּגעהאַנגען פון שטעקן, ווי זי וואָלט דערפילט איר פאַריתומקייט, אָדער אומנוצליכקייט אין די דאָזיקע טעג.

ווען די פאָן וואָלט געקענט ריידן, וואָלט זי געוויס געזאָגט:

— נישט איך בין געווען דער סימבאָל פון אייער באַפרייאונג, און נישט אין נאָמען פון די אידעאַלן וואָס זענען אויף מיר אויסגעהאָפטן האָט מאַרשירט די אַרמיי מיט טאַנקן און האַרמאַטן. דאָס איז נישט מיין וועלט. איך בין דער סימבאָל פון אַרבעטער־בלוט פאַרגאָסן אויף באַריקאַדן.

די, וואָס האָבן אפשר אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען די דאָזיקע נישט־געזאָגטע רייד, זענען געבליבן אין דער היים. שלמה „קאַדזיאַב״ האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס גייט ער עפּעס איינער אַליין, כאָטש מיט וואַכן פריִער וואָלטן הונדערטער אים באַגלייט.

אויף נייע רעלסן...

די ברייטע, דעמבענע טירן פון יאָרהונדערטער אַלטן ראַטהויז זענען געשטאַנען אָפן. מענטשן אין גרויע שינעלן און פויערישע שטיוול; יונגעלייט, וואָס האָבן ערשט נעכטן נאָך געטראָגן ווייסע קעלנערלעך און עלעגאַנט־אויסגעבונדענע קראַוואַטן, אין נאַר־וואָס אויפגענייטע גרינע „גימנאַסטיאָרקעס" און ברייטע לעדערנע רימענס, אַרומגעגאַרטלט; מיידלעך אין ווייסע וואָלענע טיכלעך אָדער גרינע מיליטערישע „פּילאָטקעס", זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס. קיינער האָט זיי נישט געפרעגט וועמען זיי זוכן און וואָס זיי דאַרפן. די שפּיגלדיק־געוועקסטע פּאַרקעטן פון גרויסן טעאַטער־זאַל זענען געווען צעריבן פון שווער־באַשטיוולטע פיס, און פון די שטולן, וואָס מען האָט אַן אויפהער געררוקט אַהין און צוריק. פון דער מיט גאָלד־באַשלאָגענער ראָם איז פאַרשוווּנדן דאָס בילד פון „דזיאַדעק"*) אין זיין גאַנצער גרויס; און אַ ליידיקע ראָם — ווי אַן אויסגעשלאָגן אויג — האָט שטאַר געקוקט פון וואַנט אַראָפּ.

דער בינע־פאָרהאַנג איז מער נישט געפאַלן. אַ רעדנער איז אַרויף. אויסגעטאָן ס׳היטל און אַ שאָקלטוענדיק מיט דער נישט געשוירענער טשופּרינע, האָט ער אויסגערופן:

— טאָוואַרישטשי! (חברים!).

זיינע רייד זענען געפאַלן אויפן פול־געפּאַקטן זאַל, וואָס איז געווען איין צוזאמענגעגאָסענע מאַסע פון קעפּ.

— טאָוואַרישטשי! — האָט ער ווידעראַמאָל געזאָגט, — די גרויסע שעה פון באַפרייאונג איז געקומען. איר דאַרפט באַשליסן צי ווילט איר זיך אָנשליסן אין דער ווייסרושיסער רעפּובליק, צי איר ווילט זיך פאַראייניקן מיט אייערע

---

*) פּילסודסקי.

ברידער — אָודאי װילט איר! מיר האָבן אײך באַפרײט פון די פּױלישע פּאַנעס, װעלכע האָבן אײער בלוט געזויגט! איצט דערװאַרט אײך אַ גליקלעך לעבן אין דער משפּחה פון די סאָװעטישע פעלקער — — —

די מאַסע איז געבליבן קאַלט. דער האַס צו די מאַכטהאָבער און די פּאַרריסענע פּױלישע ביוראָקראַטן איז מיטאַמאָל אויסגערונען. דעם װאַקום האָט די נײַע מאַכט נישט באַװיזן אָנצופילן מיט ליבע — און כאָטש די װערטער זענען געפאַלן אין אַ פּוסטקייט — האָבן זײ דאָך נישט געפונען קײן אָפּקלאַנג. די מידע פּנימער האָבן אויסגעדריקט — לאַנגװײל.

עס רעדט אַ רעדנער אין ייִדיש: משה פּאַנשטיין, און גערופן האָט מען אים קורץ: פּאַניע.

— די רויטע אַרמיי האָט אונדז באַפרײט פון די נעגל פון װײסן אָדלער... באַפליגלטע רייד, נישט מער, צו גוט קען מען „פּאַניען" אַז זײַן רעדע זאָל מאַכן אַן אײַנדרוק. כאָטש יונג, האָט ער שוין באַװיזן צו כאַפּן די גאַנצע סאָװעטישע תּורה, און היות ער איז געװען דער זון פון אַן אָרעמאַן, איז ער געװען ראוי צו אַרויסטרעטן װי אײנער פון פאָלק.

— טאָװאַרישטשי!

אויף דער בינע שטײט די דעלעגאַטקע צו דעם צוזאַמענפאָר, װאָס דאַרף באַשליסן צו פּאַראײניקן די געביטן פון מערב-װײסרוסלאַנד מיטן סאָװעטישן װײסרוסלאַנד.

— איך בין אַ „ניעגראַמאָטנע" מײדל און כ'האָב געפּאַשעט גענדז בײם פּריץ, מײַן מאַמע האָט געװאַשן װעש און דער טאַטע איז געגאַנגען אויף טאָג-אַרבעט.

דאָס איז די ביאָגראַפיע פון קאַנדידאַט פאַרן דעפּוטאַט װאָס װעט געװײלט װערן צו פאַרטרעטן ניעסװיזש. זי איז טאַקע אויסגעװײלט געװאָרן.

דער רוס מיט דער צעשויבערטער טשופּרינע האָט זיך װידער באַװיזן:

— טאָװאַרישטשי! אַלע װי אײנער װעלן מיר שטימען פאַר דער חברטע לאָדזיאַטע!

מיכל איז געזעסן אין זאַל. ער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק אַז דער מיטינג איז אַ נישט-גוט-צוגעגרײטע פאַרשטעלונג. אַפילו פּאַניעס רעדע איז נישט רײנע אימפּראָװיזאַציע, נאָר אויסגעשטודירט פון אַ פּאַפּיר. מענטשן זענען אַרײַן און אַרויס פון זאַל. אויף דער בינע איז אויפגעטראָטן אַ כאָר, און נאָך אײן רעדנער, און מען האָט געװיזן אַ פילם: „לענין אין אָקטאָבער יאָר" — — —

געלעבט הינטער קראַטן

***

נאָך אײדער דער צוזאַמענפּאַר פון די דעפּוטאַטן איז זיך צוזאַמענגעקומען, אַפילו נאָך אײדער מען האָט זײ באַװיזן אויסצוקלײבן, זענען די אײזנבאַן־רעלסן פון די פּוילישע געביטן איבערגערוקט געװאָרן, כדי זײ זאָלן פּאַסן גענוי צו די סאָװעטישע.

— צוריק װעלן זײ עס דאָך נישט איבעררוקן — האָט מיכל געטראַכט, זיך צוקוקנדיק מיט װאָס פאַר אַ טעמפּאָ די באַן־אַרבעטער שטעלן איבער רעלס נאָך רעלס, און גלײך נאָך זײ רוקט זיך אַ שװער־סאָפּענדיקער לאָקאָמאָטיװ מיט אַ רויטן שטערן.

— טאָ צו װאָס איז געלאָזן געװאָרן אין גאַנג די פּאַרטײ־מאַשין, כדי צו איבערצײגן, אַז מיר זאָלן גײן שטימען, װײל אונדזערע שטימען װעלן דעצידירן װעגן גורל פון לאַנד?!

די סאָװעטישע טאַנקן װאָס זענען געפאָרן אָפּט איבערן שטאָט און די שטאָלענע פײגל אין הימל זענען געװען דער בעסטער אַרגומענט צו איבערצײגן, אַז די פּאָליאַקן װעלן סײ װי זיך מער נישט צוריקקערן.

***

דער אײז־קאַלטער יאַנואַר־טאָג האָט ממש גערעדט װערטער. דער פראָסט איז אַרונטערגעקראָכן אונטער די פוטערנע היטלען, אַרײנגעקראָכן אין די שװערע שטיװל און געקניפּט אָן רחמנות.

— „פּאַניע" האָט פאַרשלעפּט אַ שטיק סיביר אַהער — האָבן אַלטע פויערים גערעדט צװישן זיך — קלאַפּנדיק אײן האַנט אָן דער צװײטער. זײ זענען אַרומגעקראָכן איבערן שטעטל און געפּרוּװט אויסטאַפּן בײ באַקאַנטע יידן װי מען האַלט אין דער װעלט. זײ האָבן נישט געטרױט די אַגיטאַטאָרס װאָס האָבן אין די דערפער געהאַלטן אין אײן רעדן, געװיזן פילמען און װידער גערעדט.

— די יידן װײסן באַשטימט בעסער — האָבן זײ צװישן זיך גערעדט.

פון די צוגעזאָגטע פּריצישע ערד איז גאָרנישט געװאָרן.

— איך געמוזט אָפּגעבן בהמה, פערד — אַ בראָך אין קאָפּ — האָט זיך דער אַגאַראַדניקער פויער, װאַסיל, געקלאָגט פאַר אַ באַקאַנטן יידן אין זײן האַלב־גױישן ייִדיש.

— געזאָגט קאָמיסאַר: װער נישט פערד — געבן, װער נישט קאַראָװע —

געבן, ערד — געבן. איך גאָרנישט. נישט קאַראָווע, נישט פערד, נישט ערד. איך גוט סאָוויעצקע וולאַסט. איך גיי קניאַז ראַדזיוויל — נעם אַלץ. קומט סאָל־דאַט זאָגט: ניין, גיב צוריק. דו גיי קאָלכאָז — אַלץ דיינע. כאַליערע זיין קאָפּ.
— האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שפּיי; און ווייזנדיק די גאַנדז, וואָס ער האָט גע־האַלטן אונטערן אָרעם.

— מאכאָרקע האָסטע, איך נישט דאַרף „פּאַפּירלעך“!

די פּויערים האָבן זיך נישט געקענט צוגלויבן אַז פון די פּריצישע פעלדער וועלן זיי גאָרנישט האָבן און אַז זיי וועלן דאַרפן גיין אַרבעטן אין קאָלכאָז, אין דער קאָלעקטיוויער ווירטשאַפט. דאָס הייסט ביי זיי:

— צו גיין אַרבעטן אויף יענעם.

מיט פאַרדאַכט האָבן זיי געקוקט אויף די שילדן וואָס זענען געהאָנגען אויף די גרויסע ייִדישע קראָמען:

„נאַרקאָמפּישטשעפּראָמטאָג“, „וואָיענטאָרג“, „גאַסבאַנק“, „פּראָקאָמבינאַט“.

האַלב מיט פאַרדאַכט און האַלב נייגעריק האָבן זיי אַריינגעשטעקט זייערע נעז און אויף די ליפּן איז זיי געבליבן הענגען אַ פראַגע:

— אַ גדיע סאָרע־ליבע? שאָ פּוסטוי קראָם? (ווו איז שרה־ליבע, פאַרוואָס איז עפּעס ליידיק?) — האָבן זיי זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן. מען האָט נישט געקענט וויסן אויף וואָס זיי ווונדערן זיך צוערשט. צי וואָס סאָרע־ליבע איז נישט מער די באַלעבאָסטע פון געשעפט, אָדער וואָס סאָרע־ליבעס קראָם האָט ליידיקע פּאָלן.

— דאָס איז אַ סאָוויעצקע קראָם — האָט זיי אַ פאַרבייגייער דערקלערט.

זעענדיק די פּוסטע ברעטער אין די נאַר־וואָס געעפנטע סאָוועטישע גע־שעפטן איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן צוויי זאַכן: ערשטנס אַז ייִדן זענען נישט אַזעלכע גוואַלדיקע יחסנים און צוויטנס: אַז פאַר פּוטער און קעז, אַ צענדליק אייער אָדער אַ הון דאַרף מען קיין טשערוואָנצעס נישט נעמען:

— באָ שאָ קופּיש זאַ עטיע הראָשי? (וואָס וועסטו פאַר דעם געלט קויפן?).

קריכנדיק אַזוי איבערן ליידיקן שטאָט־מאַרק, זענען זיי שטיין געבליבן אין מיטן און מיט פאַרוווּנדערונג דערזען, אַז אויף פּוילנס אומאָפּהענגיקייטס־דענקמאָל, ווו ס'איז תמיד געשטאַנען אַ בראָנדזענער אָדלער — שטייט איצט אַ מענטשל מיט אַ בערדל, און זיין אויסגעשטרעקטע האַנט ווייזט אין דער ריכטונג פון דער מאַרקשול.

זיי האָבן זיך נישט געקענט צוגלויבן:

—שאַ, ניעמאַ פיעטוכאַ? אַ שאַ עטאַ זאַ דיאַדקאַ (נישטאָ דער האָן? און ווער איז דאָס דער פאַטערל?.

— מוסיט ז׳איכניך (משמעות אַ זייעריקער). — האָט אַ צווייטער געענטפערט.

**
*

נישט געקוקט אויפן פראָסט איז מיכלען נישט געווען איינצוהאַלטן אין שטוב.

— אַ בעלנות פון אַ מענטשן, אין אַזאַ פראָסט זיך צו שלעפּן אין גאַס. — האָט געזאָגט מיכלס מאַמע.

אָבער מיכל האָט נישט געהערט. ער האָט נערוועז איבערגעוואָרפן די ביכער און העפטן, דורכגעקוקט די אויפגאַבן וואָס ער דאַרף צוגרייטן אויף מאָרגן, נאָר די הענט האָבן זיך נישט צענומען. שוין יאָרן אַז ער איז נישט געזעסן אויפן שולבאַנק. נאָר איצט אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו טון, האָבן אַלע חברים באַשלאָסן:

— מירן זיך גיין לערנען אין דער ווייסרוסישער גימנאַזיע.

די גימנאַזיע האָט זיך געפונען אין מאָנאַסטיר פון די שוועסטער פון דאָמע־ניקאַנער אָרדן. אין איינעם פון די ווייטסטע בלאָקן האָבן זיך די נאָנעס אָפּגע־שלאָסן, כדי ווייטער זיך קענען אַרומטראָגן מיט זייער אומשולד און איבערגעבנקייט צום געקרייציקטן. אין דער פּרײַערדיקער מיידל־שולע האָבן זיך אַצינד אַרומ־געדרייט מענער און פרויען: שילער און שילערינס.

אויפן ברייטן הויף איז געשטאַנען אַ הויכער, הילצערנער צלם, און אויף זיין שפּיץ, די קליינע זילבערנע פיגור פון קריסטוסן. באַלד דעם צווייטן טאָג האָבן די פויערישע קינדער פון די דערפער צעטראָטן די בלומען אַרום דעם צלם און אָפּגעריסן דאָס ווייסע פּאַרטעכל. זיי זענען נאָך געווען צוריקגעהאַלטן. די ערשטע שניי־קוילן זענען געפלויגן צו דער קליינער פיגור. ביז אַ שטיין האָט פאַרבלאָנדזשעט און עס אַראָפּגעריסן...

מיכל איז געשטאַנען אויפן בריקל פון שול און זיך צוגעקוקט. עס האָט אים נישט געפרייט די דערשיינונג וואָס קריסטלעכע קינדער צעהאַקן מיט שטיינער דאָס בילד פון זייער גאָט, כאָטש ער אַליין איז נישט קיין גלויביקער. ער האָט אָבער נישט געזען קיין העלדישקייט אין דער דאָזיקער טאַט. גיכער איז עס געווען אַ הפקרדיקער אַקט פון פּראַוואָסלאַווע איבערן קאַטוילישן גאָט.

אין דעם פראָסטיקן יאַנואַר־פרימאָרגן האָט ער דעם צלם מער נישט געפונען אויפן שולהויף.

מיט הנאה האָט אים כוויטקאָ דערציילט:

— בײנאַכט האָבן מיר אים אונטערגעזעגט, דעם פאַרשאָלטענעם. וואָלסטו געזען ווי די מאַנאַשקעס האָבן געוויינט, נאָר האָבן מורא געהאַט צוצוגיין. זיי האָבן אים ווי אַ פגר אַריינגעטראָגן אין קלויסטער, און איצט בעטן זיי געוויס פאַר אים...

„די ערשטע סימנים פון דער נייער מאַכט. נישט בויען, איבערדערציִען — נאָר צעשטערן, אונטערזעגן"... האָט מיכל געטראַכט. צו פריש און צו ניי זענען די איינדרוקן געווען פאַר מיכלען, ער זאָל זיך קענען פאַרנעמען מיט צוגרייטן די שול־אויפגאַבן. ער האָט געמוזט רעדן מיט עמעצן, כדי אין געמיינזאַמען גע־שפּרעך פּרוּון אויפצוקלערן עס פאַר זיך און שאַפן אַ קלאָרע מיינונג וועגן דאָס געשעענע. ער איז דעריבער אַוועק צו זיין חבר סיאָמקען.

ווי לאַנג זיי זענען שוין חברים האָט מיכל קיינמאָל נישט געקענט קלאָר וויסן. נאָר גערעכנט האָט ער, אַז זינט זיי בײדע האָבן זיך געקענט שטעלן אויף די פיס און האָבן ווי קליינע קעצלעך אַרויסגעפּויזעט אויף גאַטס וועלט, זענען זיי ער געוואָרן פריינד.

כאָטש שפּעטער זענען זיך זייערע וועגן צעגאַנגען. סיאָמקע אין דער העב־רעיִשער שול און מיכל אין דער יִידישער. די חברשאַפט אָבער איז געבליבן. ווען סיאָמקע האָט אָנגעשריבן זיין ערשט ליד, האָט ער זי געבראַכט ווייזן מיכלען. אויך פאַר מיכלס לידער איז סיאָמקע געווען דער מבין.

סיאָמקע איז נישט געגאַנגען זיך לערנען. אויך נישט סראָליק. זיי זענען ווייטער געשטאַנען ביי די טישלער־וואַרשטאַטן און געמייסטערוועט טישן און בענקלעך, שאַפעס און פענצטער.

ביי סיאָמקען אין שטוב, האָט מיכל דערפילט, הענגט עפּעס אין דער לופטן, עפּעס האָט פּאַסירט און דאָס דריקט די שטוביקע אויף די געמיטער. סיאָמקעס קליינער ברודערל, וועלכן מיכל האָט תמיד געשנעלט אין נאָז און געדופן:

— שוואַרצער קאָטער, פּיפּערנאָטער, איז אומעטוק געזעסן אין אַ ווינקל און נישט דרייסט אַריבערגעקוקט צו מיכלען.

מיכל איז דאָ געוועזן צו היימיש, אַז מען זאָל פאַר אים מאַכן אַ סוד, אַגב האָט שוין אַזאַ פאַל פּאַסירט אין שטאָט. סיאָמקע האָט אים אַריינגערופן אין צווייטן צימער, ווייל אין זיין מאַמעס אויגן האָט ער געפילט וועט ער נישט קענען ריידן.

— ווייסט דאָך וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זימל דעם שניידער — זיי האָבן פון אים געפאָדערט צען טויזנט רובל שטייערן; און אים איינגעזעצט אויף אַ יאָר צייט.

נעכטן ביינאַכט האָבן זיי אַרויסגערופן מיין טאַטן. זיי ווילן פון אים דריי טויזנט רובל, אָדער זלאָטעס.

— וואָס, פון דיין טאַטן? — האָט זיך מיכל נישט געקענט איינהאַלטן.

— יאָ, פון אים. נעכטן האָבן זיי אים געוויזן אַ קעלער אין דער נ. ק. וו. ד. און געזאָגט: זעסט — דער אַריינגאַנג איז אַ ברייטער, אָבער אַרויסצוגיין איז אַזוי שמאָל, האָבן זיי אָפּגעמאָסטן מיט די הענט. מילא, דו ווייסט דאָך. פון וואַנען זאָלן מיר נעמען געלט? פון מיינע פאַרדינסטן, פון מיין שוועסטערס? אַז צו פאַרקויפן וואָס פון שטוב איז אויך נישטאָ.

מיכל האָט עס גוט געוווסט. ער האָט געקענט פּיוועע דעם קצב. אַז קוים וואָס ער שטעלט צונויף אויף אַ קעלבל, אָדער אַ פּאָר שעפּסן. ער מאַכט אָפּט אַ כוסע און האָט זיכער אַזאַ סומע קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען.

— פאַר די פּאָר חדשים וואָס מען האָט געמעגט האַנדלען — אַזאַ סומע. כ'וויס, פריער, פאַר די פּאָליאַקן וואָלט מען עפּעס אָפּגעשריבן. מ'שטיינס געזאָגט — וואָס ס'איז דאָ אָפּצושרייבן. נאָר גאָרנישט — האָט סיאָמקע מיט ביטערקייט פאַרענדיקט.

מיכלען האָבן מיטאַמאָל אַלע זיינע פּראָבלעמען געגומען אויסזען קליין און אַפילו נאַריש. צוליב אַ פּאָר טויזנט זלאָטעס וועט אַ מענטש פאַרלוירן גיין אין תפיסה. — — —

מיכל האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אויך נישט געוווסט פון וואַנען זיי וועלן נעמען צו באַצאָלן.

ביז צום געריכט איז פּיוועע יעדן טאָג היפּשע עטלעכע שעה, אין משך פון אַ וואָכן צוויי, אָפּגעזעסן אין דער נ. ק. וו. ד. אויף „דאָפּראָס". פּונקט ווי עס וואָלט אין שטראָף־קאָדעקס געווען אַ פּאַראַגראַף וואָס זאָגט: „ס'איז פאַרבאָטן צו זיין אַן אָרעמאַן" — — —

ערב דעם משפּט האָט שטאָט דערזען, אַז „פּאַניע" מיינט נישט קיין קאַטאָוועס.

—וואָס הייסט — האָבן ייִדן זיך געקאָכט — פאַר אַ פּאָר זלאָטעס זאָל מען אַ ייִדן לאָזן איינזעצן אין אָסטראָג! ס'איז דאָך עק וועלט — — —

מען האָט צוזאַמענגעקליבן אַ טייל פון דער סומע, און געגעבן עס פּיוועען ער זאָל אַהינטראָגן.

— וואָס? — האָט דער פינאַינספּעקטאָר *) צו אים געזאָגט — וואָס ספּעקולאַנט. נעכטן האָסטו נישט געהאַט און היינט האָסטו שוין?!...

פּייווע פאַרפעל האָט באַקומען אַ יאָר צוואַנגס־אַרבעט און אַ אומזיסטע רייזע קיין קאָמסאָמאָלסק...

ביי מיכלען אין קאָפּ האָט עס זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן.

— די גבירים האָבן אי פריִער געהאַט געלט צו באַצאָלן, אי איצט האָבן זיי באַצאָלט זייערע שטייערן און ס׳איז נאָך זיי געבליבן גענוג אויף צום לעבן, כאָטש מען האָט צוגענומען זייערע געשעפטן — — —

— אַז דער אָרעמאַן איז פריִער געלעגן אין דער ערד — איז שולדיק געווען דער קאַפּיטאַליזם. היינט ווערט ער מיטאָמאָל אַ פיינט פון אַרבעטער־קלאַס, ווייל ער איז אַן אָרעמאַן.

נאָך איידער מיכל האָט געהאַט צייט זיך פאַרנאַנדערצוקלייבן וואָס אין דעם אַלעם שטעקט, האָט אין שטאָט פּאַסירט אַ נייע מעשה.

— דער מאָהילנער שניידער האָט זיך אויפגעהאָנגען! פאַרטאָג האָט מען אים געפונען אויפן בוידעם אַ קאַלטן. און פון זיך אויס האָבן מענטשן צוגעגעבן:

— ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אים נישט איינזעצן פאַר די שטייערן, ער איז נעבעך אַ ביטערער אָרעמאַן. ער האָט נישט געקענט איבערלעבן די בושה.

מיכל האָט געקענט דעם שטילן ייִדן וואָס האָט געלעבט אויפן מיכאַליעשאַק און קוים געצויגן חיונה פון זיין שער און אייזן. זיין זון שמעון לעווין, איז געווען מיכלס אַ חבר. אַ נערוועזער בחור, וואָס האָט קינדווייז פאַרלוירן דריי פינגער פון דער רעכטער האַנט, שפּילנדיק זיך מיט אַ האַנט־גראַנאַט.

מיכל האָט אים אויפגעזוכט און געפּרוּווט טרייסטן.

— דאַרפסט מיט מיר קיין געשעפטן נישט האָבן — האָט שמעון איבערגעהאַקט. — מ׳האָט מיר אַרויסגעוואָרפן פון גימנאַזיע, ווייל כ׳בין אַ זון פון אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער...

— —

דער לאָקאָמאָטיוו פון רעזשים איז פעסט געזעסן אין די שטאָלענע רעלסן, מיט וועלכע די מערב־געביטן זענען פאַראייניקט געוואָרן צו דער פעדעראַטיווער

*) פינאַנס־אינספּעקטאָר.

וויסרוסישער רעפּובליק. נישט מער וואָס דאָרט האָט זיך דער דאָזיקער לאָקאָ־מאָטיוו געררוקט לאַנגזאַם, און איבער יעדן שפּאַן ערד וועלכן ער איז דורכגעפאָרן זענען געבליבן ליגן ווי שפּאַלן אונטער די רעלסן — מענטשלעכע קערפּערס; זיי זענען צעלייגט געוואָרן אויף מיילן — אָפּשניטן פון צייט — 30 יאָר. די דאָזיקע דרייסיק יאָר האָט דער לאָקאָמאָטיוו־פירער, וואָס האָט געהאַט אין די הינטערשטע וואַגאָנען געגנוג ביקסן און טאַנקן און פאַר זיך געהאַט נישט מער ווי יידישע קרעמערלעך, באַלמעלאָכעס, אָרעמע אָפּגעשטאַנענע ווייסרוסישע פּויערים — איצט דורכגעמאַכט קוים אין אַ יאָר צייט.

„גליקלעכע קינדהייט“

אַ דראָבנער, האַרבסטיקער רעגן האָט לאַנגזאַם געזיפּט, מיט אַ זאַק אָנגעטאָן ווי אַ באַשליק איבערן קאָפּ; די באָרוועסע פּיס אַריינגערוקט צווישן די האַלב־צעפוילטע שטאַכעטן פון פאַרקאַן איז מישקע וואָלאָוו געשטאַנען פון אינדערפרי אָן און נישט געקענט די אויגן אָפּרייסן פון ברייטן, זאַמדיקן שליאַך, וואָס איז פריִער געלעגן פאַרלאָזן, מיט גראָז און געלע בלומען פאַרוואָקסן.

— אידוט! זיי גייען!

צופוס און אויף פערד, האַלב־דורכגעווייקטע פון רעגן האָבן זיי מאַרשירט. די גרינע העמדלעך האָבן זיך געטריקנט אויף די רוקנס פון די סאָלדאַטן און זיי האָבן געפּאַרעט, ווי די פערדישע פעלן.

שוואַרץ פון שטויב און אוילן, האָבן זיך געריקט שווער־פאַרסאָפּעטע טראַק־טאָרן און מיט די שטאָלענע קייטן זיך איינגעגעסן אין זאַמדיקן שליאַך, שלעפּנדיק נאָך זיך לאַנגהאַלדזיקע האַרמאַטן. לאַסטאויטאָס באַלאָדן מיט זעלנער האָבן זיך געוויגט, ווי נישט אויסגעשלאָפענע, איבערן וועג, זוכנדיק אַ מעגלעכן דורכפאָר צווישן די גריבער, אָנגעפילטע מיט וואַסער.

די רויטע אַרמיי האָט מאַרשירט.

נאָך קיינמאָל האָט מישקע וואָלאָוו, פון קאָלכאָז „קראַסני סטיאַג“ נישט געזען אַזויפיל זעלנער. און אַלע גייען זיי אַהין, צום גרענעץ — דאָרט ווו עס זענען תמיד געשטאַנען „פּאָגראַניטשניקעס“ מיט הינט, ווו עס געפינען זיך די „ווייסע“ פּאָליאַקן.

שוין עטלעכע מאָל ווי וואַסילי וואָלאָוו פּרוווט אַריינזאָגן זיין צוועלף־יעריקן זון אין שטוב אַריין, אָבער ס׳העלפט נישט.

— אידוט, נאַשי אידוט ווּפּיעראָד! (אונדזערע גייען פאָרויס!).

מישקע איז געווען אַ גוטער „פּיאָנער“ און ער האָט געוווּסט אַז די רויטע אַרמיי גייט שטענדיק פאָרויס. ווּפּיעראָד! אַזוי איז זי איצט, ווי אַ טייך וואָס איז אַרויס פון די ברעגן אַריבער די גרענעץ, צו פאַרטרייבן די פּוילישע פּאַנעס...

**
*

שטיל איז געווען ביי וואַסילי וואָלאָוון אין שטוב. אַ קליין נאַפטלעמפּל האָט קוים געקאַפּטשעט. די געפּלאַצטע גלעזל, וואָס איז געווען פאַרקלעפּט מיט אַ שטיקל צייטונג, האָט געוואָרפן טאַנצנדיקע שאָטנס אויף דער וואַנט. וואַסיליס ברודער, ניקאָליי, האָט געדרייט אין אַ צייטונגס־פּאַפּיר; געקוקט ווי עס פאַלט דער אַש אויפן ליימיקן דיל — און געשוויגן. וואַסילי האָט אויך געשוויגן; די איינציקע באַוועגונג וועלכע זייערע ליפּן האָבן געמאַכט, איז געווען אַרויסצולאָזן דעם רויך. אַ טויטע שטילקייט איז געלעגן איבער דער שטוב. בלויז אויגן האָבן גערעדט. הונגעריקע אויגן פון די ברידער וואָלאָוו. דורך זיי האָבן אַרויסגעקוקט די נישט־דערעסענע טעג פון זייערע קינדער, וואָס לויפן אַרום מיט האַלב־ליידיקע מאָגנס און באָרוועסע פיס. דער גאַנצער עלנט זייערער פאַר די צען יאָר אין קאָלכאָז, „קראַסני סטיאַג“.

— ברויט. — האָבן ענדלעך אַרויסגעמורמלט ליפּן. — „דאָרטן“ איז דאָ וויפל מען וויל אין די מאַגאַזינען. גוטער ברויט. ווייסער — — —

פאַרטאָג האָבן זיך דריי קינדער, ווי דריי שאָטנס, געשלייכט צום וואַלד. דאָס שיטערע וועלדל איז געשטאַנען אין וואַסער. זיי האָבן אים דורכגעשניטן דורך די באַקאַנטע שטעגעלעך און זענען אַרויס אויפן אָפענעם פעלד. אַראָפּגעבויגן נידעריק צו דער ערד, זענען זיי אַריין צווישן ווערבע־קוסטעס, וואָס זענען, ווי אינדזעלעך, געווען צעוואָרפן איבערן זומפּיקן פעלד. די גרענעץ־דראָטן זענען מער נישט געווען און זיי זענען אַרויף אויפן וועג, וואָס פירט צו ראַדזיווילס שלאָס.

אין דער פרימאָרגנדיקער זון, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס דורכגעריסן דורך די וואָלקנס, האָט זיך דער קופּערנער קופּאָל איבער שלאָס־זייגער אָנגעצונדן. ווידער זענען די קינדער — מישקע וואָלאָוו און זיינע שוועסטער־קינדער וואַסיע און ניבקע — אַריין צווישן די נאַסע ווערבע־ביימלעך, ווייל אין שלאָס־הויף האָט זיך אַ הונט מוראַדיק צעבילט.

מיטאַמאָל זענען זיי געבליבן שטיין אויף פאַרנע גאַס, באַלד נעבן די קאַזאַר־מעס. זיי זענען געווען אין ניעסוויזש — די ערשטע שטאָט אויף „יענער זייט“.

מיטן חוש פון הונגעריקע הינט, וואָס דערשמעקן אַ שעכטהויז, האָבן זיי דער־

שמעקט די ברויט־מאַגאַזינען, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס געהאַט געעפנט. בישט דרייסט האָבן זיי אַריינגעקוקט דורך די אָפענע טירן און זייערע אויגן האָבן זיך צעצונדן.

— ברויט! פרישער, שמעקעדיקער, איבער אַלע פאַכן צעלייגט. זיי האָבן געפילט ווי דער ברויט בעט זיך:

— קינדער, קומט, בייסט אונדז איין!

זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און אַריין אינעווייניק.

מיט זעק, אָנגעפּילטע מיט ברויט וואָס זענען געווען כמעט אַזוי גרויס ווי זיי, זענען דריי קינדער געגאַנגען איבערן גאַס. מיטן אינסטינקט פון אַ האָז, וואָס דערשפּירט זיין יעגער, האָט מישקע דער ערשטער דערשפּירט אַ מיליציאַנער. דערשראָקענע זענען זיי פאַרשוווּנדן אין אַן אָפענעם טויער און זיך באַהאַלטן.

דער האַרבסטיקער רעגן האָט פאַרגאָסן די זומפּן, און מיט באַרוועסע פיס האָבן די קינדער געזוכט אונטערן וואַסער דעם באָדן. די זעק זענען געווען נישט פאַר זייערע כוחות; נאָר דער געפיל אַז אינעווייניק איז דאָ ברויט, אַז קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך וואָס וואַלגערן זיך אום אויפן אויוון הונגעריקע וועלן מיט די פינגער באַלד צופּן דאָס ברויט, האָט זיי אָנגעפילט מיט מוט.

זיי זענען אַריין צווישן די קוסטעס און אָנהאַלטנדיק זיך אָן די דינע צווייגלעך, לאַנגזאַם געגאַנגען פאָרויס.

מישקעס זאַק איז געווען שווער. ער איז געגאַנגען פון הינטן און זיך יעדעס־מאָל אָפּגעשטעלט. זיינע באַרוועסע פיס זענען געזונקען אין טאָרפיקן באָדן. נאָר ער איז פלינק אַריבערגעשפּרונגען, אָנכאַפּנדיק זיך פאַר אַ צווייגל.

— מען מוז דערטראָגן! — האָט זיך מישקע יעדעס מאָל געמונטערט.

אויפן באַנק, נעבן אויוון, ליגט די מאַמע. איר פּנים איז געל און די באַקן־ביינער קריכן אַרויס. דעם קילאָ ברויט וואָס זיי קריגן אין „לאַראָק“,*) טיילט זי איין פאַר די קינדער, פאַרן טאַטן. פאַר זיך — כמעט ווי גאָרנישט. אַזוי ווי אַ הון וואָס זוכט אויס אַ קערנדל און צעטיילט עס די הינדעלעך. מישקע זעט ווי די טרערן רינען איר פון די אויגן קוקנדיק אויף זיי און אירע ליפּן זענען מאָדנע אויסגעקרימט אין מורמלען: — באָזשע, מאָי באָזשע...

דער מאַמען צו דערפרייען — אַ גאַנצן ווייסן ברויט וועט ער געבן דער מאַמען. ער וועט זען ווי אירע ביינערדיקע פינגער וועלן גלעטן זיין קאָפּ און זי וועט זאָגן: — אָך, סינו, מאָי סינאָ... און זי וועט אים, ווי אַ קליין קינד, נעמען אויפן שויס און שמייכלען.

---

*) קאָלכאָזנע קרעמל.

יאָ, שמייכלען, ווי דער פּעטער אויפן בילד.

אין דער רגע דערזעט ער פאַר זיך דעם גרויסן פּלאַקאַט וואָס הענגט אין „אופּראַווליעניע" פון קאַלכאָז. אַ פּעטער מיט גראָבע וואָנצעס האַלט אַ קינד אויפן האַנט און שמייכלט. אויפן בילד — ווייס מישקע — שטייט אָנגעשריבן: „שטשאַס־ליוואָיע דעטסטוואָ" (גליקלעכע קינדהייט). געוויס זענען אַלע קינדער אין זיין לאַנד גליקלעך, נאָר גליקלעכער פון זיי אַלע איז מישקע וואָלאָוו — ער האָט אַ גאַנצן זאַק מיט ברויט אויף דער פּלייצע.

פּלוצלינג דערפילט ער אַז ער גייט נישט, נאָר איין פוס זינקט איין אין טאָרף און ער קען אים נישט אַרויסנעמען. ער שפּאַרט זיך אָן אויף דעם צווייטן און פילט ווי אויך דער זינקט איין. דאָס אייז־קאַלטע וואַסער נעמט דורך די באָרוועסע פיס און זיי ווערן ווי הילצערנע. אַ שרעק באַפאַלט אים. אַ האַלבער זאַק איז שוין אין וואַסער. דער מאַמעס ברויט. ער נעמט שרייען, נאָר די אַנדערע קינדער זעט ער נישט. זיין רוף בלייבט הענגען אין דער לופטן, ווי אַ נאַסער פויגל וואָס קען נישט באַוועגן מער מיט זיינע פליגל, און פאַלט אַ מידער צו דער ערד...

מישקע וואָלאָוו האָט זיך שוין נישט צוריקגעקערט. אינדערשטיל, קיינער זאָל נישט באַמערקן, האָבן וואַסילי און ניקאָליי דורכגעזוכט די בלאָטעס פון דער געגנט. אומזיסט זענען זיי שעהן־לאַנג געקראָכן דורך די זומפּן. דאָס וואַסער איז געשטאַנען איבער אַלעם — ווי אַ רויקער טייך.

אין דער פאַרוואַלטונג פון קאַלכאָז „קראַסני סטיאַג" איז נאָך אַלץ געהאָנגען דער פּאָרטרעט פון פּאַטערל מיט די גראָבע וואָנצעס וואָס האַלט אַ קינד אויפן האַנט און שמייכלט. און אונטערן פּלאַקאַט איז אויפגעשריבן:

— „שטיאַסליוואָיע דיעטסטוואָ"...

וואלן

אין שלאָסער־וואַרשטאַט פון „פּראָם־קאָמבינאַט״ *) איז פאָרגעקומען אַ פאַר־זאַמלונג אויפן באַפעל פון דירעקטאָר. אויף די וואַרשטאַטן איז חברה געזעסן און געשמועסט אויפן היימישן שטייגער. הירשל סוויצקי האָט געפּסקנט:

— מילא דו, נאַטעק — האָט ער געזאָגט צום טשענסטעכאָווער פליט, בערלי־נער — דו ביזט „זאַוויעדוישטשי״, דו מוזט גיין. נו, און מיכל וועט אויך גיין. ביזט אַ בחור און האָסט געגוג צייט. וויסטאָך — מיר זענען דאָך טאַטעס פון קינדער — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיך און אויף כיל הובערט, קראַסנאָסעלסקיס אידעם...

און אַזוי איז געבליבן. מיכל איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער וואַל־קאָמיסיע וואָס וועט אָנפירן, אין ניעסוויזשער ראַיאָן, מיט די וואַלן צום אויבערשטן סאָוויעט אין מאָסקווע, צום נאַציאָנאַלן סאָוויעט אין מינסק און צום שטאָטישן סאָוויעט.

אַז מיכל האָט אויף דער ערשטער זיצונג, ווו אַלע האָבן געקראָגן אינסטרוק־ציעס פון פאַרזיצער פון איספּאָלקאָם, דערזען זיין אַרבעט וואָס ער דאַרף אָוועק־לייגן, איז אים געוואָרן אַ קאַפּיטשקע קאַלעמוטנע:

— ט׳נישט זיין אַפילו קיין צייט צו מאַכן אַ קערטל...

מיטן צעטל פון נעמען איז מיכל דערשינען אין דער פּיער־לעשער־קאָמאַנדע, וואָס איז איצט געווען אַן אָפּטיילונג פון דער ען. קאַ. ווע. דע. און אויסער דעם וואָס אַלע קריגן מונדירן — ווערן זיי באַצאָלט און מוזן תמיד זיין אויפן פלאַץ.

מיכל האָט אויסגעזוכט דעם נאַטשאַלניק, אַ „פּאָניע״ אין אַ רויט היטל, און האָט אים געמאָלדן:

— מאָך אַ פאַרזאַמלונג פון דיינע מענטשן און דעם־אָ, — האָט ער אָנגעוויזן אין צעטל ווו ס׳איז געווען אויפגעשריבן דער נאָמען פון קאַנדידאַט — דאָס איז גע־

*) פּראָמישלעני קאָמבינאַט — אינדוסטרי־קאָמבינאַט.

ווען דער נאַטשאַלניק אַליין — זאָלט איר אויסוויילן פאַר אַ קאַנדידאַט און דעם פּראַטאָקאָל צושיקן צו דער קאָמיסיע.

— בודיעט סדיעלאַנאָ (עס וועט זיין געמאַכט) — האָט דער נאַטשאַלניק צו־געזאָגט.

ס׳גייט אויף אַ דרך — איז מיכלען פריילעכער געוואָרן — נישט מער ווי פינף מינוט געפּטרט.

צומאָרגנס האָט ער אָרגאַניזירט אַ קרייז צו לערנען דעם וואַל־געזעץ.

— ווייל אַ סאָוויעטישער בירגער — האָט דער פּאָרזיצער פון איספּאָלקאָם דערקלערט — דאַרף נישט שטימען בלינד, ער מוז קענען דאָס געזעץ.

זענען זיך צוזאַמענגעקומען ביי אַ צענדליק קריסטן צום אוקראַאינישן דאָקטאָר וואָס האָט געוווינט ביים שאָסיי. ווי שווייגנדיקע שאָטנס זענען זיי געקומען און ווי שאָטנס — פאַרשוואונדן, ווען דעם דאָקטאָרס פרוי האָט געענדיקט פאַרלייענען דאָס ביכל מיט די פאַרשריפטן. קיינער האָט קיין פראַגן נישט געשטעלט. אַלע האָבן גוט פאַרשטאַנען...

***

דער נייער, דריי־שטאָקיקער בנין פון דער פּוילישער פאָלקס־שול, איז העל באַלויכטן. פון דאָרט טראָגן זיך פריילעכע אָרקעסטער־קלאַנגען, עס הילכן פויקן און טאַצן.

דער שלאָס־זייגער האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפן דעם נייעם רעזשים. ער האָט ווייטער אויסגעקלונגען די צייט, באַרעכנט לויטן זון־סיסטעם. עס איז געווען פיר פאַרטאָג. אָבער אויף אַלע פּאַטריאָטישע זייגערס איז עס שוין געווען זעקס פרי, מאָסקווער צייט.

די וואַלן האָבן זיך אָנגעהויבן.

די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט אין די רייען נאָך אַ צייט פריער, זענען באַהערשט פון איין געדאַנק:

— וואָס פריער אָפּשטימען און זיך אַריינכאַפּן אין בופעט — דער ערשטער קריגט אַ קילאָ צוקערלעך...

מענטשן זענען געגאַנגען מיט ווילער־צעטל פון טישל, וווּ מען האָט אָפּגעצייכנט זייער אָנוועזנהייט, גלייך צום אורנע. די פּאַרטיי־לייט האָבן זיי צוגערעדט אַריינצוגיין אין די קאַבינעס:

— פּאָזשאַלוסטאַ וו׳קאַבינו — די וואַלן זענען דאָך געהיימע און יעדער האָט רעכט צו מאַכן זיינע באַמערקונגען אויפן צעטל!..

די בלייפּעדערס אין די קאַבינקעט זענען צוגעבונדן מיט אַ שטריקל צו אַ גראָבן נאָגל אין וואַנט...

פּערד האָבן געהירזשעט אין דרויסן. אויף זיי האָט מען די אורנע געפירט צו קראַנקע און אַלטע לייט, וואָס קענען נישט אַהערקומען. וואָרים יעדערער דאַרף האָבן דאָס רעכט צו שטימען פאַרן בלאָק פון קאָמוניסטן און אומפּאַרטייאישע...

יעדע פּאָר שעה האָט דער באַפולמעכטיקטער, מייזעל, אַריינגעקוקט אין די ליסטן צו זען ווער עס פעלט נאָך:

— אַ נוקא מיכאַ'ל — האָט ער געזאָגט צו מיכלען — דו ביזט דאָך דער יינגסטער, פּאָר נאָר אַראָפּ אויף די אַדרעסן און ווער געוויר פאַרוואָס זענען די מענטשן נאָך נישטאָ!

פּונקט צוועלף ביינאַכט איז די אורנע געוואָרן אָפּגעשלאָסן, כאָטש אַרום צען זענען די ליסטעס געוואָרן באַזעצט מיט „פייגעלעך" ביי די נעמען, אפילו פון די וואָס זענען נישט געקומען.

ס'האָט יעדן דערעסן מייזעלס פרעגן:

— גדיע נאַראָד? (ווו איז דאָס פאָלק?).

— מיכל — האָט זיך נאָטאַן געבעטן — גיי באַשאַף אים די מענטשן!

— ס'וועט שוין... מ'עט שוין... — האָט אים מיכל צוגעוווּנקען.

פּייערלעך האָט מען צוגעשלאָסן דעם צימער, ווו ס'האָט זיך פאַרקליבן די צענטראַלע וואַל־קאָמיסיע צום ציילן די שטימען.

אַרום טיש זענען געזעסן אַ פּאָר פאַרשלאָפענע אַלטע גויעס, וואָס וואָלטן אַמאָל געגאָלטן פאַר פּריצטעס, עטלעכע יידן און אויבן־אָן — דער פּאַרטיי־באַפולמעכטיקטער, דער רויט־האָריקער מייזעל, וואָס האָט געטראָגן דעם אָפיציעלן אַמט אַלס גימנאַזיע־דירעקטאָר.

מיכלען האָט גענומען שווינדלען אין די אויגן פון דעם באַרג ווייסע, גרינע און געלע צעטלען.

ער איז געווען טשעקאַווע צו וויסן:

— צי וועט מען עס טאַקע היינט איבערציילן?!

און נאָך:

— צי וועט מען דאָ טאַקע מוזן אויסזיצן די גאַנצע נאַכט?!

— שטשיטאַיטיע רעביאַטאַ — האָט מייזעל איבערגעריסן דאָס דאָזיקע טראַכטן.

אין מיכלס הענט האָבן זיך די פּאַפּירלעך פאַנאַנדערגעוויקלט, ווי זיי וואָלטן געווען צוזאַמענגעקלעפּטע.

צװישן בערלינערס פינגער זענען די צעטלען געלאָפן — װי ביי אַ געניטן בערזע־מעקלער באַנקנאָטן.

אָנשטאָט צו ציילן, האָט יעדערער באַװונדערט נאַטאַנס קונסט פון ציילן.

— יאָטן, מאַכט עס בקיצור — האָט שטיל געזאָגט זעלצער, אַ רוסישער ייד, װאָס האָט פאַרנומען דעם אַמט אַלס דירעקטאָר פון ברויט־קאָמבינאַט.

— נישט בקיצור — האָט זיך אָפגערופן מייזעל, װאָס האָט מיט אַ האַלבן אויער זיך צוגעהערט צום שמועס.

— כאַראַשאָ שטשיטאַט! (גוט ציילן!).

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

װען מען איז פאַרטיק געװאָרן, האָט מיכל נישט געװוסט. ער האָט זיך, אַ מידער, צוגעטוליעט צום װאַרימען אויװן און איז אַנטשלאָפן געװאָרן.

— ניעך שפּי סאַביע, דזיעצקאָ — אַזוי האָבן גערעדט צװישן זיך די אַלטע פּאַלקעס, פינטלענדיק מיט די אויגן הינטער די ברילן, און אויסלייגנדיק די װאַל־צעטלען װי פּאַסיאַנס.

אַרום זעקס פאַרטאָג האָט נאַטאַן אויפגעװעקט מיכלען:

— קענסט זיך שוין איבערדרייען אויף דער צװייטער זייט, מיר האָבן געװוּנען די װאַלן... אַלע זענען אַדורך...

דעם זעלבן פאַרנאַכט איז מיכל געפאָרן אין איספּאָלקאָם און האָט זיך צוגע־קוקט װי די שטימען װערן פאַרזיגלט „אין זיין אָנװעזנהייט”. ער האָט אונטערגע־שריבן דעם װאַל־פּראָטאָקאָל.

אַז מיכל מיט נאַטאַנען זענען אַהיימגעגאַנגען איבערן סקריפּענדיקן שניי, האָבן זיי געשװיגן. נאָר ביים געזעגענען זיך, צוגעװוּנקען:

— אַבי מ'איז עס איבערגעקומען...

פליטים

אין קליינעם צימערל, וועלכן אַבע דער חסיד האָט פאַרדונגען צו די צוויי טאָמאַשאָווער פליטים: מאַטעס און משה, איז ממש נישט געווען דעם אָטעם צו כאַפּן. אַרום פיר־עקיקן טיש, וואָס האָט בייטאָג געדינט ווי אַ שניידער־וואַרשטאַט, זענען געזעסן מאַטעס און מיכל, פראָיקע דער טאַראַפּיצער און פּיניע. מ׳האָט געשפּילט טעלעפאָן.

דאָס אייזערנע בעטל האָבן אָקופּירט סיאָמקע און סראָליק און זאַוול און זיידל. אויף דער קאַלטער פּליטע איז, אויסער דעם „שווערן״ טשייניק, געזעסן יאַנקל „ביק״. אַחוץ דעם האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט לייבוש דער שניידער מיט זיין ליטוואַטשקע, וואָס ער האָט שוין באַוויזן אַריינצוכאַפּן אין ביאַליסטאָק; און נאָך עטלעכע פּליטים, וועגן וועלכע ס׳איז שווער צו וויסן — צוליב וואָס זיי קומען אַהער.

דער רויך פון די פּאַפּיראָסן האָט זיך אויסגעמישט מיט די פּנימער און פון געדיכטן נעפּל אַרויס, האָט מען בלויז געהערט:

— קאַליקע, ווין לויפסטע?

— וואָס איז יאָנטעוו? — דאָס איז געווען פראָיקעס שטים.

— זאָלסט תמיד האָבן פינפאונזעכציק — האָט מען מיכלען צוגעווונטשן.

— איך קלאַפּ — איז פּיניע אַריין אין התלהבות.

— אַ טויז איז עלף, אַ מלך איז פופצן, אַ צענטל, גיב, מיכעלע, אַ בלאַנקע צענטל, האָבן מיר פינפאונצוואַנציק, און אַ אונטער איז זיבנאונצוואַנציק; און נאָך אַ לעז — אַכטאונצוואַנציק — האָט פּיניע מיט טריומף אויסגערופן.

— נאַ, מיכל — האָט מען אים צוגערוקט די איבעריקע קאָרטן.

מיכל האָט געציילט.

— פינפאונזעכציק! — האָבן אַלע אין איין קול אויסגעשריען...

אַרום עלף איז זיך דער זייטיקער עולם ביסלעכוויז צעקראָכן.

ס'האָט אויסגעזען, ווי אַלע מלכים וואָלטן אַבדיקירט און די טייז, וועלכע מען האָט געריפן „לעכער", וואָלטן מיטאַמאָל זיך דערפילט ווי אָפּגעשאָסענע...

אַהיים צו גיין, האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט.

— ווען מען האָט אַ פלאַש בראָנפן — האָט סראַליק געטרוימט, — וואָלט מען זיך אַביסל פריילעך געמאַכט...

— ס'אַ פּלאַן — האָט פיניע צוגעשטימט — מיכל וועט דיר באַלד נעמען דערציילן פון זיין שוויגער...

— אין וואָס גייט דאָ? — האָט מאָטעס געפרעגט.

— טאַקע אין פלעשל. אַיי, ווען מען דערטאַפּט אַ פלעשעלע איצט — איז מיכל געוואָרן גערירט, ממש סענטימענטאַל...

— פון אַ פלאַש, איז ביי מיכלען שוין געוואָרן אַ פלעשעלע...

— אָבער ווו קריגט מען אַ ביסעלע, אַז באַשקע ליאָנערקעס שענק איז נישטאָ מער...

— ס'איז דאָ — האָט מאָטעס, הגם אַ פליט, געוווּסט בעסער פון די ניעסוויזשער, וואָס אין שטעטל קאָכט זיך.

— ביי פּעשקע מירעלעס קען מען קריגן...

איז מיכל אָוועק מיט פיניען. ווען זיי זענען אַריין צו איטשע דעם הויכן אין הויף, האָבן זיי באַלד געטראָפן דאָס ריכטיקע פענצטער. אין אָנגעפּראָוירענעם לופטשיק האָט זיך באַוויזן אַ פאַרשלאָפן פנים.

— מיכעלע, אין מיטן נאַכט קלאַפּט מען? כ'האָב געמיינט ס'איז מיין כאַניע, אַ בראָך צו עם...

— פּעשקע, מאַכט אויף — האָט פיניע, מעשה־סוחר, געזאָגט.

צוריק זענען זיי געגאַנגען מיט אַ פלאַש בראָנפן און מיט עטלעכע קוילן פיש, וואָס זענען איבערגעבליבן פון שבת...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— און דאָס איז דאָס לעבן — האָט מיכל געזאָגט צו זיך, נאָכן אַרונטערלאָזן אַ היבשע גלאָז. ער איז געוואָרן מאָדנע ניכטער. זיין האַלב־פאַרגלייזטער בליק איז געבליבן הענגען ערגעץ־ווו אויף אַ פינטל אין סופיט. נאָר דער געדאַנק האָט געאַרבעט מיט אַ פּרעציזער קלאָרקייט:

— ווי גוט ס'איז דעם „פּאַניע" וואָס ווינט ביי אונדז. או וואָס — זאָגט ער — וואָט זשיזן, כלעבאַ סקאָלקאָ כאָטשעט *).

*) ביי אייך איז אָט אַ לעבן — ברויט, וויפל דו ווילסט...

סאַשע, דער דאָרפישער שייגעץ, וועלכן מען האָט אַריינגעפּרעסט אין אַ מונ־דיר, איז געבליבן אַ קינד פון דאָרף. זיין גאַנצער באַגריף פון לעבן דרייט זיך אַרום ברויט; און אַז ברויט איז דאָ גענוג, דאַן פעלט נישט מער ווי אַ:

— דזיעווקאַ, ליעט שעסנאַדצאַט... **).

אַז סאַשע דערגרייכט ביידע זאַכן, איז ער צופרידן:

— וואָט עטאָ זשיזן... (אָט דאָס איז אַ לעבן).

קיין קאָמפּלעקסן פרעסן אים נישט... וואָס איז אַזוינס פרייהייט — ווייס ער נישט... ווי אַ פויגל וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטייג, ווייס ער נישט, ווי גוט ס׳איז אַ פלי צו טון אין די הויכן, אַ פאַרמעסט טון זיך מיטן ווינט... ער פאַרשטייט נישט אַז ס׳איז זיסער דאָס קערנדל געפינען אין מיסט, איידער פאַרטיקערהייט אַריינגעלייגט אין שטייג...

אין זכרון האָט ער איבערגעמישט בלעטל נאָך בלעטל פון די העפטן מיט לידער, וואָס ליגן שוין באַלד אַ יאָר פאַריתומט אין שופלאָד... נישטאָ מער קיין ציטערדיקע ליבעס־לידער, לידער פון בענקשאַפט, פון עפּעס, וואָס לעבט בלויז אין טרוים...

— דער טרוים איז פאַרשוווּנדן ווי דער רויך פון דער ליולקע, וואָס כ׳האַלט צווישן די ציין... פון דעם איז בלויז געבליבן אַ גרינע „גימנאַסטיאָרקע", מיט טאַשן וואָס הענגען אַרונטער ווי זעקלעך, אַ ברייטער לעדערנער רימען און אַ פּאָר פויע־רישע שטיוול... יאָ, ווי זאָגט סאַשע: כליעבאַ סקאָלקאָ כאָטשעש...

— וואָס, מיכל, ביזט אַנטשלאָפן געוואָרן, צו אַלדע קאַדיקס... זיצט ווי אַ נעכטיקער, אַ נישט־דערבאַקענער...

מיכל האָט אַ קוק געטון צו דער פלאַש, דאַן צו זיין גלאָז; און ווידער צו זיינע חברים, ווי ער וואָלט זיי ערשט דערזען.

סיאָמקע שרייבט נישט מער קיין לידער...

פיניע פאַרוואַלטעט מער נישט מיט דער יידישער ביבליאָטעק...

זאַוול פאַרפעל האָט זיין מאַטורע־צייגעניש פאַרשטעקט צווישן אַלטע אומני־ציקע פּאַפּירן...

משה, דער טאָמאַשאָווער עלוי, האָט אָפּגעשניטן די פּאות און זומער גראָבט ער טאָרף...

מאַטעס איז לפנים אַ שניידער, נאָר צום לעבן מוז ער שמוגלען סאַכאַרין פון ווילנע...

**) אַ זעכצן־יאָריק מיידל...

משה אייזענבוד

..און דאָס איז דאָס לעבן, אַ ביסל בראַנפן, קאָרטן...

— מיר זענען אַלע פּליטים — האָט צולעצט געזאָגט מיכל, האַלטנדיק אין האַנט די גלאָז, און װעלכער ס׳האָבן זיך געשפּיגלט די לעצטע טראָפּנס פון פלאַש — איר האָט פאַרלוירן אַ היים, פון װעלכער איר זענט בגוואַלד פאַרטריבן געוואָרן... די בענקשאַפט אָבער, די ליבע צו דער דאָזיקער היים, דאָס קען אייך קיינער נישט צונעמען. מיר האָבן אַ היים. אָבער ביי אונדז האָט מען צוגענומען דעם גלויבן, די ליבע, די בענקשאַפט נאָכן פשוטן מענטשן; מיר האָבן פאַרלאָרן דאָס טייערסטע וואָס אַ יוגנט פאַרמאָגט: מיר האָבן פאַרלאָרן דעם מאָרגן...

מיר זענען פּליטים. מיר האָבן נישט מער ווי אַלטע האָפענונגען, קיין נייע האָבן מיר אויך נישט געפונען; מיר אַנטלויפן פון לעבן צום שנאַפּס, צו קאָרטן...

זעקס גלעזער האָבן זיך שטומערהייט צוזאַמענגעקלאַפּט. נאָר דער דינער גלעזערנער קלאַנג, האָט ווי אַן עכאָ אָפּגעקלונגען, — ווי דער עכאָ פון די נישט־דערזאָגטע רייד...

בלעטלעך פון אַ נישט־געשריבענעם טאָגבוך

אַרום האָבן די טיראָלער בערג־שפּיצן זיך געריסן צו די הימלען. זייערע גרין־באַוועלדערטע רוקנס האָבן איינגעשלאָסן דעם טאָל ווי אין אַ צויבער־רינג. נאָר די גרויע, בעטאָנענע קאַזאַרמעס האָבן צוריקגעבראַכט צו דער טאָג־טעגלעכער ווירק־לעכקייט פון אַ די. פּי.־לאַגער. פאַר מיכלען איז געלעגן אַ ווייסער בויגן פּאַפּיר. דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק האָט ער געזען די מאָלערישע לאַנדשאַפט, אָנגע־וואָרפן מיט אַ בכיוונדיקער דיסהאַרמאָניע פון אַ קינסטלערס האַנט, וואָס דווקא די דאָזיקע דיסהאַרמאָניע פון פּראָפּאָרצן און קאָלירן האָבן דאָס דאָזיקע בילד צוגעגעבן דעם ווונדערלעכן באַגריף, וואָס הייסט: די נישט־קאָרעגירטע נאַטור.

נאָר מיכל האָט נישט געקענט מאָלן. תמיד ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין חרובער היים, זענען פאַר אים אַרויפגעשווומען קליינע, אובאַדייטנדיקע עפּיזאָדן, וועלכע האָבן אפשר געלעבט אין מענטשלעכע זכרונות נישט מער ווי אַ רגע — אָבער דורך דער דיסטאַנץ פון יאָרן האָט מיכל אין די דאָזיקע טראָפּנס דערזען דעם ים.

דאָס זענען געווען טראָפּנס מענטשלעכער צער, וואָס זענען געפאַלן אויף די דינע געוועבן פון זיין מוח, און אָנשטאָט זיי זאָלן אויסטריקענען, צאַפּלען זיי, גיסן זיך צוזאַמען און טיילן זיך אויפסניי פאַנאַנדער און ווערן ווידער לעבעדיק... דאָס זענען די טראָפּנס, וועלכע מיכל וויל איבערגיסן אין פּשוטע ווערטער, וועלכע ער וואָלט געוויס געווען פאַרצייכנט אין אַ טאָגבוך, ווען — — — . . .

פעברואַר 1940.

„סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט — נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם"... דאָס איז די סאָוויעטישע לייזונג פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס איז געווען דער טרוים פון אַ יידישער שול — אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה. צוערשט האָט די „תרבות"־

שול געפרווווט אונטערן מאַנטל פון לערנען ייִדיש — דורכשמוגלען העברעיִש. דאָס איז געוואָרן אוממעגלעך. האָבן די ציוניסטן, אין נאָמען פון די עלטערן פון די קינ־דער, באַשלאָסן: אײדער ייִדיש — בעסער רוסיש...

אין פינסקער העברעיִשער גימנאַזיע זענען די אַלטע טוער, אויף אַ באַראַטונג וועגן דער צוקונפט פון דער גימנאַזיע, אַרויסגעטראָטן מיט צאָרן: ייִדיש וועט אונדזער שוועל נישט אַריבערטרעטן! ייִדיש ניע זשעלאַיעם! בעסער רוסיש...

דער פאַרוואַלטער פון ראַיאָנאָ*) האָט געשלאָסן די איינציקע ייִדישע פאָלקס־שול צוליב מאַנגל אין קינדער, וואָס דאַרפן אויספאַלן אויף יעדן לערער. לויטן פּלאַן...

מיט איין דעקרעט — געשריבן אויפן לינקן זייט פון עפּעס אַן אַלטן פּוילישן אַמטלעכן פּאַפּירל — איז צונישט־געוואָרן די יאָרן איבערגעגעבענע אַרבעט פון ייִדן עקשנים, ביים בויען אַ בנין און אויסהאַלטן אַ ייִדישע שול, אַ וועלטלעכע שול פאַר ייִדישע קינדער...

אין שול־בנין געפינט זיך אַן אינטערנאַט פאַר דאָרפישע שקצים — וואָס לערנען אויף קורסן...

מערץ.

— — — די קלויסטערס קלינגען. זייער גלאָקן־קלאַנג האָט דעם ווערט פון גאָלד... אַזוי, אַלנפאַלס, שאַצט עס אָפּ דער פינאָטדיעל*), וועלכער מעסט אויס דעם קולטור־שטייער, וואָס מוז באַצאָלט ווערן פאַר דינען גאָט אין זיין טעמפּל.

די ייִדן האָבן פאַרוואַנדלט די שולן אין אַרטעלן.

די קאַזשימער שול — אַ סטעלמאַכישער אַרטעל.

די שוסטערשע שול — אַ שוסטער־אַרטעל.

די תלמוד־תורה און די קהל־שטיבל — אַ סטאָליער־אַרטעל.

די קאַלטע שול — אַ מעבל־סקלאַד.

די אַנדערע בתי־מדרשים זענען דערווייל פאַרמאַכט. מען וועט פון זיי שוין עפּעס מאַכן, אַז זיי זאָלן בלייבן אין ייִדישע הענט, און פאַרן דאַוועגען זאָל מען נישט דאַרפן צאָלן...

פון דער גבירישער מאַרק־שול, איז געוואָרן אַ קלוב. דאָס איז דער אויפטו פון

---

*) ראַיאָנאָ — געגנט־אַדמיניסטראַציע פאַר בילדונג.

*) פינאָנאָבסאָווי אָטדעל — פינאַנס־אָפּטייל.

מאַניק זאַרכין... ער האָט צוזאַמענגענומען אונטערשריפטן און געפּועלט. דער געדאַנק איז אפשר זיינער, נאָר דעם פּלאַן דורכצופירן, דאָס איז געווען די אַרבעט פון ראַיאָן־קאָמיסאַר פון „קאָמסאָמאָל"*), וואָס איז געוואָרען דער פּאַטראָן איבערן קלוב...

די יידן וואָס האָבן באַווינט דעם מאַרק, האָבן זיך נישט געלאָזן. דעלעגאַציעס, אינטערווענצן. אדרבא — האָט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר געזאָגט — יעדערער קען פריי אָפּריכטן זיין גלויבן. נישט מער — איר זעט דאָך אַליין, די יידישע יוגנט פאָדערט...

די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע איז נאָכן דריטן חודש מיד געוואָרן צו צאָלן דעם שטייער, וואָס ווערט יעדן חודש פאַרגרעסערט. צו־אַרעם איז דער וויסרוסישער פּויער, ער זאָל זיך עס קענען פאַרגינען... די צערקווע־גלאָקן שווייגן...

דער קאַטוילישער קלויסטער איז פול מיט קניִענדיקע. די לאַסט פון קולטור־שטייער ווערט געטראָגן מיט אַ סטאָאישער רויִקייט — ווי קריסטוס האָט געטראָגן דעם צלם.

אין קלינגען פון די קלויסטער־גלאָקן, הערן די פּאָליאַקן די שטים פון פּראָטעסט קעגן די אַריינדרינגלער...

דער דירעקטאָר פון ליעסכאָז**) איז אַן אַגיטאַטאָר פון דער געזעלשאַפט „בעזבאָזשניק". זיין אויסזען — ווי אַן אַפּאָסטאָל וואָס איז אַריינגעקראָכן אין אַ מיליטעריש־פּאַרטייאישע כאַקי־בלוזע און שטיוול...

זיינע רעפעראַטן פאַרמאָגן הומאָר, אַ זאַך, וואָס ווערט זעלטענער פון טאָג צו טאָג...

סוף מערץ

די שטאָטישע ביבליאָטעק גיט נאָך נישט אַרויס קיין ביכער. מען מוז צוערשט אויסרייניקן די קאָנטער־רעוואָלוציע...

סאָליע זוסמאַן האָט מיר געזאָגט:

— די ערשטע ביכער וואָס די קאָנטראָליאָרן האָבן מיטגענומען, זענען טראָצקיס „זבראָדניאַ סטאַלינאַ"; זיי ווילן אויך עפּעס לייענען...

פונדעסטוועגן גיט מיר סאָליע גענוג ביכער אַרויס צום לייענען... מאָדנע, דורך

*) „קאָמסאָמאָל" קאָמוניסטיטשעסקי סאָיוז מאָלאָדיאָזשי — קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד.

**) ליעסכאָז — ליעסנאָיע כאָזייסטווא — וואַלד־ווירטשאַפט.

די אַלע יאָרן האָב איך ווייניק געלייענט פויליש — אַצינד לייען איך נאָר פוילישע ביכער... איז עס אַ רעאַקציע אויף עפּעס? אָדער איז עס אומבאַוווסטזיניקער, אינער־לעכער פּראָטעסט?

פון דער „תרבות״־ביבליאָטעק האָט מען די יידישע ביכער פּאַראייניקט צו דער שטאָטישער. אַרום אַ העלפט ביכער זענען פאַרשוואונדן. וויפל יידישע שרייבער זענען דען סאָוויעטיש־כשר?

די „רבקה גאַלין־ביבליאָטעק״, פאַר וועלכער נח מישקאָווסקי האָט פון אַמע־ריקע איבערגעשיקט אַלע ביכער פון זיין פאַרשטאָרבענער פרויס ביבליאָטעק — איז אויך אויסגערייניקט געוואָרן. וווהין די ביכער זענען פאַרשוואונדן — דאָס ווייס סאַליע זוסמאַן אויך נישט. מ׳האָט זיי ערגעץ אָוועקגעפירט...

אויף אַ זייטיקער פּאָליצע שטייען די פאָר ביכער וועלכע מען האָט איבער־געלאָזט. צו זיי זענען נאָך צוגעקומען עטלעכע בענדער פון סאָוויעטישע שרייבער. צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אַ קליינע, פּאַריתומטע גרופּע — יידישע ליטעראַטור...

גערודפטער, פאַרפאָלגטער יידישער לשון. האָסט געוואָלט אויסגלייכן דיינע פליגל אונטערן שוץ פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע — ביזט אָבער געפאַלן דער ערשטער קרבן אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע מיט וועלכער מיר האָבן אַזוי־פיל האָפענונגען פאַרבונדן...

מאַי

— — — מייק אויפפאַסונג פון באַגריף: וועלט־באַשאַף איז אַ וויסנשאַפטלע־כער, וואָס פאַלט זיך לגמרי נישט צוזאַמען מיט דער רעליגיעזער... די ריטועלע געזעצן זענען אַ צו־ענגער קרייז, אַז אַן אַכצן־יעריקער בחור זאָל זיך אין אים קענען פריי באַוועגן. אויפן פּראָבלעם חתונה קוק איך, ווי אַלע יונגע מענטשן אין דעם עלטער און פון דער זעלבער פּאָליטישער שיטה, מיט די אויגן פון אַ וועלט־לעכן, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשיידן פון ראַסן, גלויבן און נאַציאָנאַלער אָנגע־העריקייט. און אפשר זענען דאָס באַטראַכטונגען פון אַ נאַיוון בחור, וואָס קען נאָך נישט דאָס האַמעטענע לעבן...

די יונגיטשקע מאַשע בערעזין, וואָס איז ערשט קוים זעכצן יאָר אַלט, וויל חתונה האָבן מיט אַ רוס...

איר טאַטע, יאַנקל „שעטשקע״ דער באַלעגאָלע, איז אַרויף אויפן בוידעם און זיך אויפגעהאָנגען... מ׳האָט אים אָפּגעשניטן... צום סוף האָט ער מסכים געווען אויפן

אידעם.. אַנישט וואָלט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר, פאַר וועלן נעמען זיך ־אָס לעבן...

וואָס וויס „שעטשקע" פון ראַסן־גלייכהייט, פון די אַלע שיינע זאַכן, וואָס שטייען אין די ביכלעך... צי איז נישט אַ כבוד פאַר אַן אַלטן באַלעגאָלע צו האָבן אַן אָפיציר פאַר אַן אידעם?

דער געזונטער פאָלקס־אינסטינקט איז שטאַרקער פון אַלע טעאָריעס... מען מוז נישט־ווילנדיק אַ טראַכט טון: צי איז עס נישט קידוש־השם?

יוני

קאָמוניזם — דאָס איז געווען די גלויבנס־קראַפט וואָס האָט געצויגן דעם ייִדישן בחור און געגעבן אים די מעגלעכקייט צו אויסלאָדן די אָנגעזאַמלטע ענערגיע וואָס איז צוזאַמענגעפּרעסט געוואָרן אונטערן דרוק פון די פּוילישע מאַכטהאָבער. נישט אַלע האָבן אָבער געהאַט מוט אַוועקצושענקען די בעסטע יאָרן פאַר די קאַלטע, שטיינערנע תפיסה־ווענט. זיי זענען געווען קאָמוניסטן פון איבערצייגונג, אָבער נישט פון טאַט. „ביעשקאָדליווי קאָמוניסטאַ" — אַז אומשעדלעכער קאָמוניסט האָט אַזאַ איינער געהייסן ביי דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי.

איצט איז געקומען די צייט זיי זאָלן אָפּצאָלן זייער חוב צו דער רעוואָלוציע. לייזער געצאָוו און שלמקע „ציגעלע" האָבן געדאַרפט צושטעלן דער נ. ק. וו. ד. באַווייזן קעגן מיין טאַטן — דעם פאַרוואַלטער פון רעסטאָראַן נר. 1, וואָס געפינט זיך אין ליאַנגעס מויער...

— צו גוטע פריינט זענען זיי געווען —

און אין פּראָטאָקאָל פון ענ. קאַ.ווע. דע איז געוואָרן פאַרשריבן:

„דעם 17טן יוני האָבן מיר אין רעסטאָראַן נר. 1 באַשטעלט צום עסן אַ פיינ־קוכן. מיר שטעלן פעסט אַז ער איז געווען רוי..."

יאַנקל דער שוסטער האָט אַרויסגעגעבן אברהם־אַרע דעם שוסטער צו דער ענ. קאַ. ווע. דע., אַז ער האָט שפּעקולירט, און פאַרקויפט אַ פּעקל הייוון אויף דעם שוואַרצן פּרייז...

אברהם־אַרע האָט באַקומען אַ יאָר טורמע...

ביידע — ביטערע אָרימעלייט, טאַטעס פון קינדער...

יולי

די אָרימעלייט זענען פאַרשוווּנדן... מאָדנע, פון וואַנען לעבן די מדינה־גייערס וואָס האָבן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק געקראָגן זייער קופּערנעם גראָשן, וואָס

איז געלעגן אונטערן צעראַטע ביי אונדז אין קיך... אָדער די שטאָטישע אַרימעלייט, וועלכע די קהילה האָט אויסגעהאַלטן...

מאָדנע איז אויך וואָס די קראַנקע קינדער פון די אָרימע ידישע היימען, זענען מער נישטאָ. אַפּריער פלעגן זייערע עלטערן אָפּשלאָגן די שוועלן פון „טאָז" און זיך בעטן:

— איך בעט אייך, פּריער גאָט און נאָכהער איר, העלפט מיין קינד, עס זאָל כאָטש אַ פּאָר וואָכן זיין אויף דאַטשע...

צי האָבן זיי באַקומען בעסערע וווינונגען, אָדער איז די לופט, אין די „טויטע געסלעך" אָדער אַרום די שולן, געוואָרן ריינע סאַנאַטאָריום־לופט?!

אויף די דאָזיקע מחשבות בין איך געקומען, ווען כ'האָב אין פּאַרק דערזען שטיין די געוועזענע געביידע פון דער קינדער־קאָלאָניע. און איבער איר — אַ פריש אויפגעמאָלט שילד: בופּעט.

נאָך אַלץ: יולי.

מען אַרעסטירט... מ'וויס נישט פאַרוואָס... מערסטנטייל פּאָליאַקן „אָסאַדני־קעס", ספּעציעל־באַזעצטע ביי די גרענעצן, פּריוויליקע לעגיאָנערן וואָס האָבן גע־קעמפט פאַר פּוילנס אומאָפּהענגיקייט... דער אַדוואָקאַט פּאָליעוואָדאַ איז אויך צווישן די אַרעסטירטע... מ'זאָגט אין שטאָט: זיין נייער מויער געפעלט דער ענ. קאַ. ווע דע. ... זיי ווינען שוין דאָרט... זיי פאָרן אויך מיט זיין אויטאָ.

יואל ראַזאָווסקי איז אַרעסטירט. פאַרוואָס? מעגלעך דערפאַר וואָס ער טראָגט אַ באָרד. מעגלעך דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ צו־פיינער און אָנשטענדיקער ייִד אַלס וויצע־בירגערמייסטער און פאָרזיצער פון קהילה... מעגלעך דערפאַר וואָס ער איז אַ ציוניסט...

פאַרטאָג פירט מען די משפחות פון די אַרעסטירטע אין פויערישע פורלעך צום באַן. ווו זענען די אַרעסטירטע, וויס קיינער נישט... וווהין שיקט מען די משפחות איז דערוויל אַ סוד...

די ייִדישע מיליציאָנערן, וועלכע מען האָט צעיאָגט נאָך עטלעכע וואָכן דינסט, רופט מען אָבער יעדעס מאָל, זיי זאָלן צוהעלפן ביי די אַרעסטן...

און נאָך אַלץ יולי.

מען פאַרשיקט „ביעזשענצעס", וואָס האָבן נישט קיין סאָוועטישע פּאַס־פּאָרטן. די שפּיל פון רעגיסטרירן זיך, כדי אָהיימצופאָרן אויף דער טעריטאָריע וואָס איז אונטערן דייטש — איז געלונגען...

איצט זענען אַלע אויפן אָרט, און מען פּאַקט זיי אַריין אין די וואַגאָנען... מאַטעס מיט משהן האָבן איבערגעקליגלט דער פּאָליציי. אין באַראַנעוויטש האָבן זיי זיך רעגיסטרירט אַהיים צו פאָרן, און אין ניעסוויזש — אַרויסגענומען פּאַס־פּאָרטן... זיי זענען געבליבן...

צי איז אַ מלוכה־פאַרברעכן צו וועלן זיין מיט פרוי און קינד, מיט טאַטע־מאַמע?

די אַלע פרייהייטן וואָס עס זאָגט־צו די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע, זענען בלויז ווערטער אָן אינהאַלט, אָן באַדייט. ווייזט אויס, — זי איז געשריבן פאַר אויסלאַנד...

אויגוסט

מען נעמט אָן מיטגלידער אין „קאָמסאָמאָל״. עפנטלעך, אויף מיטינגען אין ראַטהויז; יעדער איינער קען רעדן פריי וועגן די קאַנדידאַטן און אַרויסזאָגן אַ מיינונג. אַחוץ די פאָרמעלע אונטערשריפטן און רעקאָמענדאַציעס, איז גוט צו זיין פון פריִער אַ מיטגליד פון „השומר־הצעיר״. דאָס איז אַ פּאָזיטיווער שטריך אין דער פאַרגאַנגענהייט... אַז אַ קאָמסאָמאָלסקע ביכל באַדייט פּריווילעגיעס, איז קלאָר. מער נישט — צי איז דער פּרייז, וואָס מען צאָלט דערפאַר, נישט אַביסל צו הויך... די שקאָלניקס זענען געוואָרן „קאָמסאָמאָלצעס״, און משה „פאַניע״, און איטשע „קור־באַק״, און מאַניע לאַזערס...

דערוויל מער קיינער... שטאָטישע קריסטן האַלטן זיך נאָך אַלץ פונדערווייטנס. דערפאַר פון די דערפער רייסט מען זיך אין קאָמסאָמאָל...

נאָוועמבער.

טשיקאַווע — וואָס וועט זיין מיט ראַדזיווילן און מיט זיין שלאָס?

שוין איבער אַ יאָר ווי זיי זיצן אין דעם פיינעם שלאָס, אַ היסטאָרישע פירשטן־פעסטונג פון 13טן יאָרהונדערט; צוזאַמען מיט זיי — איניקע פרויען פון פּוילישע מיניסטאָרן, וואָס האָבן זיך דאָ צייטווייליק פאַרהאַלטן. איצט לעבן זיי אַלע אין „הויז־אַרעסט״. זיי האָבן די זעלבע דינער וואָס פריִער, און די ענ. קאַ. ווע. דע. שטעלט־צו פּראָוויאַנט, עס זאָל גאָרנישט פעלן... אין ראַדזיווילס אימעניעס שטעלט מען דערוויל אויף קאָלכאָזן...

אַ סענסאַציע:

ראַדזיוויל פאָרט אָפּ קיין איטאַליע... שטאָט זאָגט אַז מוסאָליני אָדער דער איטאַליענישער קעניג זאָלן האָבן אינטערווענירט. איצט פאָרן די ראַדזיווילס אָפּ, מיטנעמענדיק דאָס צירונג פון דער פאַמיליע ווי אַ היסטאָרישן אָנדענק...

און נאָך שמועסט מען:

ראַדזיוויל האָט די רוסן געזעגנט מיט די ווערטער: „ניע ביל בים יאַ קניאַזיאַם — סטאַל בים באָלשעוויקאַם“.*)

מעגלעך: די פאַנטאַזיע פון די ניעסוויזשער ייִדן אַרבעט צו שאַרף...

אין שטאָט דרייען זיך אַרום די הימלאָזע פּרויען פון די מיניסטאַרן, און זוכן קונים אויף זייערע לעדערנע טשעמאַדאַנעס...

מאַטעס האָט געקויפט איינעם: ס'וועט אַרויס, מיינט ער, אַ דריי פּאָר שטיוול־כאַליעוועס...

דעצעמבער־יאַנואַר 1941.

טאָג און נאַכט קלאַפּן האַמערס אין שלאָס... עס קומען היסטאָריקער, קאָמי־סיעס... שרייבער... יעדער נעמט עפּעס צום אָנדענק... די ביבליאָטעק, וואָס ווערט געשאַצט אין אַ מיליאָן דאָלאַר, פּירט מען אַריבער אין מינסקער מוזיי — אַלע היס־טאָרישע אַנטיקן זענען באַשטימט פאַרן מוזיי. אין די סטאַלאָוועס זענען שוין דאָ פּאָר־צעלייענע קרוגן און קרישטאָלענע שיסלען, מיטן הערב פון די ראַדזיווילס, גע־קריצט אין גאָלד... דאָס האָט די קאָמיסיע קוואַליפיצירט ווי: באַראָכלאָ...**) און אַוועקגעשענקט אין די סטאָלאָוועס...

סוף יאַנואַר.

דער שלאָס איז פּוסט... עס פאָרן שוין מער נישט קיין לאַסט־אויטאָס אַהין און צוריק. איבערן שלאָס פלאַטערט אַ רויטע פאָן, און אין פּאַרק פאָרן אַרום טאַנקן. עס איז אַ „וואָיעני גאַראַדאָק“ ***). אין די איבער הונדערט צימערן האָבן זיך צע־לייגט סאָלדאַטן... די צוויי גרויסע קאַזאַרמעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו־ווייניק... דאָרטן שטייען איין פילאָטן און רעקרוטן פון ווייטע, אַזיאַטישע געביטן...

פון פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך שטאָק־פינצטער, ביז שפּעט אין דער נאַכט הילכן מיליטערישע לידער איבער דער שטאָט...

אַ טיפער שניי באַדעקט די גאַסן. קיינער רייניקט זיי נישט — ווייל אַלע הייזער געהערן צו דער מלוכה... דער שטאָט־סאָוויעט איז איינגעקוואַרטירט אין בלאַטשינסקיס האָטעל. יאַסינאָווסקי איז דער סעקרעטאַר, און מוליק פּרענסקי —

*) וואָלט איך נישט געווען קיין פירשט, וואָלט איך געוואָרן אַ באָלשעוויק.

**) „באַראַכלאָ“ — שמאַכטעס, אַלטוואַרג, אָן ווערט.

***) אַ מיליטעריש שטעטל, אַ גאַרניזאָן.

דער באַלעבאָס איבער די הייזער. נאָר דעם שניי רייניקט קיינער נישט... יעדערער טאָפּטשעט זיין וועג זיך אויס אַליין, דורכן שניי...

אַ טאָג אין מערץ.

— — — די ריי איז געקומען אויף די דרייצן־יעריקע יאַטלעך. געהייסן האָט עס: מען דאַרף זיך לערנען אַ פאַך, און דערצו איז נויטיק אַ פאַך־שול. פאַר דעם האָבן די רוסן אַ קורצן נאָמען: פע. זע. אָ... *).

מען האָט צוזאַמענגענומען דאָס ביסל קליינוואַרג, וואָס האָבן זיך נאָך, ווי הינדעלעך, געוואַרעמט אונטער דער מאַמעס פליגל, און אַוועקגעשיקט זיי אין טיף־רוסלאַנד.

מיט פּאַרוויינטע אויגן זענען די מאַמעס געלאָפן אין איספּאָלקאָם **) אַריין:

— וווּ זענען אונדזערע קינדער?!

האָט זיי זייצעוו, דער סעקרעטאַר פון איספּאַלקאָם, אָנגעקוקט ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען:

— טשטאָ ווי — ניע סאָוויעטסקיע לודי? ***)

נאָר שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די דאָזיקע „סאָוויעטן" זענען נאָך קיין יאָר נישט אַלט, איז ער ווייכער געוואָרן:

— עך באָבי, וואָס וויינט איר? אין אַ יאָר פיר אַרום וועלן זיי צוריקקומען, וועט איר זיי נישט דערקענען. וואָט רעביאַטאַ בודוט — ס׳פּריסיפּקאָי ****) — האָט ער מיטן גראָבן פינגער באַוויזן, סאַרגע יאַטן זיי וועלן אויסוואַקסן. — זיי וועלן זיך אויסלערנען אַרבעטן און ווערן ריכטיקע סאָוויעטישע מענטשן. איר ווייסט נישט — איז ער ווידער אַריין אין דער ראָל פון איספּאַלקאָם־סעקרעטאַר — אַז מיר בויען סאָציאַליזם?!

זענען די ווייבער געבליבן זיצן צעשראָקענע און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. די דאָזיקע פאַרלוירנקייט האָט זייצעוו אויסגענוצט:

— גייט אַהיים — האָט ער געזאָגט — און מאַכט נישט קיין פּאַניק... מיר דאַרפן האָבן געשולטע אַרבעטער, און זיי וועלן עס טאַקע זיין.

---

*) פּ. ז. אָ. — פּאַבריטשנאַ־זאַוואָדנאַיע־אָבוטשעניע.

**) איספּאָלקאָם — איספּאָלניטעלני קאָמיטעט. עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

***) וואָס זענט איר — נישט קיין סאָוועטישע מענטשן?

****) ס׳וועלן זיין חברה־לייט, מיט אַ צושיטל...

משה אייזענבוד

***

ווען מיכל וואָלט געקענט פירן זיין טאָגבוך, וואָלט ער אויף דעם אָרט אויפגעהערט צו שרייבן. ער וואָלט בלויז פאַרצייכנט:

אַלץ איז געענדיקט. ניעסוויזש, אַפּריל 1941.

דאָס טוט ער איצט. די דאָזיקע בלעטלעך וואָס זענען געוואָרן פאַרצייכנט אויף די דינע געוועבן פון זיין מוח, האָבן זיך אויפגעהאַלטן ווי אַ מיקראָ־פילם אין אַ געהיימן אַרכיוו, צו וועלכן ס׳האָט זיך נישט געקענט דערקלייבן קיינער, אַפילו נישט די ען. קאַ. ווע. דע. ...

נאָר יאָרן שפּעטער, אין אַ לאַגער פאַר הימלאָזע, שיפּרירט מיכל פאַנאַנדער די געשעענישן, די בלעטלעך פון אַ נישט־פאַרשריבענעם טאָגבוך...

די ווילנער גאַס

איבער ווילנער גאַס זענען מענטשן געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ. נאָר ס'האָט זיי געפעלט דער זאָרגלאָזער גאַנג פון שפּאַציר־גייער. אין זייער טראָט האָט זיך געפילט דער נערוועזער ציטער פון מענטשן וואָס דערוואַרטן עפּעס. דער קרייז פון זייער שפּאַציר איז געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער, ביז ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קורצן הין און צוריק גיין נעבן עטלעכע געשעפטן.

פאַר מיכלען איז נישט געווען שווער אויסצוגעפינען די סיבות פון דער נער־וועזיטעט. ער האָט זיך מיטגעכאַפּט מיט עטלעכע „שפּאַצירנדיקע" און דערגאַנ־גען, אַז:

— מ'וועט מסתמא היינט „געבן" צוקער...

— ס'קען זיין אַז מ'וועט „געבן" בראָנפן...

— איינגערעדטע מעשהס — האָט געזאָגט אַ יידענע, וואָס האָט געוווסט אויף געוויס אַז מען וועט טאַקע יאָ געבן, נאָר ס'האָט איר פאַרדראָסן וואָס מען וועט אפשרביידע זאַכן געבן מיטאַמאָל אין פאַרשידענע געשעפטן. און זי וועט נישט באַוויזן אַריינצוכאַפּן זיך אין דער ריי...

— אַז גאָט העלפט, און מען האָט אַביסעלע „בלאַט" — האָט די יידענע אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, מיט אַ ווונק אויפן רבונו־של־עולם. נאָר געמיינט האָט זי מיכלען, וועמענס טאַטע איז פאַרוואַלטער פון הויפּט־מאַגאַזין פון „גאָרפּישטע־פּראָמטאָרג" *); און ער — מיכל — איז פּטור פון שטיין אין אַטשערעדס...

*) „גאָרפּישטשעפּראָמטאָרג" ראשי־תיבות פון גאָראָדסקאָי פּישטשעוואָי פּראָמעש־לענאָי טאָרגאָווליי — שטאָטישע לעבנסמיטל האַנדלספּונקט.

— איר װײסט נישט פּעשקע — האָט זיך אַרײַנגעמישט סענדער בלאָך — אַז „בלאַט װישע סאָװנאַרקאָמאַ״ *).

נאָר דאָ זענען פאַרן גרויסן געשעפט אין מאַרצינקעװיטשעס מויער פאַר־פאַרן עטלעכע פויערישע פורלעך, הויך פאַרפאַקטע מיט שטרוי.

— דאָס זענען זײ! — האָט פּעשקע מירעלעס אויסגערופן. נאָר אײדער װאָס, איז זי שוין נישט געװען מער פון די ערשטע אין דער רײ...

דאָס זענען טאַקע געװען פורלעך בראָנפן, געבראַכט פון מירער ברויז... מיכלען האָבן מער נישט פאַרכאַפּט די סצענעס װאָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר די געשעפטן. איבער מענטשן איז מען געקראָכן צוליב אַ פּאָר קאַלאָשן, אַ קילאָ צוקער אָדער אַ פלאַש בראָנפן...

צוערשט האָט ער זיך געװוּנדערט אויף די שטאָטישע ייִדן, אויף די פּויע־רים, װאָס קריכן איבער קעפּ, װי עס װאָלט געװען אַ הונגער, אָדער זײ װאָלטן געװען נאַקעט.

ער האָט נישט געקענט באַגרײפן דעם פּסיכאָז, מיט װעלכן אײנער שטעקט אָן דעם צװײטן, און פון װעלכן געמיטלעך־רויִקע מענטשן, אפילו צוריקגע־האַלטענע, װערן אין דער „אָטשערעד״ פאַרװאַנדלט אין ביטערע פאַנטערעס, אין טיגערס, װאָס זענען גרײט מיט צײן און נעגל צו דערגרײכן זײער ציל — אַרײַנ־צוגײן אין געשעפט.

מיט דער צײט איז מיכל געװוינט געװאָרן דערצו, און האָט אַפילו דעפי־נירט די דאָזיקע דערשײנונג:

— ספּעציפיש־סאָװיעטישער מאַסן־פּסיכאָז.

***

מיכל איז געגאַנגען װײטער. איבערן דײנס װײס־געקאַלכטן מויער הענגט אַ לאָזונג, געמאָלט מיט רויטע בוכשטאַבן.

„װער עס אַרבעט נישט — דער עסט נישט״.

— װאָס טוט דער לאָזונג דאָ — האָט מיכל געטראַכט. געװוּסט האָט ער, אַז גלאַט אַזױ אין דער װעלט אַריק, װעט מען נישט פאַרשמירן אַזאַ קאָסטבאַרע זאַך װי װײסער לײוונט, מיט פאַרב. נאָר באַלד איז זײן בליק געפאַלן אויף אַ פרישׁ געמאָלן שילד:

„ביורא צו װערבירן אויף אַרבעט״.

---

*) אַ פאַרשפרייט װערטל אין ראַטנפאַרבאַנד — װאָס מײנט, אַז „בלאַט״ — פּראָ־טעקציע איז העכער פון סאָװעט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן.

געלעבט הינטער קראַטן

איז פּאַר מיכלען געוואָרן קלאָר:

— דער טראַנספּאָראַנט דאַרף וועקן דאָס געוויסן פון די לײדיקגייער, זיי זאָלן זיך ווערבירן אויף אַרבעט אין די קוילן־גרובן פון דאָנער באַסיין, צו די דאַמבע־אויוונס קיין טשעליאַבינסק און מאַגניטאָגאָרסק, אָדער אויף בוי־אַרבעט אין זוניקן באַלכאַש...

דאָס געוויסן פון די לײדיקגייער איז געבליבן קאַלט, ווי דאָס איז, וואָס איז געהאָנגען אין צעפּלעך אונטערן דאַך. נישט מער, דער ווינט האָט אָנגעבלאָזן די פּלאַכטע, ווי אַ זעגל —

„עס ווייסט זיך אַן אײנזאַמער זעגל" *).

**
*

נאָר מיכל האָט געמאַכט אַ טעות. דער זעגל איז נישט געבליבן אײנזאַם. די שטאָטישע הפקר־קינדער, אָט די וואָס האָבן געהאָלפן טראָגן פּעקלעך פון אויטאָס, וואָס קומען פון באַן; אַרומגעקראָכן מיט זעקלעך איבער די מיסטן און געקליבן אַלטן אײַזן, ביינער, פּלעשער פון וויין, זענען געוועזן פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט.

דאָס שלאָג־וואָרט איבערן דיינס מויער האָבן זיי נישט געקענט איבערלייע־נען. דאָס איז געוועזן די נויט, וואָס האָט זיי אין דער וועלט געטריבן. ביים אָפּפאָרן פון טראַנספּאָרט זענען מיכל און פיניע געשטאַנען פון דערווייטנס און זיך צוגעקוקט ווי אײנער נאָכן אַנדערן קריכן אַריין אין אויטאָ.

דאַכט זיך אַ פולער אויטאָ־מענטשן, נאָר נישט קיין אַרבעטער...

אַזוי האָט געזאָגט פיניע.

— וואָס ווילסטו, חיים שירקעס זאָל אַרבעטן, אָדער פראים דעם בוזינייערס, אָדער די „זעקעלעך", אָדער גאָר דודל „סאַמע"?

— די צוויי שקצים און אַרל קאַקלס, די, זעסטו, וועלן שוין יאָ אַרבעטן — האָט באַשטעטיקט מיכל.

**
*

אַז חיים שירקעס איז מאַנאַטן שפּעטער, שוין אַ שטיק אין זומער, צוריק־געקומען, כאַטש צום יאָר האָט נאָך היפּש געפעלט, האָט ער עס קלאָר בעגעבן צו פאַרשטיין:

---

*) אַ טיטל פון אַ פּאָפּולער סאָוועטישן פילם: „ביעלעיעט פּאַרוס אָדינאָקי".

— דאָס וואָס אין קאָנטראַקט שטייט „סטאָלאָווע", קריגסטו דאָרטן פּאָמוני־צעס... נאָך אַ ברויט — שטייסטו אַ האַלבע נאַכט אין אָטשערעד.

— אין „אָבשעזשיטיע"*) לויפן אַרום פּאַצוקעס ווי די בערן. טאָמער האָסטו נישט אַ שטיק האָלץ אונטערן האַנט, איז רעכט מ'זאָל דיר אָפּגריזשען אַ פּוס... היינט גנבענען גנבעט מען — מען כאַפּט פון די הענט...

— ייִנגל, ווען איך האָב דאָס ביסל סחורה — האָט ער אַנגעוויזן אויף די פּולע שענק מיט מאַכאָרקע, וואָס זענען געשטאַנען אין די געשעפטן און קיינער האָט זיי נישט געוואָלט קויפן — וואָלט איך אין טשעליאַבינסק אָפּגעלייזט אַ פּאַק מיט טשערוואָנצעס... מ'פּגרט דאָרטן פאַר אַ צי...

— חיימל, אַ בראָך וועט זיין צו דיינע פאָר יאָר פאַר מאַכן ויברח... — האָבן אים חברה נישט אויפהעגערט צו קיבעצן.

— מ'האָט זיי אין אחור...

**
*

דעם רעשט זומער איז חיים אָפּגעזעסן אויף אַלביאַנסקע, אין דער גייער תפיסה. דאָס האָט אים דער פאָלקס־געריכט געמשפּט פאַר אַוועקגיין פון דער אַרבעט אָן אַ דערלויבעניש.

אַרויס איז ער אַ בלאַסער, מיט שוואַרצע רינגען אונטער די אויגן.

— אַ מזלע — האָט חיים נישט געקענט קלוג ווערן — אַלע זענען זיך צעלאָפן, נאָר מיר איינעם האָט מען דערווישט...

אַז קיינער איז נישט געווען דערביי, האָט ער פאַרטרויט מיכלען:

— מענטש, זיצן דריי חדשים דאָ, איז נאָך אַלץ בעסער ווי דאַכניען איז טשעליאַבינסק...

---

*) קאָלעקטיווע וווינונג.

שפּיאָנען: ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער?

בערע „האָטשקע" איז אויפגעשטאַנען דעם פרימאָרגן נישט אין קיין גוטער שטימונג. זינט די נייע מאַכט האָט זיך פאַרפעסטיקט, איז שווערלעך אין שטעטל צו קריגן זיין באַליבט מאכל: קיכעלעך...

ער איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער בחור און האָט געוווסט, אַז איידער ער זעצט זיך צום טיש און פעדימט אין אַ נאָדל־פּאָדעם, מוז מען אויפעסן אַ פּאָר קיכעלעך פון „טרעטשע"־מעל. אַנישט, וואָס פאַראַ זין האָט דאָס לעבן?!

אַז עמיצער האָט גערעדט וועגן בערען, האָט ער אַ קאַפּיטשקע איבערגעטריבן וועגן זיין אַפּעטיט:

— פאַר בערען — האָט יענער געזאָגט — איז גענוג אַ וואַנט קאַשע־קאַרטאָפל און אַ באַלייע קאָמפּאָט, נישט מער...

נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. בערע האָט איינגעזען, אַז ס'איז נישט צו איבער־מאַכן אַ וועלט. אויס מיט „טרעטשע"־קיכעלעך.

— נו, מילא, ברייט מיט פּוטער איז אויך אַן עסן. מ'קען נישט שטאַרבן. — און ער איז אַריינגעטראָטן אין שניידער־אַרטעל „דער רויטער אָקטאָבער" און זיך געשטעלט פּרעסן...

***

צוערשט איז מאיר כאָמסקי געגאַנגען פאַר זיך. ס'זאָגט זיך בלויז אַזוי: גע־גאַנגען... ער האָט היפּש געהונקען אויף אַ פוס און זיך געמוזט שטאַרק וויגן ביים גיין. ער איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, פרומער יונגערמאַן, פון דער גרופּע „השומר־הדתי". אויסגעוואָקסן איז ער אַ קרעפּטיקער בחור און איז געוואָרן אַ היטל־מאַכער. נאָך איידער די מאַכט האָט זיך געביטן האָט ער חתונה געהאַט, און ביי זלאָטע פאַרפעל אין אַ שטיבל זיך געמאַכט אַ וואַרשטאַט.

נאָר אַז דער אַרטעל „דער רויטער אָקטאָבער" האָט געדאַרפט היטל־מאַכער, איז מאיר געוואָרן אַן אַרטעלנער אַרבעטער.

**
*

— אין אַרטעל ברענט! — אַזוי האָבן יידן געשמועסט, זעענדיק ווי דער פייער־לעשער־וואָגן לויפט איבער די גאַסן, כאָטש נישט קיין רויך און נישט קיין פייער האָט מען געזען.

— בסך־הכל — האָט מען שפּעטער דערציילט — האָט זיך אויסגעברענט אַ שטיקל פּאַדלאָגע פון עטלעכע הייסע קוילן...

פאַר בערען איז עס נישט געווען דאָרטן עפּעס אַ פּאָר נישט־אויסגעלאָשענע קוילן...

יעדן טאָג האָט אים אַ מיליציאָנער געפירט פון טורמע איבער דער גאַנצער שטאָט, דורכן מאַרק, צום פּראָקוראָר — וואָס איז געווען אין געליערעוויטשעס מויער.

מיט יעדן טאָג איז בערע געוואָרן בלאַסער, די אויגן איינגעגראָבן און דער פּנים שוואַרץ־פאַרוואַקסן. קיינער האָט מיט אים נישט גערעדט — אַפילו זיין מאַמען האָט מען צו אים נישט צוגעלאָזן.

עטלעכע טעג שפּעטער איז צו בערעס האַנט געגאַנגען צוגעשמידט מאיר. שטייענדיק אין טויער האָט כאַמסקי געקוקט ווי זיין זון הינקט אַ צוגעשמידטער צו בערען ווי צו אַ בער. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געפרעגט: — פאַרוואָס?

אַזוי יעדן טאָג. פונקט דריי אַזייגער איז די פּראָצעסיע געגאַנגען איר גאַנג. חוץ שבת און זונטיק...

— —

אויפן דריטן טאָג פון רוסיש־דייטשן קריג זענען, פון די תמיד־פאַרהעמערטע פענצטער פון ען. קאַ. ווע. דע., אַרויסגעפלויגן פּאַפּירן צוזאַמען מיט אַ שטראָם פרישע לופט. קיינער האָט זיך מער נישט אַרומגעקוקט אוים דעם. קריסטלעכע שכנים האָבן פון די ביוראָ־צימערן אַרויסגעטראָגן שטולן און ווייכע פאָטעלן; דע־מאָלט האָבן זיך די תפיסה־טויערן געעפנט און בערע איז געקומען צולויפן אַהיים.

— מ'האָט מיר אַרויסגעלאָזט, מאַמע!

זיין פּנים איז געווען איין געדיכטע שוואַרצע באָרד און צוויי צעשראָקענע אויגן. אַז בערע איז צו זיך געקומען, האָט ער דערציילט:

— דער פּראָקוראָר האָט יעדן טאָג געזאָגט דאָס זעלבע:

— מיר ווייסן אַז איר זענט באַצאָלטע שפּיאָנען. מיר ווייסן אַז איר האָט גע־קראָגן געלט פאַר אונטערצינדן דעם אַרטעל. זייט זיך בלויז מודה: — וואָס פאַראַ שפּיאָנען זענט איר: ענגלישע אָדער אַמעריקאַנער?..

כאַאָס

אַ זוניקער יוני־פֿרימאָרגן האָט מיכלען געטראָפֿן אין בעט. ער איז געווען פֿויל אויפֿצושטיין. עס איז געווען זונטיק — אַ פֿרייער טאָג, ווען מען דאַרף נישט אין איין אָטעם אַרויסשפּרינגען פֿון בעט, עפּעס עסן, און לויפֿן צו דער אַרבעט.

אויפֿן צעצווייגטן טאָפּאָל אין קלויסטער־הויף, איז געשטאַנען דער בושל אויף איין פֿוס און געקלאַפּט מיטן שנאָבל, ווי מיט צוויי ברעטלעך:

— קליאַק... קליאַק...!

ווי פֿרידלעך עס שטייט זיך דער בושל אין זיין נעסט און טיילט אויס פֿרישטיק. דאָס קליינוואַרג מאַכט גוואַלדן, אַרויסשטעקנדיק די רויטע שנעבעלעך איבערן ראַנד פֿון נעסט:

— טאַטע, נאָך!

מיכל האָט זיך דערמאָנט. אין נעכטיקן קאָמוניקאַט פֿון לאָנדאָן שטעקט עפּעס. אין דער וועלט איז גאָרנישט אַזוי פֿרידלעך ווי אין בושלס נעסט. דאָרטן האַקן דיפּלאָמאַטן מיט די טירן, ווי דאָ האַקט דער בושל פֿרעש מיט זיין הילצערנעם שנאָבל.

מיכל איז מיט אַ ברייטן גענעץ אַריינגעקראָכן אין די הויזן, און זיך גענומען אָנטאָן.

— טשעקאַווע, וואָס וועלן די יאַטן זאָגן אויף דער געשיכטע...

אין דער סטאָלאָווע, וווּ מיכל האָט געהאָפּט צו טרעפֿן זיין טאַטן, איז אין דער פֿרימאָרגנדיקער שעה געווען צופֿיל מענטשן, ווערדליק זונטיק. מיליטער־לייט באַהאָנגען מיט רעוואָלווערן און נייע לעדערנע שיידן, אין נייע מונדירן; נאָר זייערע פּנימער האָבן דעם גראָען קאָליר פֿון איבערגעטריקנטער שוואַרץ־ערד.

— דאָסווידאַניאַ, סאָניעטשקאַ — האָט זיך אַ לייטענאַנט געקושט מיט דער קעלנערין, און טראָפּנס טרערן זענען גערונען פֿון זיינע אויגן. ווען נישט דער מיליטערישער מונדיר מיטן געווער — האָט מיכל געטראַכט — וואָלט ער אויסגעזען ווי אַ שולדיקער חדר־ייִנגל, וואָס האָט מורא פֿאַרן רבינס קאַנטשיק...

אַ ווײַלע שפּעטער איז מיכלען אַלץ קלאָר געוואָרן:
— די דײַטשן זענען אָנגעפאַלן; — דער ראַדיאָ האָט נאָך אָפיציעל נישט גע־מאָלדן, אָבער די אָפיצירן ווייסן שוין. קיִעוו, מינסק זענען שוין באָמבאַרדירט...

— מ ל ח מ ה !

— — — ווידער שטשירעט דער קריג זײַנע הונגעריקע ציין אויף מענטשלעכע לעבנס. מיכל איז אין דעם עלטער, וואָס טאָמער געדויערט דער קריג אַ צוויי־דרײַ מאָנאַטן, וועלן די ציין אויך אים אַרײַנכאַפּן און אַ נישט־דערפאַרענעם אַרויסוואַרפן אין פעלד, כּדי מיט זײַן לעבן צו שיצן דאָס פאָטערלאַנד.

— און כּדי צו פאַלן העלדיש — האָט מיכל סאַרקאַסטיש אַ זאָג־געטון — אויפן פעלד פון רום...

מיט צוואַנציק מאָנאַטן צוריק, איז זיך די פּוילישע קריגס־מאַשין צעפאַלן אין געציילטע טעג אונטער די לאַפּעס פון די צוויי בערן. אַצינד — האָבן זיי זיך פאַר־מאָסטן צווישן זיך...

די שטאָט האָט זיך אַ וויג־געטון, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורך איר אַדורך:

— ק ר י ג !

פון די שווערע האַרמאַטן און טאַנקן, וואָס זענען טאָג ווי נאַכט, וואָכן־לאַנג געפאָרן אײנער נאָכן אַנדערן אין דער ריכטונג פון מערב, ווי אויך די לאַנגע צוגן מיט סודותפול־פאַרדעקטע וואַגאָנעס וואָס האָבן זיך אין דער נאַכט געשלײַכט איבער די רעלצן, איז קלאָר געוווען אַז די פאַרמעסטונג צווישן די רוסן מיט די דײַטשן איז אַ געשיכטע וואָס קען זיך פאַרציִען זייער לאַנג. וואָס לענגער — אַלץ מער מענטשלעכע לעבנס ועט עס קאָסטן...

אַרום מיטיקצײַט האָבן זיך די חברים פאַרקליבן אין מאַטעסעס שטיבל, און בײַ אַ גלעזל משקה, צוגעביסן מיט ווייסן, פּויערישן קעז, זיך געוווּנטשן:

— אַ שנעלן זיג!
— איר זאָלט וואָס שנעלער אַהײם־קומען!
— הלוואַי!

**
*

קלאַנגען, אײנער גוזמאַדיקער פון צווייטן, זענען ווי פאַנטאַסטישע צענקעפּיקע מיטאָלאָגישע חיות, וואָס יעדער קאָפּ זאָגט עפּעס אַנדערש, האָט וועגן פאַרשפּרייט אין שטאָט.

געלעבט הינטער קראַטן

— אונדזערע זענען שוין ביי וואַרשע!

— פאַרנומען קעניגסבערג!

— קריגס־שיפן שטייען אין דאַנציק!

דורכן ראַדיאָ איז שווער געווען די ידיעות צו קאָנטראָלירן. דער עלעקטרישער שטראָם איז געוואָרן אָפּגעשניטן, און קליינע נאַפט־לעמפלעך האָבן געברענט הינ־טער שווער־פאַרהאַנגענע פענצטער...

די האַלב־טונקעלע שאָטנס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די קינדער, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו טאַטע־מאַמע, זוכנדיק שוץ און באַרויִקונג. טאַטע־מאַמע האָבן זיך אָנגעקוקט, און פאַרבאָרגנדיק איינער פון צווייטן די שרעק האָבן זיי הילפלאָז געשמייכלט.

ביז האַלבע נאַכט איז מיכל אומגעקראָכן איבער די הייזער, געוועקט מענטשן און איבערגעגעבן זיי קליינע קוויטלעך־מעלדונגען פון „וואַיענקאָמאַט". יעדער באַזוך אַזאַ האָט אויפגעבונדן אַ קוואַל פון טרערן, וואָס האָט זיך געקליבן און געזוכט אַן אויפלייזונג. דידאַזיקע רופן זיך צו שטעלן אונטערן ביקס, האָבן געמיינט, אַז דער קריג קריכט שוין אַריין אין אויסגעוואַרעמטע בעטן, איינמיטן דער נאַכט און רייסט פון זיי אַרויס נישט נאָר אַ חבר און אַ פריינט אין לעבן, נאָר אַ מאַן, אַ טאַטע פון קינדער...

פון קינדער וואָס וועלן נאָך געבוירן ווערן...

מיכלען איז געווען פיינלעך אָנצוקוקן די מענטשן, וואָס די פּאָר ווערטער וואָס ער האָט צו זיי געזאָגט, האָבן געווירקט ווי אַ ווולקאַן־אויסברוך, און אײדער נאָך ער האָט באַוויזן זיך אַרויסצורוקן פון שטוב, איז אַן אויסגעשריי, ווי אַ בליץ וואָס צערייסט דעם חושכדיקן הימל, האָט אויפגעטרייסלט די שטוב:

— אוי, אַ בראָך צו מיר, טאַטע זיסער!

***

שפּעט נאָך מיטיק איז מיכל אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צום „וואַיענ־קאָמאַט" אָפּצוגעבן אַ באַריכט פון זיין אַרבעט. ער איז געווען דער ערשטער וועלכן מען האָט מאָביליזירט אין דינסט פון שטאָטישן קריגס־קאָמיסאַריאַט.

די טירן זענען געשטאַנען אָפן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירן, אָפּגעריסענע צייטונגען, אין אומאָרדענונג־צעעפנטע שופלאָדן — דאָס מעבל צע־שטעלט ביי די ווענט, עס זאָל נישט שטערן אין גאַנג.

מיכל איז געגאַנגען פון צימער צו צימער. טעלעפאָן־טרייבלעך האָבן זיך געבאָמבלט ווי אָפּגעריסענע אברים אויף שטריקלעך. אומעטום פּאַפּירן, פּאַפּירן, פּאַפּירן... פאַרשריבענע, פאַרדרוקטע, אָפּגעריסענע.

קיין לעבעדיקער מענטש איז נישט געווען צו זען.

— שוין, זענען שוין אַלע אַנטלאָפן? — האָט מיכל זיך געפרעגט...

— איז דאָס דער גרויסער, צוגעזאָגטער זיג?!

— און וואָס ווייטער?

אין דרויסן, אויף דער ווילנער גאַס, האָט אים געטראָפן סראַליק:

— מ'איז אין דרערד. אַלע גייען צו דער גרענעץ!

מיכל האָט געטראָפן זייער שטוב אַנגעלייגט מיט זעק. אַלץ איז געווען פאַרפּאַקט.

— באַראַנעוויטש ברענט. האָראָדזייע איז שוין אָפּגעברענט. מ'שמועסט, אַז היינט וועט מען באַשטימט ניעסוויזש באָמבאַרדירן. — אַזוי האָט געזאָגט מיכלס טאַטע.

— מ'דאַרף אַוועק אין דאָרף.

מיכל איז אַריינגעלאָפן צו סיאָמקען, צו פיניען. אומעטום דאָס זעלבע: זעק, פעקלעך, וועש צונויפגעבונדענע אין ליילעכער...

איבערן גאַס זענען געלאָפן לאַסט־אויטאָס פאַרלאָדן מיט ווייכע מעבל, ניי־מאַשינעס, ראָווערן — דאָס זענען די סאָוועטישע מענטשן אַנטלאָפן אין איילעניש מיט זייערע ווייבער און קינדער...

פאַריתומטע האָבן אויסגעזען די פּאָר אויטאָס מיט זעלנער, וואָס זענען גע־פאָרן צום פראָנט, אַנטקעגן די צענדליקער, וואָס האָבן זיך געריסן אין דער פאַר־קערטער ריכטונג...

— — — פּעסער בענזין, קאַסטנס, וואַליזעס, פּעק אין איילעניש אַרויפגע־וואָרפן. אויפגערעגטע, פאַרשוויצטע רוסן האָבן פון די אויטאָס אַראָפּגעשריגן צו די, וואָס זענען געשטאַנען אין וועג:

— דאַוואַי דאַראָגי! (מאַך פריי דעם וועג!) .

און די שאָפערן האָבן זיי געהאַלטן אין איין יאָגן:

— דאַוואַי סקאָריי! (שנעלער!).

ווי משוגענע האָבן זיי זיך געטראָגן איבערן גאַס.

— צו דער גרענעץ — אין דער רגע האָט מיכל געוווּסט וואָס ער האָט צו טון. ווי אַ פונק, וואָס זעצט אין באַוועגונג דעם מאָטאָר, האָט דער דאָזיקער

געדאַנק אים באַוועגט. דער רוקזאַק איז שוין עטלעכע טעג גרייט אַ פּאַרפּאַקטער. אַ ווײַלע שפּעטער איז מיכל געווען אין דער ריכטונג צו דער אַלטער סאָוועטישער גרענעץ.

מיט געניטקייט האָט ער געדריקט די פּעדאַלן און פלינק אויסגעמיטן די באַוועגונג.

כאָטש נאָך מיטאָג, האָט די זון געברענט. אַ דינער שטויב איז געשטאַנען אויפן זאַמדיקן וועג. מידע, באַדעקטע מיט שטויב, זענען מענטשן געגאַנגען איבערן טראַקט. ביים גרענעץ האָט מיכל שוין געטראָפן אַ האַלבע שטאָט יידישע בחורים און מיידלעך...

— וואָס איז? — האָט ער געפרעגט סראַליקן.

— מ׳לאָזט נישט אַדורך!

— די סאָלדאַטן הייסן גיין צוריק!

— מען הייסט ווייזן אַ „פּראָפּוסק"!

— באַלוואַנעס! — האָט זיך מיכל צעשריִען. קיין אײן רוס איז נישטאָ אין שטאָט. ווער זאָל געבן „פּראָפּוסקן"?

— זיי נישט קיין חכם — האָט זיך אַריינגעמישט סיאָמקע. — די סאָלדאַטן וויסן עס. זיי זאָגן: פּריקאַזאַ ניעטו! (נישטאָ קיין באַפעל).

מיכל האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. הינטער די דראָטן זענען גע־שטאַנען זעלנער מיט געווער, גרייט צום שיסן.

— גייט צוריק!

צוריק איז מען נישט געגאַנגען. די נאַכט האָט אומבאַמערקט זיך אַראָפּגעלאָזט. יעדע ווײַלע זענען אַנדערע צוגעקומען צום גרענעץ, מיט דער האָפענונג צו קענען גיין טיפער אין לאַנד אַריין. ווייטער פון דייטש.

פאַרטאָג זענען אָנגעקומען מיליטער־לייט אין לעדערנע רעקלעך, אויף קליינע לאַסט־אויטאָס וואָס האָבן זיך פלינק באַוועגט איבערן וועג, און באַפוילן מיטן האַרבן טאָן:

— אַלע גייען צוריק אין שטאָט אַריין!

אַנטוישטע, מידע, צעבראָכן פון דער נאַכט אין מיטן פעלד, האָט זיך די מאַסע געשטעלט אין באַוועגונג איבערן זאַמדיקן שליאַך, צוריק אין שטאָט אַריין.

דער מאָרגן־טוי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף זיי אין לויטערע טראָפּנס. אויפן האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע, שטאָלענע פייגל. קיינער האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט. מען איז נישט געלאָפן זיך באַהאַלטן, אָדער זוכן שוץ. גלייכ־

גילטיקע, איינער נעבן צווייטן, מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, האָט מען גע־בראָדזיעט אין זאַמד, איבער די שמאָלע, אויסגעטראָטענע סטעזשקעס... נעבן אַן אויסגעברענטן מיליטערישן אַרכיוו, פון וועלכן אַ טייל פּאַפּירן האָבן בלויז באַוויזן פאַרקוילט צו ווערן, איז געלעגן אַ נישט־ראַזירטער מענטש, מיט צעשויבערטע, פאַרבלוטיקטע האָר, די הענט און פיס צעוואָרפן, און פון זיין האַלדז האָט געפעלט אַ שטיק, וואָס איז איצט שוואַרץ געווען פון פאַרטריקנט בלוט און שטויב. עטלעכע פליגן האָבן זיך געגראַבלט אין דער ווונד. ער איז געווען טויט...

מיכל איז געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן קריג...

צווייטער טייל

נע-ונד

נ אַ כ ט

נאַכט. ביי די זייטן פון וועג ליגט דער וואַלד. ער איז איינגעהילט אין שוואַרצע טיכער. — נאַכט. די שאָטנס פון וואַלד פאַלן איבערן וועג און גיסן זיך צוזאַמען. דער וועג איז אויסגעשפּרייט מיט טונקעלע דיוואַנען. נאָר אונטערן טראָט פּילט מען דעם האַרטן, שטיינערנעם רוקן פון שאָסיי.

שאָטנס ווי פלעדערמייז באַוועגן זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען און ווערן פאַרשלונגען פון דער נאַכט.

אַ פּור סקריפּעט איבערן וועג. דאָס איינטאָניקע קלאַפּן פון פערדישע קאָפּיטעס הילכט טויב אין דער נאַכט. דאָס שמאָלע פּאַסיקל האָריזאָנט צווישן דעם וואַלד, וואָס דער וועג האָט אין צווייען צעשניטן — איז רויט. דער וואַלד איז פול מיט סודות. הינטער זיינעביימער איז פאַרבאָרגן אַן אַרמיי. פון אייגענע אָדער פון שונאים? דעם דאָזיקן סוד האַלט די נאַכט. נאָר זי אַליין ווייס, ווער ס'זענען די פאַרשטעקטע שאָטנס, די פאַרבאָרגענע אין געדיכטן וואַלד. אויך זיי, די שאָטנס, ווייסן נישט מיט וועמען דער וואַלד איז פול, און פון וועמען זיי זענען אַרומגערינגלט.

אַן אויטאָ איז אָנגעפאָרן. אנטקעגן אים — אַ צווייטער. אַ קנאַל פון זיך־צוזאַמענשטויסנדיקן מעטאַל האָט אָפּגעקלונגען. די מאָטאָרן זענען שטיל געבליבן. אינדערפינצטער האָבן מענטשלעכע הענט אָנגעטאַפּט דעם שאָדן. קיינער האָט נישט געוואַגט קיין ליכט אָנצוצינדן. אפילו צו רויכערן.

מיכל האָט זיך איינגעשניטן אין דער נאַכט. געפירט פון אינסטינקט ווי פון אַ קאָמפּאַס, האָט ער נישט געהאַט פאַר זיך קיין קלאָרן ציל. אים האָט באַוועגט בלויז איין געדאַנק: פאָרויס. אונטער די רעדער פון זיין ראָווער זענען די מיילן געפלויגן. אין דער פינצטערניש וואָס איז געווען ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן, האָט מיכל נישט געוווּסט, ווי ווייט ער איז שוין אָפּגעפאָרן. לויט דעם גרינעם,

פּאַספּאַרטירטן ציפּערבלאַט פון זיך זייגער איז ער שוין אַרום ניין שעה אין זאַטל; און אַ װאַסערע צװיי שעה װעט נאָך גערויערן ביז עס װעט נעמען טאָגן. דער אַנ־געצונדענער האַריזאָנט האָט זיך װאָס אַמאָל דערװייטערט. מיכל האָט געװוסט אַז ער פאָרט טיפער אין לאַנד אַריין. די רויטע פייער־צונגען װאָס האָבן געלעקט דעם האַריזאָנט — דאָס איז געװען דער לעצטער אָטעמצוג פון אַ שטעטל — סלוצק...

אין אויפגייענדיקן מאָרגנרויט האָט מיכל געטרונקען װאַסער פון אַ ברונעם ביים װעג. דער הילצערנער זשוראַף האָט געסקריפּעט, ציִענדיק אַרויף דעם עמער, װאָס איז געװען באַװאַקסן מיט מאָך. אַרום זענען געשטאַנען זעלנער און געװאַרט אין דער ריי. דער װאַלד האָט געשמעקט מיט פרישע סמאָלע, װאָס האָט געטריפט פון די ביימער. די פייגל האָבן זיך דורכגעטשיטשערט צװישן די צװייגן. פּאַפּראָט־בלעטער האָבן זיך צעגרינט אין שאָטן פון די יאָדלעס. דער זומער האָט מיט יוגנט־רייץ אויסגעצירט דעם װאַלד.

נאָר אויף די פּנימער פון די יונגע מענטשן אין זעלנערישע העמדלעך, מיט ביז צום הויט־אָפּגעשוירענע קעפּ, איז געלעגן די אַש־גרויע ביינערדיקע האַנט פון קריג, װאָס װעט באַלד צוזאַמענקראַמפּן אין אַגאָניע די פינגער און דער זומער פון זייער לעבן װעט אויסגעלאָשן װערן, װי דאָס פלעמל פון אַ חלב־ליכטל ביים מינדסטן בלאָז פון װינט...

אַ מיליטער־פּאַטראָל האָט קאָנטראָלירט מיכלס דאָקומענטן. ער איז געפאָרן װייטער...

דעם פרימאָרגנדיקן הימל האָבן דורכגעקרייצט רוישיקע מאַשינעס. נאָך יעדן פלי, איז דער הימל פול געװאָרן מיט װייסע װאַטע־קוילן, װאָס האָבן װי קנאָספּן פון באַװול־פלאַנצן געפּלאַצט און זיך צעעפנט. לאַנגזאַם זענען זיי געפאַלן צו דער ערד.

— פּאַראַשוטיסטן!

דאָס דאַזיקע װאָרט האָט געװירקט שטאַרקער װי אַ באָמבע־אויפרייס און געזייט פּאַניק. מענטשן זענען געלאָפן איבערן שאָסיי, נישט װיסנדיק װוּ זיך צו באַהאַלטן, און פון װעלכער ריכטונג דער שונא װעט אָנגרייפן. אונטער יעדן קוסט, װוּ דער װינטל האָט בלויז גערוישט צװישן די בלעטער, האָט זיך געדוכט אַז עס רוקט זיך אַ פאַרטייעטער שונא מיט אַ שטאָלן געװער, גרייט יעדע רגע אויסצולעשן ס׳לעבן. מיכל האָט װי אַ שװאָם איינגעזאַפּט אין זיך די קלאַנגען. ער האָט געזען דעם הימל באַשאָטן מיט די װייסע פּונקטן, װי אַ מאָן־פעלד מיט רויטע בלומען. ער האָט אויך געװען די זעלנער װאָס גרייטן זיך צו באַגעגענען דעם שונא. אין זיינע

אויגן, אין די אויגן פון איינעם וואָס האָט מיט מיליטער קיינמאָל נישט געהאַט צו טון, האָבן די דאָזיקע זעלבער אויסגעזען ווי עפּעס אַ צונויפגעקלעפּטע מענער־מאַסע אין מיליטערישע העמדלעך וואָס איז דורכגענומען מיט מורא פאַרן אָנקומענדיקן. זייערע אויגן האָבן מיט קנאה נאָכגעקוקט מיכלען, וואָס פאָרט צוריק...

— וואַליי, פאָרין! (יאָג, בחורל!) — האָבן זיי אים נאָכגעשריגן, גייענדיק צעוואָרפן ביי די זייטן פון וועג.

איבער מיכלס נאַקן איז גערונען דער שוויס. דער פאַרטריקנטער גומען האָט געדורשט נאָך אַ ביסל וואַסער. די פינגער האָבן זיך איינגעקלעמט אין שטייער. די פיס האָבן מעכאַניש געדרייט די פעדאַלן, און טאָמער זענען זיי מיד געוואָרן און אויפגעהערט צו דרייען — האָט אים די קייט מיט איר שטילן זשומען דערמאָנט, ווי אויפגעוועקט:

— זש... זש... זש...

די נערוון, אַלע מוסקולן, דער געדאַנק, האָבן געשטרעבט צו איינס: די פיס־מוסקולן זאָלן וואָס בעסער, וואָס שנעלער, דריקן אויף די שטאָלענע פעדאַלן, כדי צו ברענגען אים צו אַ פּונקט וואָס הייסט: זיכערקייט.

פאַרנאַכט־צו, איז ער שטיין געבליבן פאַר אַ קליינער באַן־סטאַציע. הונדערטער פּליטים האָבן געוואַרט עס זאָל זיך באַווייזן אַ צוג.

— דו וועסט מיטן צוג נישט קענען פאָרן!

מיכל האָט זיך אויסגעדרייט. פאַר אים איז געשטאַנען אַ רוס אין אַן אייזנבאַן־מונדיר.

— דיך וועלן מיר נישט אַרויפלאָזן אויפן צוג. דו קענסט פאָרן מיטן אייגענעם כוח. ווילסט נישט, פאַרקויף דעם וועלאָסיפּעד.

מיכל האָט געשוויגן.

— נאַרעלע, וועסט אים סיי־ווי אַוועקוואַרפן. צו וואָס טויג ער דיר?

מיכל האָט מיט אַ מאָדנער עקשנות געשוויגן. ער וועט דעם ראָווער נישט אַוועקוואַרפן, נישט פאַרקויפן.

מיט אַ פייף איז אָנגעלאָפן אַ פראַכט־צוג. מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו די וואַגאָנעס, זוכנדיק אין זיי אַ רעטונג. פרויען האָבן געשריגן, רופנדיק די קינדער. מען איז געקראָכן איבער קעפּ. אָפענע פּלאַטפאָרמעס זענען פול געוואָרן. יונגע חברה זענען אַריבערגעקראָכן איבער די בלעכענע ווענט פון טאָרף־וואַגאָנען. מיט אַ שמייכל האָבן זיך די אייזנבאַנער צוגעקוקט צו די אַנטלויפנדיקע.

כאַטש צווישן די וואָס האָבן זיך געריסן אָפּצופּאָרן מיטן צוג זענען געווען גענוג רוסן, האָבן זײ דאָך זיך איבערגעוואונקען:

— זשידי ביעגוט!

ווען מיכל האָט געפּרוווט אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן צוג, האָבן אים די אײזנ־באַנער צוריקגעשלעפּט:

— דו וועסט נישט אַוועקפאָרן, אַכיבע וועסט אַוועקוואַרפן דעם ראָווער!

דער צוג איז אַוועק. מיכל איז געבליבן. דעם ראָווער האָט ער נישט אָפּגעגעבן. אין הילפלאָזן כעס האָט ער פעסטער פאַרקוועטשט די הענטלעך פון ראָווער און איז צוריקגעפאָרן אין שטעטל.

— נאַט אײך, פעטער, אַ וועלאָסיפּעד — האָט מיכל געזאָגט צום ייִדן, אין וועמענס שטוב ער האָט אַ װײלע פריִער געטרונקען וואַסער.

— פאַרוואָס נעמט איר אים נישט מיט — האָט זיך דער ייִד געוווּנדערט — ס'איז דאָך עפּעס אַ מאַשין.

— די אײזנבאַנער — האָט מיכל אָנגעוויזן. ער האָט מער נישט געקענט רעדן.

— נו, זײ, די באַנדיטן, — האָט דער ייִד פאַר זיך צוגעגעבן. — זײ וואַרטן נאָר דערויף...

***

אין מיטן דער נאַכט איז מיכל אַרויף אויף אַן אָפענער פּלאַטפאָרמע. דער גאָסרעגן האָט זיך אײנגעשטילט, נאָר דער קאַלטער ווינט האָט דורכגענומען די בײנער. מענטשן זענען געזעסן צונויפגעטוליעט. עמעצער האָט אַריבערגעצויגן אַן אַלטן קאָץ איבער די קעפּ. דער צוג האָט געררירט.

נעבן מיכלען איז געזעסן אַ פרוי. אויף די פיס האָט זי געהאַט בלויז זאָקן. יעדע פאָר מינוט האָט זי עפּעס אַנדערש געשריגן.

— מ'באָמבאַרדירט!... מײן קינד!...

זי האָט זיך געריסן פון לויפנדיקן צוג. די אַרומזיצנדיקע האָבן איר צוריק־געהאַלטן. נאָך אַ װײלע הילפלאָזן קעמפן, איז זי אַוועקגעפאַלן אַ מידע און זיך צעוויינט.

דער צוג איז שטײן געבליבן. פּלוצלינג האָט זי זיך אַ ריס געטון, און אַנטלאָפן אין וואַלד אַרײַן...

געלעבט הינטער קראַטן

די לבנה האָט זיך אַדורכגעריסן פון צווישן די וואָלקנס. איר קנאָפּער שײַן געפאַלן אויפן שטייענדיקן צוג.

— מײַן מאַן איז אומשולדיק! שיסט אים נישט!

די שטים האָט ווי אַ זעג דורכגעשניטן די שטילקייט. מיכל האָט דערפילט ווי מוראַשקעס וואָלטן ארומגעקראָכן איבער זײַן רוקן. אונטער די האָר־וואָרצלען האָט אים גענומען פרירן...

— זי איז אַראָפּ פון זינען — האָט עמיצער געפליסטערט הינטער אים.

**

און ווידער נאַכט. דער מאָהיליאָווער וואָקזאַל איז אַ וואַלד פון פערד און וועגענער, קאַסטנס, אויטאָמאָבילן, מענטשן... אָן אַ שיעור מענטשן. איבער אַלע־מען ליגט די זומערדיקע יולי־נאַכט.

מיכל האָט זיך געשטופּט צווישן די פורן, קאַסטנס. ער האָט געזוכט אַ פריי אָרט צוצוזעצן זיך. אויף די הויכע פּלאַטפאָרמעס נעבן די באַן־מאַגאַזינען זענען מענטשן צונויפגעפּרעסטע געזעסן שטילערהייט. ענדלעך איז אין אַ ווינקל געווען אַ פּוסטע פינצטערקייט אין וועלכער מיכל איז אַרײַנגעפאַלן. ער האָט דערפילט אַ וואַנט, אַ שטיינערנעם טרעפּל און קיינעם אַרום זיך. אַ סירענע האָט זיך צע־שריגן. איר געוווי האָט אויפגעריסן די נאַכטיקע שטילקייט און האָט אָנגעזאָגט, אַז עס רוקט זיך אָן די געפאַר. אַז אָט וועט דער נאַכטיקער הימל עפענען זײַן איב־געוויד און נעמען זייען הייסן, בלייענעם טויט.

די מאַסע האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, נאָר זיך נישט גערירט פון אָרט. פאַר מיכלען איז איצט אַרויפגעשווומען דאָס בייטאָגיקע בילד.

...ווי ווײַט דאָס אויג קען פאַרכאַפּן פרויען, מענער מיט גראָב־אײַזנס אין די הענט, הויכע בערג געלער זאַמד און טיפע גריבער. מען גראָבט פאַרטיידיקונגס־ליניעס...

אין רעסטאָראַן זיצן מענטשן ביי די טישלעך און עסן. די סירענעס רופן, וואָרענען. די געסט ביי די טישלעך בלייבן רויִק עסן. עס פליִען אַעראָפּלאַנען. ערגעץ־ווו קראַכט עס. אין דער לופטן פּלאַצן ווייסע באַלאַנדלעך רויך פון דער זעניט־אַרטילעריע. אָן עראָפּלאַן צינדט זיך אָן. פאַלנדיק, ברענט ער ווי אַ פאַקל...

ביי די רעסטאָראַן־טישלעך ענדיקן די מענטשן עסן. קיינער לויפט נישט.

אפילו די קעלנערס בלייבן רויק, ווי אנגעשטעקט מיט דער גלייכגילטיקייט פון די געסט...

פון וואַנען די גלייכגילטיקייט? האָט מיכל געפּרוּווט ביי זיך דערגיין. צי האָט דאָס לעבן פאַר זיי קיין ווערט נישט?

די נאַכט איז אַדורך רויק.

פאַרטאָג זענען צענדליקער וואַגאָנעס געבליבן שטיין אויף דער סטאַציע. קיינער האָט נישט געפרעגט אין וועלכער ריכטונג זיי גייען; קיינער האָט אויף נישט געפרעגט אויף באַן־בילעטן. ווי אַ ריזלדיקער טייך, וואָס גייט אַרויס פון די ברעגן און צעגיסט זיך איבער אַלץ, אומוואָרפנדיק אָדער מיטשלעפנדיק נאָך זיך אַלץ וואָס שטייט אים אין וועג, האָט די דאָזיקע מענטשן־כוואַליע געשטראָמט צו די וואַגאָנעס. מיכלען האָט די דאָזיקע כוואַליע געטראָגן ווי אַ דין שפּענדל, ביז ער האָט אונטער זיינע פיס דערשפּירט דעם וואַגאָן־באָדן.

דער צוג האָט גערירט. ס'איז מיכלען קנאַפּ וואָס אָנגעגאַנגען וווהין דער צוג וועט אים ברענגען. ער האָט פאַר זיך נישט געזען קיין ציל. ער האָט בלויז געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון כאַאָס, אין וועלכן דער קריג האָט אַריינגעוואָרפן די גרענעץ־געביטן. ער האָט געגלויבט, אַז טיפער אין וואַלד וועט ער טרעפן רויקייט און אפשר וועט ער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קענען צוריקפאָרן אַהיים. אין יענער נאַכט, זיצנדיק צוגעטוליעט צו אַ ווינקל פון אַ מויער, וואָס געהערט צו איינעם פון די בנינים פון דער מאַהיליאָווער סטאַנציע, האָט מיכל געטראַכט פון דער היים. זי איז געווען נאָענט הן אין שטח, הן אין צייט. ער איז סך־הכל ערשט אַ פּאָר טעג זינט ער האָט די היים פאַרלאָזט.

און דאָך איז זי געווען אַזוי ווייט...

זיראַבולאַק

פונדערוויטנס האָט זיך געזילבערט אַ שנירעלע צווישן די גרינע פעלדער — דער נאַרפּיי. דער צעגליטער זאַמד פון וועג האָט דורכגעבערענט די זוילן און געבריט.

מיכל איז געגאַנגען צווישן די צעגרינטע באַוול־פעלדער. פון די האַלב־צעעפנטע קנאָספּן האָט אַרויסגעקוקט אַ ווייסער פּוך. ער האָט אָפּגעריסן אַ פלאַנץ און געצופּט דעם פּוך. ער האָט געפילט ווי די זון־שטראַלן בויערן דורך די נישט־באַשיצטע ערטער פון זיין קערפּער. מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער און זיך אַריינגעוואָרפן אין קילן וואַסער. דער שטראָם איז דורכזיכטיק־קלאָר און ער שווענקט אונטער די ברעגן, וואָס זענען געדיכט באַזעצט מיט נידעריקע ביימלעך.

די דרויסנדיקע היץ האָט מיכלען דורכגעבערענט, ווי אַ קוקורוזע־פּלעצל, וואָס ביים ערשטן ריר צעשיט עס זיך. ער האָט זיך נישט געקענט געזעגענען מיטן קילן וואַסער. ער האָט געוואָלט אַראָפּשווענקען פון זיך דעם שטויב וואָס האָט זיך אין אים איינגעגעסן. ער האָט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך די דערפרישנדיקע קיל־קייט און זי מיטנעמען אויפן וועג צוריק, אין שטאָט אַריין.

נאָכן באָדן זיך, איז מיכל אַוועק אין אוזבעקישן טייהויז — „טשייכאַנאַ״. ווען מיכל איז מיט חדשים צוריק אָנגעקומען אין דעם שטעטל זיראַבולאַק, מיט אַ בריוו פון סאַמאַרקאַנדער ביוראָ פאַר עוואַקואַציע — איז עס געווען אין מיטן נאַכט. דער צוג האָט אים אַרויסגעוואָרפן אויף אַ זאַמדיקן וועג און איז פאַרשוווּנדן. טאַפּנ־דיק אין דער פינצטער, איז ער דערקראָכן צום קוים באַמערקבאַרן ליכטל, וואָס האָט געצאַנקט פונדערוויטנס. דאָס איז געווען אַ אוזבעקיש טייהויז, וואָס האָט גלייכצייטיק געדינט פאַר אַ נאַכט־אַזיל.

אין אַ קוים פאַרשטענדלעכער שפּראַך, האָט אים אַ טונקל־הויטיקער אוזבעק,

ווי אויסגעשניטן פון דער נאַכט, אַנגעוויזן אויף אַ נאַרע אונטער וועלכער ס׳איז געפּלאָסן אַ וואַסערל, און וועלכע איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ דינעם טעפּיך.
אַ מידער איז מיכל איינגעשלאָפן.

אינדערפרי האָט ער ווי די איבעריקע זיך געוואַשן ביי אַ פּירעקיקער אויסגעגראָבענער סאַזשעלקע. דאָס וואַסער איז געווען געל פון זאַמד. איבער איר אויבערפלאַך האָבן זיך געגליטשט וואַסער־שפּינען. דאָסזעלבע וואַסער האָט געזאָטן אין צוויי מעשענע, בייכיקע סאַמאָוואַרן. מיכל האָט געטרונקען אַ גרינעם ביטערן טיי און צוגעגעסן שוואַרצע זאַפטיקע ווייִנטרויבן און אַ שטיק ברויט.

פון דעמאָלט אָן, איז ער אַ שטאַמגאַסט דאָ. ווען ער זעצט זיך אַוועק פאַרנאַכט אין שאָטן פון די ביימער, וואָס וואַקסן ביים „אַריק"*), ווייסט שוין דער טשייכאַנטשיק אים צוצוטראָגן אַ טשייניק טיי און אַ קליין שיסעלע, אַ פּיאַלע.

מיכל קוקט שוין נישט אויף די אוזבעקן מיט אַזאַ נייגיר, ווען זיי זיצן די פיס אונטער זיך און טרינקען אַלע פון איין טעצל, וואָס שפּאַצירט אַרום אין קרייז.

אים איז שוין נישט קיין וווּנדער אויף די פּאָר אוזבעקן, וואָס גייען איינראַפּעיש אָנגעטון, הייסן מאָשע און דאַוויד און האַלטן זיך פאַר ייִדן.

אים וווּנדערט אַפילו נישט וואָס זאַנוול גרין, דער לעמבערגער יונגערמאַן, וואָס איז אַהערגעקומען צוזאַמען מיט אים, איז געוואָרן אַ לערער פון אוזבעקישע קינדער...

דאָס געהערט צו די ערשטע וואָכן, ווען מיכל האָט אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויפן ווייטן, אומבאַקאַנטן, האַלב־ווילדן און עקזאָטישן מזרח. ער האָט אַפילו געהאַט אינטערעס אויסצושטודירן דעם אַטלאַס, וואָס ער האָט זיך אין טשקאַלאָוו געקויפט, און ער האָט אויסגערעכנט, אַז ער איז היפּש פאַרפאָרן פון זיין היים. אַ וואַסערע צען טויזנט קילאָמעטער...

***

מיכלס אַלע חושים זענען פאַרטון אין די עשאַלאָנען. ווי נאָר ער ווערט פריי פון דער אַרבעט, לאָזט ער זיך צו דער קליינער סטאַנציע, וווּ תמיד שטייט אָן עשאַלאָן מיט ייִדן, וואָס קומען אָן פון ווייטן צפון. זייערע פּנימער פאַרוואַקסן, די פּופּיקעס אַלט, פאַרשמאַלצן, און פון די וואַטע־הויזן הענגען־נאָך צויטן. נאָר אַ

*) אַ וואַסער־קאַנאַווע.

פּילצענער קאַפּעליוש, וואָס איז דורך אַלע וואַנדערונגען, „וואַשעבויקעס״, בעדער, קאַראַנטינעס און לאַגערן אַדורך בשלום, זיצט אויפן קאָפּ פון אַ ייִדן, וואָס פאַר־קערפּערט מיט זיך אַ נאַר־וואָס באַפרייטן אַרעסטאַנט און אַ שטיק אייראָפּע, וואָס איז געבליבן ערגעץ־ווו...

קינדער מיט לויזע מעגעלעך זיצן אונטער די וואַגאָנעס און מאַכן זיך לייכט... אַ ייִדענע לויפט מיט אַן עמער און זוכט אַ ביסל געקאָכט וואַסער. פון אַ זייטיקן וואַגאָן לאָזט זיך הערן:

— אַ רוח אין דיין געפּגרטער מאַמען, קראַכמאַלניק!

מיכל נישטערט אַרום די וואַגאָנעס. ער וויל עמעצן טרעפן, באַגעגענען. אייגנטלעך איז אים נישט קלאָר, וואָס אַזוינס וויל ער דאָ געפינען. נאָר עפּעס אַן אינערלעך געפיל, גיט אים קיין רו נישט. עפּעס איז אים היימלעכער, אַז מען זעט אַזויפיל ייִדן.

— אַזוי פיל ייִדן? עט יונגערמאַן — מאַכט צו מיבלען אַ ייִד מיט אַ האַלב־גרוי בערדל און מיט אַ פּאָר לעבעדיקע אויגן — זאָגט קיין עין־הרע, מיר האָבן דאָרטן גענוג איבערגעלאָזט אין די וועלדער, די סיבירער, אין די טייגעס, אין די פּאַסיאָלקעס... איר זעט די ייִדן — ווייזט ער אויף די אויפגעפּראַלטע טירן פון די וואַגאָנעס, מיט אייזערנע אייוועלעך אין מיטן — איר זעט זיי? יעדער ייִד איז אַ נס, יעדער פון זיי האָט געאַרבעט אין אַ וואַלד, ביי 60 גראַד פראָסט, געטאָפּ־טשעט דורך טיפע שנייען — — —

— דאָ וועט איר פגרן, האָבן די ענקאַוועדיסטן געזאָגט, נישטאָ מער אַ לאַנד אַזאַ — פוילן. דאָ וועט איר לעבן ביז אַלץ וועט זיין אויס... און דער שניי וועט אויסגלייכן די ערד...

— אַ, יאָ, איר קוקט מיך אָן, איר וווּנדערט זיך ווי אַזוי איך האָב אויסגע־האַלטן? דאָס, יונגערמאַן, איז גלויבן, דער בטחון אַז מירן די צרות איבערלעבן, האָט אונדז דערהאַלטן. נישט מער, גענוג קרבנות האָט עס געקאָסט. נישט ווייניק פון אונדזערע ייִדן ליגן אין די טייגעס. דאָרט האָבן זיי געפונען זייער אייביקע רו... — דער ייִד לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ.

— ווען נישט שיקאָרסקי, ווען נישט דער אָפּמאַך מיט דער לאָנדאָנער רע־גירונג און די רוסן, וואָלט ווער ווייסט ווו אונדזער געביין וואָלט אַהינגעקומען, און אַלץ דערפאַר, וואָס מירן געוואָלט לעבן...

— ע, ר׳ משה, זיך צערעדט, האַ? געטראָפן עמיצן ס׳האַרץ אויסצוגיסן —

האָט מען צום ייִדן געשריגן פון וואַגאָן אַרויס — און טאָמער איז עס גאָר אַ „שמעקער", אַ „סליכענער", מאַכט איר ווידער אַ רייזע צו די ווייסע בערן...

דער ייִד ווערט בלאַס. מיכל זעט ווי די קני:ען הייבן אים אָן צו ציטערן, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ לאָזט ער זיך צום וואַגאָן...

ביז דער צוג איז פאַרשווונדן האָט דער ייִד נאָכגעקוקט מיכלען צי ער שטייט נאָך, אָדער ער איז שוין אוועק...

*
**

עס רעגנט. גאַנצע טעג הערט דער הימל נישט אויף צו אויסלאָדן פון זיך דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך אין דעם רעגנלאָזן זומער אָנגעקליבן. די ליימיקע ערד איז געוואָרן ווייך און קלעפּיק. ס'איז שווער אַ פוס אַרויסצונעמען, ווי צוואַנגען וואָלטן זיך אין איר איינגעקלאַמערט. דער רעגן צעווייקט די ווענט פון די הייזלעך און זיי צעפאַלן זיך, ווי קאַרטן־שטיבלעך.

שוין צען טעג ווי מען קריגט נישט קיין ברויט. נאָר בלויז די אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן קריגן צו צוויי הונדערט גראַם. יעדן טאָג זאָגט מען, אַז אָט קומען אָן די וואַגאָנען מיט מעל.

— זיי זענען דאָ! — האָבן די אַרבעטער זיך איין פרימאָרגן איבערגעגעבן צופרידענע אין די מעכאַנישע טראַקטאָרן־רעמאָנט־וואַרשטאַטן, וווּ מיכל האָט געאַרבעט. אַפילו דער אוזבעקישער פאַרקויפער האָט זיך געפרייט:

— נאָן! יאַכשי! (ברויט, ס'איז גוט!)

נאָר צומאָרגנס האָט מען ווידער אויסגעטיילט צו צוויי הונדערט גראַם ברויט.

— אָנשטאָט מעל, זענען אָנגעקומען זאָמען פון צוקער־בוריקעס...

— דאָס איז סאַבאָטאַזש — האָבן אייניקע געוואָרטשעט מיט אַ האַלב מויל.

— דער צוקער־זאַוואָד וועט ערשט זיין פאַרטיק אוודאי אין אַ צוויי יאָר אַרום...

מיכל איז ווייטער געשטאַנען ביים וואַרשטאַט, פאַרריכט טיילן פון טראַקטאָרן. נאָר אינעווייניק, אין זיין מאָגן האָט עס געצופּט, געריסן. דער מאָגן האָט זיך צוזאַמענגעצויגן, און מיכל האָט געפילט ווי אַלץ אין אים ווערט איינגעשרומפּן, ווי אַ מעכטיקע פּאָמפּע וואָלט געזויגן זיין איינגעווייד. אַלע מוסקולן האָבן זיך געצויגן צו רו, נאָר די קאַלבעס און צעלינדערס אויף זיין וואַרשטאַט זענען געוואַקסן...

געלעבט הינטער קראַטן

דאָס קליינטשיקע זיראַבולאַק האָט זיך דערפילט ווי דער נאַרפּיי אין האַרבסט. עס איז געוואָרן פול, ביז אַריבער די ברעגן. יעדער צוג האָט אַרויסגעוואָרפן וואָס אַמאָל מער מענטשן. עוואַקוּירטע, „בעזשענצעס" — הימלאָזע פּליטים, וואָס זוכן דעם קאָפּ ווו אַוועקצולייגן. אין די „טשייכאַנאָס" ליגן מענטשן וואַכלאַנג ברודיקע, צעפרעסן פון לייז.

מיטן טאָג צוגלייך גייען זיי אַרויס אין מאַרק, קוקן זיך צו ווי מען קויפט, מען פאַרקויפט. נאָר קיין געלט אַליין עפּעס צו קויפן האָבן זיי נישט. פאַרזוכן זיי בלויז מיט ברודיקע לעפל, וואָס זיי טראָגן מיט זיך, די פעטע זויער־מיך, „קאַטיק", וואָס די אוזבעקן פאַרקויפן...

יעדן פרימאָרגן טראָגט מען אַרויס די טויטע פון „טשייכאַנאַ". דער שפּיטאָל איז פול מיט טיפוס־קראַנקע...

נאָך דער אַרבעט האָט זיך מיכל קוים דערשלעפּט צו זיין חדר ווו ער איז געשלאָפן אויף אַ וואַטענעם זאַק, צוגעדעקט מיט אַן אַלטער קאָלדרע. יעדן טאָג האָט זיך אים געדוכט:

— שוין, מאָרגן וועסטו נישט דאַרפן מער אויפשטיין צו דער אַרבעט... נאָר צומאָרגנס איז ער ווידער געקראָכן דורך דער בלאָטע, וואָס איז שוין פאַרטאָגס געווען עטוואָס צוגעפרוירן, צו די וואַרשטאַטן פון מ. ט. עס. ...*)

אויפן מאַרק דרייען זיי זיך אַרום. אָפּגעריסענע, ווילד־פאַרוואַקסענע, אין שטריק איינגעפלאָכטן, באַרוועסע פיס פון ערד־קאָליר. הענט מיט צעוואַקסענע שוואַרצע נעגל ווי ביי שפּאַרבערס. דאָס זענען יידן פון פוילן. זייערעשוואַרצ־אַפּלען רוען נישט. זיי זוכן אַ געלעגנהייט עפּעס אַ כאַפּ צו טון אין מויל אַריין און אַנטלויפן. אויסער פון די אוזבעקן, מוזן זיי זיך היטן פאַר די רוסישע „בלאַטנע" וואָס אַרבעטן אויפן מאַרק.

מיכל קען נישט פאַרשטיין:

— פאַרוואָס אַרבעטן די מענטשן נישט? ווי קענען זיי לעבן אָן ברויט־קאַרטלעך, אָן ווינונגען, אָן געלט?

די דאָזיקע יונגע, ווילד־פאַרוואַקסענע און אָפּגעלאָזענע מענטשן, זענען דער פּראָדוקט פון די לאַגערן, וועלכע זיי האָבן נישט לאַנג פאַרלאָזט, ווי באַפרייטע פוילישע בירגער. אין לאַגער האָבן זיי באַקומען אַ ווידערווילן צו אַרבעט, ווייל

*) מ. ט. ס. — ראשי־תיבות פון מאַטאָרנאַ־טראַקטאָרנאַיאַ סטאַנציאַ, רעמאָנט־וואַרשטאַט פאַר מאָטאָרן און טראַקטאָרן.

אַרבעט איז אַ שטראָף, און ס׳איז אויפגעקומען אַ געפיל פאַר הפקרות. אַ געפיל וואָס טעמפּט אָפּ דעם חוש פון טראַכטן וועגן מאָרגן, אפילו פון שפּעטער; דאָס איינציקע איז: איצט, די מינוט...

דאָס איז די רעאַקציע פון הילפלאָזע, אומשולדיק־פאַרמשפּטע מענטשן. אַ מין צולהכעיס־געפיל אין שפּיל מיטן לעבן...

דאָס לאַגער־לעבן איז איבער זייערע נשמות דורכגעגאַנגען ווי אַ דימענט איבערן גלאָז, און באַטש דאָס גלאָז שאַפּט נאָך מיט זיך אין גאַנצעס, איז עס נישט מער ווי אַן אָפּטישע אילוזיע. אין דערווירקלעכקייט איז דאָס גלאָז צעשניטן...

**
*

הונגער... ווען אויף הילצערנע טישן ליגן אויסגעלייגט פּירעקיקע „ציגע־לעך”*) ברויט, און פון הינטער געבלימלטע פּאַטשיילעס קוקן אָפּער שמעקע־דיקע, ווייצענע לעפּיאָשקעס; און וואָס מער דו פּרעסט זיימיט די אויגן — אַלץ הונגעריקער בלייבסטו... מענטשן קויפן דאָס דאָזיקע ברויט... זיי טראָגן עס נישט אַוועק אין די היימען, נאָר זעצן זיך גלייך אויף די טישן, קנייפּן שטיקער און הייבן אָן צו שלינגען... הינטער די הילצערנע באַלקנס, וואָס שפּאַרן אונטער דעם דאַך, אונטער וועלכן עס צעלייגט זיך דער מאַרק, שטייען זיי אָפּגעריסענע, מיט אויגן צעגליטע און קוקן נאָך יעדן שטיק ברויט וואָס ווערט אָפּגעריסן און פאַרשלונגען מיט אַ געפיל ווי מען וואָלט פון זייער פלייש געריסן שטיקער און געפרעסן... די דאָזיקע הונגעריק־צעגליטע אויגן עגבערן דורך דעם ברויט. זען די צאָל קליינע ברעקלעך וואָס זענען געבליבן ליגן אויפן טיש... אַ האָפענונג לייכט אויף:

— אפשר דאָך וועט געלונגען...

דער מאָלצייט פון גליקלעכן, וואָס קען זיך דערלויבן אויפצועסן אַליין אַ גאַנץ שטיק ברויט, איז פאַרענדיקט. מיט אַן איינגעגעצטן פינגער קלייבט ער צוזאַ־מען די קרישקעלעך ברויט און לעקט זיי אָפּ. אין די אויגן פון מענטשן וואָס האָט עס געזען — באַווייזט זיך אַ טרער. ווי יענער, וואָס האָט נאָר וואָס געגעסן, וואָלט מיטן לעצטן ברעקל פאַרשלונגען דאָס רעשט טעג פון זיין לעבן...

---

*) דאָס ברויט אין ראַטנפאַרבאַנד ווערט בכלל צוליב „עקאָנאָמישע” אויסרעכענונגען געבאַקן אין פּירקאַנטיקע בלעכענע פאָרמעס און האָבן דעם אויסזען פון ציגל. אין דער רוסישער פאָלקסשפּראַך הייסט דעריבער אַ ברייטל „קירפּיטש” — אַ ציגל.

הונגער... ווי דער פייער וואָס לעקט די רעשטלעך פון אויסגעברענטן שייטער, און וויל זיך נאָך נישט אויסלעשן, פאַרגייען, פּרוּווט ער אַ לעק טאָן דאָס דערביי־איקע גרעזל. אַ פלאַם טאָן, האַלט זיך נאָך אַ צייט אויף אין די קוילן און — גייט אויס. אַזוי איז דער פונק פון לעבן וואָס טליעט אין די מענטשלעכע קערפּערס. דאָס פייער איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען. בלויז דער פונק ראַנגלט זיך און וויל נישט אויסגיין. דער דאָזיקער פונק טרייבט ווי מיט אַ בייטש אַלע חושים, קעגן זייער ווילן צו אונטערצולייגן כאָטש אַ שפּענדל צום שטייער... די גלידער ציען זיך צו רו, צו שטילקייט; צו אָוועקלייגן זיך ערגעץ אין אַ רואיקן ווינקל און איינדרימלען...

נאָכער זיצט אָט אַזאַ מענטש נישט ווייט פון דעם פייער, ווו אַן אויזבעק מיט אַ פעטן, רויט־גלאַנציקן פּנים און לאַנגע וואָנצעס פרעגלט איבער צעגליטע קוילן דעם נאַציאָנאַלן מאכל: „שאַשליק" אויף אַ לאַנגער שפּיז זענען אָנגעשטאָכן פעטע שטיקלעך שעפּסן־פלייש. דאָס פעטס טריפט אויף די קוילן, פאַרשפּרייט אַן אָנגענעמען ריח, וואָס רייסט אויף די נאָזלעכער, און שאַפט אין מויל אַ טייך פון שפּייעכץ, פון וואָס עס ווערט טרוקן אין האַלדז...

איינעטעמענדיק אָט דעם ריח, זיצט אַ מענטש הינטערן אויוון, ווו דער „טשייכאַנטשיק" זידט דעם קעסל מיט טיי, וויל קיין געלט פאַרן טיי און פאַרן נאָכט־לעגער צו באַצאָלן האָט ער נישט. צווישן זיינע קניען האַלט ער אַ פלאַכן שטיין און מיטן צווייטן שטיין צעהאַקטער די האַרטע יאָדער, כדי צו דערקלייבן זיך צו דעם ביטערן קערן פון אורוק *) — דעם מאַנדל. דאָס איז זיין נאַכטמאָל, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט דורכן טאָג אויפן מאַרק...

אינדערפרי, אַז זיינע מיטשלאָפער אין דער שוואַרצער לאָן, וואָס דינט פאַרן אויוון, וועלן אים געפינען מיט אַן אויפגעבלאָזענעם בויך פון די גאַזן און מיט צוויי איבערגעקערטע שוואַרצאַפּלען — וועלן זיי זיך אָנקוקן מיט בליקן פון מענטשן, וואָס פרעגן זיך:

— און ווער פון אונדז מאָרגן?

מינוטן שפּעטער וועלן זיי זיך לאָזן אויפן מאַרק, כדי צו לויערן אויף אַ פּאָר קערן, אַ פאַרלוירענע דזשודאַ־פרוכט וואָס איז מעליק־זיס און איבלדיק...

*) בעטריקנטע מאַרעלן.

לענגאַר־סטרוי

אויפֿן וויטן האָריזאָנט האָבן זיך בערג איינגעשניטן אין טיף־בלויען הימל. די אַפּריל־זון האָט דערוואָרעמט די האַלב־געפֿרוירענע בלאָטע, אין וועלכער עס זענען געזונקען די גומי־רייפֿן פֿון לאַסטוואָגן.

אויף די אָנגעוואָרפֿענע, צעקרימטע, אויסגעטריקנטע צווייגן איז געזעסן מיכל, איינגעטוליעט אין זיין מלבוש, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַלע צוועקן, אויסער צו איינהאַלטן די וואַרעמקייט פֿון קערפּער. די בערג זענען געוואָרן וואָס אַמאָל נעענטער און מיכל האָט דערזען פּעלזיקע ריזן, וואָס האָבן זיך איינגעפֿלאָכטן מיטאַנאַנדער.

— און ווו איז דאָ דער וועג? — האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט, נישט זעענדיק קיין סימן פֿון עפּעס אַזוינס, וואָס קען אָנגערופֿן ווערן וועג. ער איז געווען צופֿוסנס פֿון די לענגאַרער בערג.

מיכל האָט זיך טיפֿער איינגענורעט אין די צווייגן, וועלכע מען האָט ווי ברען־מאַטעריאַל געפֿירט אַרויף — צו די גרובן. דער אויטאָ האָט זיך פֿאַוואָליע גערוקט צווישן שטיינערנע ווענט. אויפֿן ווייסן מאַרמאָר האָבן זיך די זון־שטראַלן אָפּגעשלאָגן ווי אין אַ שפּיגל. פֿאַרנדיק ביים ראַנד פֿון טיפֿע אָפּגרונטן, דערפֿילט מיכל ווי ס׳בלוט ווערט אין אים פֿאַרגליווערט, ווען ער כאַפּט אַ בליק אונטן. טייל־מאָל איז דער לאַסט־וואָגן אַריין אין אַ וואַסער, וואָס האָט זיך צעלאָזט באַרג אַראָפּ, אין זיין פֿרילינגדיקן געלויף.

די לופֿט איז געוואָרן קעלטער. אויף די ראַנדן פֿון די בערג האָט זיך געווייסט שניי. מיכל האָט דערפֿילט דעם אייזיק־קאַלטן, טרוקענעם אָטעם פֿון די בערג. נאָך איידער ער האָט באַשלאָסן אַרויפֿצופֿאָרן אין די בערג אַרבעטן האָט ער געוווּסט:

אין די לענגאַרער בערג, וואָס זענען אַ געאָלאָגישער באַשטאַנד טייל פון די פּאַמירער בערג, געפינט זיך אַ וואָלפראַם־מאָליטבען־גרובן. די אַנטדעקונג האָט געמאַכט אַן ענגלישע עקספּעדיציע אין די דרייסיקער יאָרן. זינט דאַן איז דער פּונקט וווהין מען פאַרשיקט אָפּגעזעסענע אַרעסטאַנטן. דאָרט לעבן זיי און אַרבע־טן ווי פרייע מענטשן...

— נאָך ווייט? — האָט מיכל געפרעגט יאַשען, דעם שעדלעצער בחור, וואָס איז געפאָרן מיט אים צוזאַמען. יאַשע איז שוין אויבן געווען אַ פּאָר טעג. מיכל האָט אים נישט אויפגעהערט צו פרעגן:

— נאָך ווייט?

— נאָך אַ צוויי שעה...

די אויטאָ-רייפן האָבן איצט געפרעסט דעם נאַסן שניי, וואָס האָט גענומען איינפרירן. די זון האָט זיך געזעצט הינטער די בערג. שאָטנס האָבן זיך צעלייגט איבער די בערג. ערגעץ־ווו אויף אַ שפּיץ האָט אַ נאַקעטער פעלז, וואָס האָט איינ־געזאַפּט אין זיך די פאַרגייענדיקע שטראַלן זיך רויט צעגליט.

מיכל האָט זיך נאָך טיפער איינגענורעט אין זיך, אָבער ס'האָט אים ווייניק וואָס געהאָלפן. די בערג האָבן אויף אים געאָטעמט מיט פראָסט ווי זיי וואָלטן אים געוואָרנט:

— גיי צוריק, אויבן איז נאָך קעלטער.

נאָר צוריק איז נישט געווען צו גיין. דער לאַסט־וואָגן האָט זיך געריסן מיט זיינע לעצטע כוחות אַרויף, ווי ער וואָלט געשפּירט, אַז טאָמער לאָזט ער נאָך אין זיך אָנשטרענגונג, וועט ער זיך אַראָפּגליטשן און פאַרשלונגען ווערן אין תהום.

די נאַכט, ווי זי וואָלט אַרויסגעשפּרונגען פון צווישן די נאַקעטע פעלזן, איז אָנגעקומען פּלוצלינג. דער הימל האָט זיך צעבליצט מיט פייערלעך. פון הינטער אַ פעלזן־וואַנט האָבן זיך באַוויזן דריי רייען העל־באַלויכטענע פענצטער.

— דאָרט איז עס — האָט יאַשע אָנגעוויזן — דאָרט איז די „אָבשטשע־זשיטיע"...

— שוין צייט — האָט מיכל געענטפערט — איך פיל נישט די פיס, ווי זיי וואָלטן געוואָרן שטיקלעך האָלץ...

— וועסט זיך דערוואַרעמען מיט אַ ביסל הייסן „קיפּיאַטאָק", וועט מען זען, — טרייסט אים יאַשע.

**
*

דער שניי בלענדט. די ערד איז פעלזן־האַרט געפרוירן און פול מיט שטיינער. אויף אַ באַרג־שיפּוע שטייט מיכל מיט אַ קילאָף אין האַנט און פּרובירט דורכ־האַקן אַ טראַנשיי צום פונדאַמענט פאַר דער נייער פאַבריק. די פינגער פרירן אים, און די ערד גיט נישט נאָך.

— בין איך דאָך אייגנטלעך געקומען אַהער ווי אַ שלאָסער — האָט ער גע־זאָגט צו יאַשען, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון אים, צו וואָס זאָל איך דאָ פרירן?

יאַשע האָט נישט געענטפערט. נישט צו אַרבעטן איז ער תמיד גרייט געווען. צומאָרגנס זענען זיי מער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. און אויך נישט איבער־מאָרגן.

לענגאַר איז געוואָרן אַ יאַריד. הונדערטער מענטשן האָבן געזשומעט אין זאַל פון דער „סטאָלאָווע", ווי אין אַ בינשטאָק...

מ'האָט געהאַנדלט מיט טאַלאָנען אויף פּערל־קאַשע, וואָס ווערט דערלאַנגט עטוואָס צוגעשמאָלצענע פון קיך אַרויס. מיט טאַלאָנען אויף טיי און מיט שטיקלעך זייף. די גרובן־אַרבעטער, די „סטאַראַטעליעס"*) זענען געווען אויפן מאַרק מיט די גאָלד־באָנעס, פאַר וועלכע מע קען אין דער ספּעציעלער קראָם באַקומען אַ ביסל מעל, אויל אָדער רויטע פיש־רויגן לויטן טאַריף פון צאַרישן גאָלד־רובל...

אַלטע, אָפּגעטראָגענע אַרבעטס־רעקלעך און שפּאַגל־נייע כאַלאַטן, נאָר וואָס פון מאַגאַזין אַרויס — זענען געווען צום פאַרקויפן...

יעדן טאָג האָבן די לאַסט־אויטאָס אַרויפגעבראַכט הונגעריקע פּליטים יידן, רוסן, לעטן — וואָס זענען פאַרלאָקט געוואָרן אַ הער דורך אַ טרוים צו קריגן אַ ביסל עסן אין „סטאָלאָווע" און אַ שטיקל ברויט...

די זון, וואָס האָט אין זיראַבולאַק שוין היפּש געוואַרעמט און איז געווען אַ היילונג פאַר די מאָגערע, דורכגעפרוירענע, האַלב־נאַקעטע לייבער — איז דאָ, אויבן אין די בערג געווען קאַלט און פרעמד. איר אייזיקער שמייכל האָט אַראָפּ־געקוקט פון די גרויע פעלדזן, באַצירט מיט שטיקלעך שניי.

---

*) סטאַראַטעליעס — די יעניקע וואָס זענען געווען באַשעפטיקט דירעקט ביים אַרויס־באַקומען די איידעלע מעטאַלן און באַקומען זייער לוין אין גאָלד־טאַלאָנען נאָך די פּרייזן פון דעם פולווערטיקן אַמאָליקן צאַרישן רובל.

אין דער „אבשטשזשיטע" איז מען געשלאָפן צו צוויי און צו דריי. פון אַלע בעטן איז געוואָרן — איינע. עס האָט געווימלט מיט פּליטים און לייז...

יעדן טאָג האָט די ביוראָ אַרויסגעגעבן נייע ברויט־קאַרטן און טאַלאָנען אין „סטאָלאָווע".

אין די נעכט זענען די לאַנגע, געהובלטע ברעטער, וואָס מען האָט געבראַכט פון טיף־רוסלאַנד אויסצולייגן דעם קאָרידאָר אויפן צווייטן שטאָק פאַרשווונדן אין די תמיד־הונגעריקע אייזערנע אייוועלעך...

ביי נאַכט האָט דער ווינט אַראָפּגעריסן דעם בלעכענעם דאַך און פאַר־טראָגן אין די בערג. עס האָט געפייפט, געריסן און אַנגעיאָגט אַן אימה, ווי טויזנטער שדים וואָלטן אָפּגעריכט אַן אָרגיע אויפן בוידעם. אין פרימאָרגן האָט מען אים צוריקגעבראַכט און צוגעבונדן מיט דראָט צו שווערע שטיינער. די ברעטער צו לייגן די פאָדלאָגע אויפן קאָרידאָר זענען נישט געווען מער.

פון די צוגויפגערוקטע בעטן איז יעדן פרימאָרגן אַ צווייטער אָפּגעשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל אַריין: טיפוס.

די בריגאַדירן זענען געלאָפן איבער די צימערן זוכן זייערע מענטשן.

די נאַכט איז געווען אַ באַזונדערס פּראַסטיקע, ווי אויף באַשטעלונג אין די צונויפגערוקטע בעטן איז וואָרעם פון די דעקן און אַנדערע שמאַטעס... מ'שלאָפט האַלב־אַנגעטאָן. מיטן געדאַנק אַז מאָרגן איז זונטיק, אַ פרייער טאָג, איז מיכל איינגעשלאָפן. כאָטש ביי אים איז כמעט יעדער טאָג געווען זונטיק, ווי די „בלאַטע" לאַגערניקעס זינגען:

„ס'זוויס עס יעדער —
איך ווי דו,
אַז זונטיק איז דער טאָג
פון רו —
נאָר פאַר מיר איז זונטיק
יעדער טאָג..."

אין מיטן דער נאַכט איז דער צימער פול געוואָרן מיט ליכט. מיכל האָט אויפגעריסן די פאַרשלאָפענע אויגן און דערזען:

מענטשן אין שאַפּענע, פויערישע פעלצן, אין פוטערנע היטלעך מיט ביק־סן איבערגעוואָרפן אויפן אַקסל. נאָך איידער ער האָט געוווסט וואָס זיי ווילן דאָ, האָט אים איינער געטרייסלט ביים אַקסל.

געלעבט הינטער קראַטן

— אַנוקאַ ווסטאַווי! (היי — שטיי־אויף!)

— אַן אַרבעטס־בלעכל!

— אַ וואָס? — האָט מיכל נישט געקענט פאַרשטיין.

— ניין...

— טו זיך אָן!

מיכל האָט נישט געהאַט פיל וואָס אָנצוטאָן. דער מענטש מיט דער ביקס האָט אים אָפּגעפירט...

אין אַ נישט־פאַרענדיקט צימער, אָן אַ דיל און אָן אַ פענצטער האָט זיך מיכל אָנגעשטויסן אָן אַ מענטשן־מאַסע. און כאָטש ס׳איז געווען פינצטער, האָט מען לויט די שטימען און לויט דער ענגשאַפט געקענט דערקענען אַז די צאָל איז נישט קליין. יעדעס מאָל האָט זיך די טיר געעפנט און אַ נייע פּאַרטיע איז צוגעקומען...

פון די אַרומיקע רייד, האַלבע זאַצן און איבערשרייען זיך, האָט מיכל אויסגעפונען:

נאָך מיטאָג האָבן די בריגאַדירן אַרויסגעגעבן יעדן אַרבעטער אַ בלעכל. די, וועלכע זענען נישט געווען ביי דער אַרבעט, געפינען זיך איצט אָט דאָ, אויפן צווייטן שטאָק... די מאַסע האָט זיך צוזאַמענגעפּרעסט, מיטן ווילן זיך צו דערוואַרעמען.

פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרהער. אויפן קאָרידאָר, ביי אַ טישל איז געזעסן דער הויפּט־דירעקטאָר וואַסילי טשוב.

— פאַרוואָס ביסטו נישט ביי דער אַרבעט?

— איך... ער... מיין... געקומען... האָט דער געפרעגטער געפּלאָנטערט מיט דער צונג.

— אָפּפירן!

צוויי הענט האָבן דעם פאַרמשפטן אַריינגעוואָרפן אין אַ צווייטן צימער.

— און דו פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט מיכלען.

— זיך ווערבירט פאַר אַ שלאָסער... געשיקט גראָבן טראַנשייען... — האָט מיכל געענטפערט.

— איז עס ריכטיק?

— אוודאי, אָט האָסטו מיין צעטל!

— פראַווילנאָ — האָט ער געזאָגט און פאַרצייכנט עפּעס אין זיין נאָטיץ־ביכל. דאַן האָט ער באַפוילן:

משה אײזענבוד

— פוסטיט יעוואָ, אַפּלאָזן...

שפּעט נאָך מיטאָג האָבן פיר לאַסט־אויטאָס געדיכט אָנגעזעצט מיט דער־פרוירענע, אָפּגעריסענע מענטשן אונטער אַ מיליטערישער וואַך אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַציע זיראַבולאַק...

***

דער זומער האָט זיך צעלייגט איבער די בערג. דער צעגאַנגענער שניי איז אויסגערונען אין ריטשקעלעך אין טאָל אַריין און אָנגעטרונקען דעם נאַרפּיי, וועל־כער האָט אין זיין האַסטיקן גאַנג פאַרגאָסן פעלדער, אַראָפּגעטראָגן בריקן. פון צווישן די שטיינער האָבן זיך געפּרוווט באַווייזן נישט־דרייסטע גראָזן. גרינע, מע־טערדיק־לאַנגע יאַשטשערקעס זענען אַרויסגעקראָכן צו וואַרעמען זיך אויף דער זון. מיכל איז אַ באַרוועסער געשפּרונגען איבער די שטיינער, כדי מיט אַ קירצערן וועג אָנצוקומען אויף דער בויאונג, וואָס געפינט זיך צוויי טויזנט מעטער איבערן ים־אויבערפלאַך. דער אויסגעהאַקטער וועג צווישן די פעלזן, וואָס וויקלט זיך ווי אַ שלאַנג אַרום באַרג איז אַ ביסל צו לאַנג, כדי צו קענען אַהין אָנקומען אין דער צייט. דעריבער שניידט ער דעם באַרג אַדורך, קלעטערנדיק איבער די שטיינער, ווי אויף טרעפּ. די הויט פון זיינע באָרוועסע פיס איז ווי אַ האַרטע קאָרע. זי פילט נישט מער די שאַרפקייט און די שפּיציקייט פון די שטיינער. אַ לייכט ווינטל בלאָזט אין די פּאָלעס פון זיין כאַלאַטל, דורך וועלכן דאָס לייב לייכט זיך דורך, ווי דורך אַ נעץ.

— ביסט פּונקט ריכטיק אָנגעקומען — זאָגט צו אים דער בריגאַדיר — וועסט מיטגיין פאַרלייגן די רערן צו דער וואַסער־פּאָמפּע...

מיכל איז געוואָרן אַ תושב אין לענגאַר. ער איז נישט אַוועק אַרבעטן אין קיין אַרטעל וואָס גראָבט די רודע; ער איז אויך נישט געוואָרן זעלבסטשטענדיק ווי דער געוועזענער פּאַלקאָווניק ניטאָטשקין, וואָס קריכט גאַנצע טעג אַליין איבער די בערג מיט אַ העמערל און קלאַפּט אויס פאַרשידענע שטיינדלעך, וועלכע ער נעמט שפּעטער צוזאַמען אין אַ זעקל. דאַן וואַשט ער די שטיינער ביים קליינעם שטראָם, וואָס רינט פון די בערג. ביי אים אין געצעלט הענגט אַ טאָרבע מיט זאַמד, וועלכע ער פאַרקויפט פאַר אויל אין מעל צו דער מלוכה. מיכל, ווי כמעט אַלע יידן אין לענגאַר האָבן געהערט צו די הילפס־אַרבעטער. זיי האָבן זייער געהאַלט באַקומען אין פּשוטע רובלס, און נישט ווי די אַנדערע, אין גאָלד־באָנעס.

**
*

מיכל איז געלעגן אויף זיין בעטל, אין קעלער. דאָרטן איז געווען טונקל און קיל. די מיליאָנען פליי וואָס האָבן זיך געגנעסטלט אין די שטרוימאַטן און אין זאַמד פון דעם דיל האָבן אויף אים קיין שליטה נישט געהאַט, מחמת ער האָט זיך איינ־געריבן די הענט און די פיס מיט נאַפט...

עס איז געווען פאַרנאַכט. און כאָטש עס איז נאָך עטלעכע שעה צו נאַכט ווערן האָט זיך מיכל דאָ פאַרקליבן, אין זיין נאָרע. ס'האָט זיך אים נישט געגלוסט צו זיצן אין געצעלט ביי זיגמונט פישקין, דער וואַרשעווער בחור און הערן די געשיכטע פון גענשע גאַס, ווו זיי האָבן געהאַט אַ פּוטער־געשעפט אָדער פון די סיבירער לאַגערן, ווו ער איז געווען פאַרשיקט.

מיכל האָט געוואָלט זיין מיט זיך אַליין...

זיינע אויגן האָבן געקוקט אין חלל. ער האָט געזען צוויי געשטאַלטן: ער און זיגמונט — צוויי יונגע בחורים; און ער דאָ אויפן בעטל האָט נאָך אַמאָל פאַר זיך איבערגעקלערט זיגמונטס רייד, כדי צו אויסגעפינען ווער פון זיי איז גערעכט, ווער פון זיי גייט ריכטיק צו צום לעבן. אין זיינע אויערן רעדט זיגמונטס שטים:

— אַ נאַקעטער מענטש — איז נאַקעט. מעג ער פאַרמאָגן דעם וויסן פון אַ פּראָפעסאָר, מעג ער האָבן פריער פאַרנומען דעם אַמט פון אַ מיניסטער אפילו, איז ער אין זיין וואַטענעם, אָפּגעריסענעם בושלאַט, אין די גרויסע טשע־טע־זע שיך, אין די שטריקלעך וואָס גאַרטלען אים אַרום, נישט מער ווי אַ „דאָכאָדיאַגע", אַזאַ איינער וואָס ווערט היינט, מאָרגן אויסציִען די קאָפּיטעס און ס'איז נישט ווערט אַ וואָרט צו פאַרלירן וועגן אים. דאָס איז דער נישט געשריבענער, אָבער אייזער־נער געזעץ פון לאַגער. קיינעם גייט נישט אָן ווער דו ביסט געווען נעכטן.

וויכטיק איז וואָס דו ביסט היינט, בעסער — ווי דו זעסט היינט אויס. דע־ריבער טאַקע, זייענדיק יאָרן אין לאַגער האָב איך אויסגעפונען אַז אַ גנב אָדער אַ באַנדיט וואָס גייט אָנגעטאָן אין אַ גוטע פופייקע און אין גאַנצע וואַליאַקעס אַר־בעט אין קיך אָדער גאָר אין ביוראָ. אין בעסטן פאַל טוט ער גאַרנישט, אַ חוץ שפּילן אין קאָרטן, אָדער זיך אַרומשלאָגן צוליב אַ געליבטער... מען האָט דרך־ארץ פאַר זיינע קליידער. ער איז אַ מענטש...

— די קלעפּ, די פּויסטן אין די זייטן פון בריגאַדיר, די צרות אין באַראַק, אַלץ האָט זיך גענומען דערפון, ווייל פון אַלע מיינע מלבושים זענען געהאָנגען וואַטע־צויטן. דאַן האָב איך זיך געגעבן אַ וואָרט: אויב איך וועל איבערלעבן און

פון לאַגער באַפרייט ווערן, וועל איך דאָס לעצטע שטיקל ברויט פאַרקויפן, און זיך זען אָנטאָן.

— כ'האָב דאָס לאַנד פריִער נישט געקענט. גלייך פון וואַרשע, בין איך אַריין אין ביאַליסטאָקער טורמע און דאַן אין באַראַנאָוויטשער. מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן לאַנד איז דאָ, אין לענגאַר...

— און זע. איך האָב געאַרבעט אויף דער סטרויקע, געשלעפט שטיינער, געמישט צעמענט — אָפּגעשפּאָרט ברויט און פאַרקויפט. וואָרים דער פאַרדינסט וואָס באַטרעפט ער? נישט מער ווי צו באַצאָלן פאַר דער זופּ און דעם ברויט. מען אַרבעט דאָך צוליב די פאַר הונדערט גראַם ברויט...

— איצט, אַז כ'האָב אַ גאַנצן מלבוש, אַ פּאָר שטיוול, זאָל זיין לייוונטענע, אַבי נישט אין שמאַטעס — האָבן זיך אַ גוטע אַרבעט אין דער „געאָלאָראַזוויעדקע". דעם גאַנצן טאָג בין איך אין די בערג מיט די געאָלאָגיסטן. כ'שטעל פאַרנאַנדער די העלצלעך וואָס באַצייכענען די אָפּגעמאָסטענע שטחים. מיט די איבערגעבליבענע מאַכן די אינזשינערן מיטאָג, און אויף מאָרגן באַשטעלט מען נייע...

— האָסט געזען ווי די מיידלעך ווינקען צו מיר? צי מיינסטו אַז איך בין אַן אַנדער זיגמונט. גלויב מיר — כ'בין דער זעלבער. קענסט דאָך יורעקן. ער האָט שוין אפילו באַוויזן חתונה צו האָבן, אַזוי שנעל ווי ער איז אַריינגעקראָכן אין די רויטע שטיוועליעך...

— איך זאָג דיר מיכל; ביסט אין לאַגער נישט געווען. האָסט נאָך עטוואָס קליידער פון דער היים. זע מאַך נישט קיין תל דערפון. לאָז דיך נישט אָפּ. קוק דיך אָן, לויפסט אַרום באַרוועס, ווי אַ דאָרפישער שייגעץ. דיין „ספּעצאָווקע" איז צעקראָכן. וואָס וועט זיין דיין תכלית?! ווהין וועסטו דערפאָרן?!

זיגמונטס געשטאַלט איז פאַרשוואונדן, ווי צעשוווּמען אין דער פינצטערניש. און מיכל האָט געזאָגט:

— אַ נאַקעטער קערפּער איז טאַקע נאַקעט. אָבער נישט דער מענטש אין אים

— אויב ער איז דאָ... נאָר אויב ער איז נישטאָ, טאָ וואָס העלפן די קליידער?! צי זענען מיר אַהערגעקומען מיט אונדזער אייגענעם ווילן צו בויען אַ היים און אַ לעבן? וואָס גייען אונדז מענטשן אָן?!

— מיר האָבן געזען אייראָפּע. געלעבט אין אַ לאַנד וואָס איז אין פאַרגלייך מיט דאָ — געווען אַ פריי לאַנד... אונדזער ציל איז איבערלעבן. יעדער ביסן ברויט וואָס מיר רייסן אַוועק פון אונדזער מויל, איז אפשר אַ טאָג לעבן

און ווען דער טאג פון אונדזער צוריקקער וועט קומען, קען איין מינוט, וואס וועט אויספעלן, דעצידירן דיין גורל...

— וואס שטעלט מיט זיך פאר איצט אונדזער קערפער:

— א נר־תמיד אין וועלכן פון ברען־שאף איז געבליבן עטוואס אויפן דעק. צי האבן מיר דאס רעכט צו שפעקולירן מיט די דאזיקע לעצטע טראפנס?

— מעג דער נר־תמיד זיין פון ריינעם גאלד, מיט די פיינסטע איידל־שטיינער אויסגעזעצט, און מיט ווונדערלעכע גראווירונגען באפוצט, ווען אבער עס פעלט דאס ביסעלע בוימל אין אים, איז עס נישט מער ווי א טויטע זאך.

— א פשוטע בלעכענע „קאפטילקע" געמאכט פון א קאנסערוון פושקע — לייכט העלער און ליכטיקער ווי א קרישטאלענער הענג־לייכטער, אין וועלכן עס פעלט דאס ביסעלע נאפט.

— זע: די זעלבע פליי בייסן אונדז. זיי מאכן נישט קיין אונטערשייד פון קליידער. מיר דארפן זען צו מאכן ווידערשטאנדס־פעיק דעם קערפער, כדי צו קענען זיך צוריקקערן אהיין, פון וואנען מיר זענען געקומען. דאס איז אונדזער ציל: ארויס פון דאנען אפילו בארוועס און נאקעט. מיר ווילן קומען אין א לאנד וווּ א מענטש איז נישט ווייניקער — ווי א מענטש...

***

אויבן איז דער זומער געווען דער זעלבער וואס פריער. די צעגליטע שטיינער האבן אין אונטן אויסגעטיילט פון זיך א ווארעמקייט, ווי אן אויוון. נאר דער בלויער הימל האט באקומען אן אש־גראען קאליר, און די נאכט איז צוגעפאלן פריער. מיכל האט דערפילט אז באלד, אז ס'איז נישט לאנג און דער הימל וועט אויפמאכן אלע צאפנס, דאן וועט עס נעמען גיסן איבער די בערג, און די וואלקנס וועלן ליגן נידעריק, ביי די פיס. מיכלען איז נאך אין די ביינער געלעגן דער לעצטער ווינטער, דעריבער טאקע האט ער געטראכט צו פארן צוריק אונטן, אין שטעטל אריין. דער בוכארער ייד, מיכאיל נאוויטש, דער הויפט־מעכאניק אין ווענעמענס רשות מיכל האט זיך געפונען, איז געווען אין אן אנדער מיינונג. נאר ער האט אים באוויזן צו איבעררעדן. אזוי אלנפאלס האט מיכל געטראכט.

די לעצטע טעג האָט זיך מיכל ווי אַ כמעט פרייער פויגל אַרומגעדרייט. געקראָכן צווישן די בערג, ווי ער וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך די קלאָרע באַרג־לופט.

איינגעשלאָפן איז ער שנעלער ווי תמיד, מיטן געדאַנק, אַז ס'איז די לעצטע נאַכט אין לענגאַר...

דער לאָמפּ, איינגעפּעסטיקט אין וואַנט, אַקוראַט קעגניבער דעם בעטל וווּ מיכל איז געשלאָפן, האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן.

די פּלוצלינדיקע ליכט, האָט ווי אַ בליץ דורכגענומען דעם שלאָפנדיקן. מיכל האָט זיך ראַפּטום אויפגעזעצט — נישט ווויסנדיק וואָס עס קומט דאָ פּאָר.

נעבן אים איז געשטאַנען אַ מענטש.

— ביסטו דאָס מיכל לוואָוויטש?

— יאָ...

— שרייב זיך אונטער...

ביי מיכלען אין האַנט איז געבליבן אַ שטיק פּאַרדרוקט פּאַפּיר. דאָס איז געווען אַ רוף צוצושטעלן זיך, צו מיליטער־דינסט.

די רעשט פון דער נאַכט איז שוין מיכל נישט געשלאָפן. כאָטש מען האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל גערופן צו מיליטער, האָט מען אָבער תמיד אים צוריק־געשיקט. דאָס מאָל אָבער האָט אים אַ פּאַרגעפיל אונטערגעזאָגט, ווען ער שוין יאָ גיין... אינסטינקטיוו האָט מיכל געפילט, אַז עפּעס איז דאָ אַ פאַרבינדונג צווישן דעם איצטיקן רוף, און דער שנעלער באַפרייונג וואָס ער האָט געפועלט פון הויפּט־מעכאַניק...

אינדערפרי האָט ער אין געוועלב געקריגן ברויט און „אַטשערעד"...

קיין אוראל

געוועז זענען זיי יחסנים. אָט די פוילישע יידן, באַפרייטע פון די לאַגערן. אויסגעזען האָבן זיי נישט ערגער פון די אַנדערע יידן־פּליטים אָדער רוסן: אָפּגעריסן, פאַרוואָקסן, באָרוועס אָדער צופעליק אין שיך, וואָס אונטערשיידן זיך כמעט מיט גאָרנישט פון שמאַטעס אַרומגעוויקלטע אַרום די פיס. מיט ביינערדיקע לייבער, וואָס קוקן אַרויס צווישן די בגדים־לעכער און הונגעריקע אויגן. דאָך האָבן זיי זיך געפילט אַנדערש ווי אַלע, און די דאָזיקע אַנדערשקייט האָבן זיי נישט פאַרפעלט צו אונטערשטרייכן, ביי יעדער געלעגנהייט. אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט איז געווען אַ מין יחוס־בריוו, אין פאָרם פון אַ צעקנייטשטע, קאָלירלאָז פּאַפּירל ווו מען האָט נאָך קוים געקענט איבערלייענען:

„מנשה איז אַ פוילישער בירגער, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון לאַגער" און איבער דעם אַלעם איז געווען אַ געדרוקטער אויפשריפט וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם געהיימנישפולן כוח פון אַ קמיע: „ספּראַווקאַ אָסוואָבאָזשדיעניע נר..."*) און כאָטש דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן האָט נישט געוווסט פון דער חכמה און כוח פון די קוויטלעך, און האָט זיך אויף זיי שווער געלייגט, נישט געקוקט אויף דעם, האָבן זיי געהאָדעוועט אַ געפיל וועלכער איז געווען ווי אַן אינערלעכער קוואַל פון ענערגיע, וואָס האָט געוואַרעמט די נשמות.

— פאַר זיי קען זיך טאַקע גאָרנישט ענדערן — האָט דאָס געפיל געזאָגט וועגן די אַלע רוסישע בירגער, וואָס זענען געווען אויף צרות — אָבער מיר זענען עפּעס אַנדערש, מיר זענען אויסלענדער, פוילישע בירגער. נאָר הויך אויפן קול האָבן זיי עס זעלטן געלאָזט וויסן. וואָרעם די פוילישע מלוכה האָט זיך ערשט

*) באַשטעטיקונג פון באַפרייאונג.

אויסגעבריט אין די פאַרמאַכטע קאַבינעטן פון דיפּלאָמאַטן; און ווי אויף אייער, וועלכע מען לייגט אַריין אין אינקובאַטער און מען קען נאָך נישט זאָגן וואָס עס וועלן אַרויסקומען — הינער אָדער העגער — אַזוי איז נאָך זייער אומקלאָר געווען, וואָס פאַרא פּנים די דאָזיקע פּוילישע מלוכה וועט האָבן. און צו זי וועט אים איבערהויפּט האָבן... און צו זי וועט טאַקע קענען העלפן די דאָזיקע אויסלענדער...

יאַשע אָרלאָווסקי האָט אויף דער דאָזיקער חברה געקוקט מיט אַ ביטל־בליק וואָס האָט געמיינט:

— זאָלסט מיר אַזוי געזונט זיין, — קוק נאָר אָן די פּאָליאַקן וואָס זיי ריידן זיך אָלץ איין. זיי מיינען טאַקע אַז זיי זענען אויסלענדער, וואָרעם זיי האָבן אַ גרויסע העלדישקייט באַוויזן, נישט געוואָלט אַרויסנעמען קיין פּאַספּאָרטן. אָט מיר, מיט די פינף יאָריקע פּעסער זענען די אמתע יחסנים! כדי דאָס צו אונטער־שטרייכן האָט ער גערעדט דווקא רוסיש דערפאַר, ווייל די אַנדערע האָבן גערעדט פּויליש...

נאָר אַז די פּאָליאַקן האָט מען נישט גענומען צו מיליטער, אַפילו נישט אין דער פּוילישער אַרמיי, און אויך נישט אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען, האָט זיך יאַשע טיילמאָל פאַרטראַכט:

— צי איז טאַקע אַזאַ וואַזשנע זאַך, צו האָבן אַ פינפיאָריקן פּאַס, אָן אַ פּאַ־ראַגראַף?

יאַשע, דער שעדלעצער בחור, איז געווען אַ פעסטער, ברייטפּלייציקער יונג, מיט אַ ווייסן, אָפּגעגאָלטן קאָפּ. דאָס האָט ער געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס אָט היינט־מאָרגן מאַרשירט ער אָפּ צום פראָנט. דערווייל האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין זיראַבולאַק אויפן צווייטן מלחמה־יאָר, און אין זכות פון זיין קאָמסאָמאָלסקן בילעט אַריינגעקראָגן זיך אויף לייכטע אַרבעטן. עס האָט שוין אַפילו געהאַלטן שמאָל מיט אים, ווען אַנומלט גייענדיק אַהיים פון דער בעקעריי, ווו ער איז געווען נאַכט־וועכטער האָט מען אים פאַרהאַלטן אין מיטן וועג און מען האָט ביי אים געפונען אַ שטיקל ברויט אין טאַש...

אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, וווהין מען האָט אים דאַן געבראַכט, האָט ער פרום פאַרגלאָצט די אויגן צו די פּאָרטרעטן, וואָס זענען דאָרט געהאָנגען, און מיט אַ שטים, ווי ער וואָלט געזאָגט ודוי, האָט ער אויסגערופן — איך שווער ביי די בילדער פון לענין און סטאַלין און ביי מיין קאָמסאָמאָלסקן בילעט — אַז מער וועט עס נישט פּאַסירן!

דער אוזבעקישער פּאַרטיי־סעקרעטאַר וואָס האָט גערעדט רוסיש ווי אַן

אויסלענדער, איז געזעסן אין זייַן פאַטעל, הינטערן שרייבטיש. פון זייַן טונקעלן, פון זון צעברענטן, פנים האָט מען גאָרנישט געקענט אַרויסלייענען. די איינגעבוי־רענע כיטרעקייט און אומגלויבן צום פרעמדן, דער געפיל, אַז יעדער איז אים מקנא דאָס ווייב און די שעפסן, דאָס אַלץ האָט געזאָגט דערפאַר, אַז ער וועט באַלד אַרויסרופן דעם פּראָקוראָר און יאַשען לאָזן אַרעסטירן...

דאָך האָט ער אים אָפּגעלאָזן...

דעמאָלט איז יאַשען איינגעפאַלן:

— צי זאָל ער נישט אַמאָל „פאַרלירן" אַלע ביכלעך און ווערן אַ פּוילישער מיט אַ „ספּראַווקע"?

נאָר ווייל דאָס פּאַרטיי־ביכל איז אַ צו באַקוועמע זאַך, ער זאָל זיך מיט דעם וועלן צעשיידן, האָט ער דעם פּלאַן אויפגעגעבן. איבערהויפּט נאָך, אַז עס איז אים צוגעפאַלן דער פּאָסטן פון אַ טשייכאַנאַ־פאַרוואַלטער, אַן אָרט, ווו מען קען לייכט מאַכן אַ פּאָר רובל...

די מיליטערישע מאַשין איז ווי אַ זיפּ דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד; און ווייל דער קריג האָט זיך פאַרצויגן, איז די זיפּ געוואָרן וואָס אַ מאָל ענגער, געדיכטער. פון די, וועלכע מען קען נישט אַריינצירן אין דער אַרמיי — זענען געשאַפן געוואָרן די אַרבעטס־באַטאַליאָנען.

די געציילטע וואָס זענען אויך דאָס מאָל אַרויסגעפאַלן פון דער זיפּ, זענען געווען די פּאַליאַקן.

דעמאָלט ערשט האָט מען זיך געכאַפּט:

— זיי זענען טאַקע יחסנים!

און אין לעצטן מאָמענט נאָך, האָט יאַשע באַוויזן זיך אונטערצוטונקען אין דער גרויסער פּליטים־מאַסע און איז אַרויסגעשווומען ערגעץ ווו, ווי אַ פּוילישער בירגער, מיטן נאָמען פון איינעם, וואָס איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבע־דיקע...

**
*

געצויגן האָבן זיך די עשאַלאָנען פון אוזבעקיסטאַן, וואָס איז געווען דער איינציקער מענטשן־רעזערוואַר, אין אַלע ריכטונגען פון ווייטן אוראַל. די אוזבע־קישע דערפער זענען אויסגעליידיקט געוואָרן, די שטעט — האַלב־פּוסט. ערשט דאַן האָט זיך די אוזבעקישע רעגירונג אַרומגעזען, אַז אַנשטאָט אַליין זיך אויפ־צובויען, העלפט זי אַנדערע און זי וועט אַליין נישט האָבן מיט וועמען דורכצופירן

די בוי־פּראָיעקטן, וואָס די מאָסקווער רעגירונג לייגט אויף איר אַרויף. ערשט דאַן טאַקע האָט זי זיך געכאַפּט אויסגעפועלט אַ דעקרעט — אַז די מאָבילי־זירטע אַרבעטער דאַרף מען נישט אַרויספירן אויסער די גרענעצן פון דער רעפּובליק, נאָר זיי אויסנוצן פאַר אייגענע אַרבעטן.

ווען מיכל איז אַריינגעפאַלן אין דער קוואָטע וואָס דער לאַנגאַרסטרוי האָט צוגעשטעלט, איז נאָך דער שכל ביי די אוזבעקישע פּאָליטיקער געקראָכן ווי אַ טשערעפּאַכע, און מיכל איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויסער די גרענעצן פון דער רעפּובליק. אַפילו דער מיליטערישער קאָמיסאַר וואָס האָט די פּאַרטיעס צוזאַמענ־געשטעלט האָט נישט געוווּסט וווהין מען פירט אַוועק די מענטשן. עס איז אים אויך נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט זיי נאָר געדאַרפט צושטעלן קיין טאַשקענט; און דאָרט אַז מען האָט אים אונטערגעשריבן די פּאַפּירן — איז ער געווען פּטור...

**
*

קיין טאַשקענט איז מיכל אָנגעקומען שוואַרץ, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס־געקראָכן פון אַ קוילנגרוב. די גאַנצע נאַכט איז ער געפאָרן אויף אַן אָפענעם וואַגאָן, געלאָדן מיט קוילן. נאָר קיינעם האָט עס נישט געאַרט. אַבי עס איז דאָ דער אָביעקט וועלכן מען דאַרף ציילן.

ביי דער ערשטער פאַרמירונג פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג, וואָס האָט געציילט ביי אַ זיבעציק מאַן, האָט מיכל דערזען:

אַ ביסל אַלטע אוזבעקן, וואָס בייגן זיך אין דרייען אונטערן לאַסט פון די שווערע פּעק, וועלכע זיי האָבן מיטגעפירט; עטלעכע קאַרייער אין קורצע, וואַטענע פּופּייקעס און לייכטע קלומיקעס אויף דער פּלייצע, און אַ כאַפּטע ייִדן, פּוילישע, רומענישע, אין לייכטע אַרבעטס־רעקלעך און אַן באַגאַזש...

דערווייל האָט די אָפּטיילונג נאָך נישט געהאַט קיין באַלעבאָס. איינגעקוואַר־טירט האָט מען איר אין „סעדל" ביים טאַשקענטער וואָקזאַל. פון דעם „סעדל" איז דורך די וואַגליאַרן פון פּליטים־וואַנדערונגען געבליבן בלויז דער נאָמען „סאַדיק", עטלעכע פאַרוועלקטע ביימער און אַ צעבראָכענע צאַם אַרום. קיין גראָז איז דאָ מער נישט געוואַקסן. אַרום יעדן בוימשטאַם זענען געלעגן קופּקעלעך מענטשן, אָנגעוואָרפענע אויף פּעקלעך. זייערע רויטע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן דערציילט פון די וואַכע נעכט וואָס זיי פאַרברענגען היטנדיק דאָס ביסל אָרעמקייט. יעדן טאָג האָבן די מענטשן באַלאַגערט די קאַסעס — וויזענדיק

אַן אַ שיעור פאַרשטעמפּלטע פּאַפּירן, ציגײַנישן און באַוויזן, ווי וויכטיק עס איז זייער רייזע פאַרן לאַנד... דאָס האָבן זיי אויסגעפּרוווט זייער מזל צו באַקומען אַ בילעט אויפן צוג טאַשקענט-טשקאַלאָוו, וואָס גייט איין מאָל אין מעת-לעת. נאָר זייער זעלטן האָט עס זיי צוגעשפּילט... זענען זיי דעריבער געלעגן וואָכנלאַנג אין שטויב, נישט אויסטועדיק זיך, אומגעוואַשן, געשפּייזט זיך מיט ברויט און וואַסער און אויסגעפּאַרעט מחנות לייז, וואָס האָבן שפּאַצירט פון איין גרופּע צו דער צווייטער...

אויפן דריטן טאָג, ווען די גרופּע האָט שוין פאַרלוירן די האָפענונג צו וויסן עפּעס וועגן איר גורל, און האָט געוואָלט די זאַך נעמען אין די אייגענע הענט אַריין — האָט זיך באַוויזן אַ רוס אין אַ מונדיר פון אַן אייזנבאַנער מיט אַ שוואַרצע, לעדערנע טאַש אונטערן אָרעם. באַגלייט פון אַ קליין מענטשל, האַלב-מיליטערייש געקליידט.

אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי, האָט די מחנה כמעט נאַקעטע אויסגעזען ווי אַ חברה היימלאָזע שלעפּער, וועלכע מען האָט שוין צום וויפלטן מאָל אַרויס-געוואָרפן פון צוג, אין וויסטן סטעפּ אַריין...

— ניטשעוואָ, אַבועם *) — האָט אין אַ האָפערדיקן טאָן געזאָגט דער אייזנ-באַנער צום קליינעם מענטשל אין די האַלב-מיליטערישע קליידער, וואָס איז אוודאי געווען טשעקאַווע צו וויסן, וואָס אַ שטייגער קען מען אויפטון מיט אַזאַ שלעכט-געקליידטער מאַסע, אין קאַלטן אוראַל; און צו די אַרומשטייענדיקע האָט ער זיך געווענדט:

— איר ווייסט אַז ס'איז קריגס-צייט. איר זענט מאָביליזירט צו אַרבעטן פאַרן פראָנט. זייט וויסן, אַז אַלע אייערע פּאַפּירן ליגן ביי מיר, דאָ אין טאַש. אויב איר וועט נישט זיין געהאָרזאַם, וועט איר האָבן צוטון מיטן קריגס-געריכט. און איצט — קרוגאָם מאַרש! — צו די וואַגאָנעס וואָס שטייען אויף דער סטאַנציע.

מיכל האָט אַ וויש געטון מיטן אַרבל די נאָז, אַ צי געטון די הויזן און איז שוין גרייט געווען צו זעצן זיך אין מאַרש, צו די וואַגאָנעס, כאָטש געהאַט האָט ער צו פרעגן אַ שפּאָר ביסל פראַגעס. נאָר פון די בליקן פון די עטלעכע רוסן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די רייד פון דעם אייזנבאַנער אַרט זיי ווי דער נעכטי-קער טאָג.

— אַ כלעב, ברויט?

*)ס'איז גאָרנישט — מ'וועט זיי באַקליידן.

— ברויט װעט איר קריגן, װען איר װעט שױן זיצן אין װאַגאָן. איך װעל מיטשיקן אַ װאַגאָן מיט אײַך.

די רוסן, װיסנדיק װאָס אַזאַ װײַטע רײַזע באַדײַט, האָבן קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— אָן ברויט פאָרן מיר נישט...

די קאַטעגאָרישקייט און רויִקייט פון טאָן, האָט צעמישט דעם אײַזנבאַנער. ער האָט אַ װײַלע געװאַקלט זיך, װי ער װאָלט געהאַט אַ ישוב־הדעת מיט זיך אַליין.

— לאַדנאָ! — פון דער לעדערנער טאַש האָט ער אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל און עפּעס געשריבן. דער עולם האָט שטילשװײַגנדיק זיך צוגעקוקט. ענדלעך האָט ער אויפגעהערט שרײַבן, אַרויסגעריסן ס׳בלעטל און זיך אָפּגערופן:

— איר באַקומט ברויט און צוקער אויף 20 טעג. גייט אַריבער מיט דעם צעטל אין דער אײַזנבאַן־בעקערײַ, און נעמט עס אָפּ. פאָרן װעלן מיר מאָרגן.

די נאַכט איז יעדערער געשלאָפן אויף אַ זעקל מיט פריש ברויט צוקאָפּנס װי אויף אַ פרישן, שמעקנדיקן הײ...

אַרום האַלבע נאַכט איז דאָס „סעדל״ פּלוצלינג געשטאַנען אויף די פיס, אויפגעװעקט פון אַ שנײַדיקן װײ־געשרײ, װי מען װאָלט עמעצן געשאָכטן:

— קאַראַפּטשוק! (גנבֿ! אויף אוזבעקיש), מען האָט מיר באַגנבֿעט!!!

געשריגן האָט אַכמעד, דער אוזבעק װאָס איז געשלאָפן אין עק פון דער גרופּע, אויף זײַן זאַק. מיכל האָט דערזען אַ טרויעריק בילד: דער פול־געפּאַקטער זאַק איז געלעגן אויפגעטרענט און פון אינעװייניק איז אַלץ פאַרשװוּנדן. איבערן זאַק, אויף די קני איז געשטאַנען אַכמעד אים באַװיינט, װי אַ לעבעדיקן:

— עך קאַראַפּטשוק! און זײַנע בײנערדיקע הענט האָבן געװיזן אין אַלע זײַטן, װי ער װאָלט אָנגעצייכנט די ריכטונג, װוּהין דער גנבֿ איז פאַרשװוּנדן. נאָר װער קען זיך עס אונטערנעמען צו זוכן אַ גנבֿ אין די טאַשקענטער פינצטערע גאַסן...

— עך טי אישאַק, דו אײזל־קאָפּ אײנער — רופט זיך אָפּ צו אים אַ דאַרער רוס אין אַן אויסגעריבן רעקל, אויף אַכמעדס אוזבעקישן מאַמע־לשון:

— װאָס אַ שטײגער האַסטו געמיינט? ביסט אין דײַן קישלאַק, שלאָפסט אין בעט בײַ דײַן מאַרזשאַ, אַדער עס האָט זיך דיר געחלומט דער הייליקער מחמד, דער נבֿיא פון גרויסן אַללאַ! דאָ ברודערקע מוז מען אַכטונג געבן... נו, און איצט בײַ שלאָפן, און לאָז אַנדערע בירגער שלאָפן. מאַך נישט קיין „דזשאַנדזשאַל״...

די גרופּע האָט זיך װידער צוזאַמענגעלייגט שלאָפן. בלויז די אוזבעקן האָבן

די זאך נאך לאנג אדורכגעדעדט. יעדעס מאל האבן זיי דערמאנט „נאך" — ברויט, וואס אן דעם איז דער „קורסאק", דאס היסט, דער בויך, גארנישט ווערט, פשוט — אן איבעריקע זאך... ענדלעך האבן זיי זיך אנידערגעלייגט שלאפן, איבערלאזנ־דיק איינעם אויף דער וואך.

צומארגנס האט זיך די גרופע מאביליזירטע ארבעטער פארנאנדערגעלייגט אויף די פאלקעס פון צוג טאשקענט־טשקאלאוו.

מענטשן וואס ליגן וואכן־לאנג שוין אין „סעדל", קענען עס נישט פאר־שטיין:

— קיין דריי טעג זענען נאך נישט אדורך, און אט זענען זיי שוין אין די וואגאנעס. זאגט נאר חברה, וועמען האט איר משלם געווען?

— קיינעם נישט. פראסט און פשוט.

— ייִדן זאלן נישט פארגינען, אז נאך איינער וועט זיך מיטכאפן. וואסי, אייך וועט מען דאך נישט ארויסווארפן פון צוג.

אלע ענטפערס וואס זיי האבן געקראגן, האבן זיי נישט געגלייבט.

— דער באבען וועט איר דערציילן, אז עס קאסט אייך גארנישט. מירן שוין געזען גרעסערע העלדן ווי איר, און זיי האבן אויך נישט איינס־צוויי אט אזוי, גענומען און אוועקגעפארן...

נאר אז אלע אויפקלערונגען האבן זיי פארט נישט באפרידיקט, זענען זיי אוועק אויסצוטאפן ביים „פראוואדניק" פון וואגאן, וויפל וואלט ער וועלן פאר מיטנעמען אן א בילעט...

מיכל איז געלעגן אויף דער פאלקע פון וואגאן, געקייט א שטיק ברויט און ארויסגעקוקט דורכן פענצטער. דער טאג איז געווען א ווארעמער. הארבסטיקע בלעטער האבן זיך געוואלגערט ארום.

נאכן דריטן גלאק לאזט דער לאקאמאטיוו ארויס א לאנגן פייף, טוט א דריי אלע זיינע רעדער מיטאמאל, ווי ער וואלט פרובירט די קראפט וואס שטעקט אין זיי. די וואגאנעס גיבן זיך א טרייסל ,שטויסן אן איינער דעם צווייטן, און דער צוג רירט. לאנגזאם גייט דאס סאפען פון לאקאמאטיוו איבער אין רעגלמעסיקן אטעם פון דער מאשין, באגלייט מיט דעם שטאלענעם קלאנג פון די רעלסן: טיק... טוק... טיק...

קוקנדיק דורכן פענצטער, האט מיכל דערפילט א פייבטקייט אין זיינע אויגן, ווי דאס פארשווינדן פון דער לאנדשאפט וואלט אנגעדריקט אויף א סענטימענטאלן

קלאָוויש; און נישט וויסנדיק פונוואַנען די דאָזיקע רייד האָבן אַ פּלייץ געטון, האָט מיכל דערפילט אַ באַדערפעניש עפּעס צו זאָגן:

— זיי געזונט אַזיע — האָט ער געזאָגט — מיט דיינע היצן און ליימיקע קיביטקעס, וואָס אַ שטאַרקער רעגן צעשווענקט זיי, און דריט זיי איבער. מיט די זאַפטיקע פּערסיקעס, און די שטענגלעך גרינע ווייִנטרויבן. מיטן זויערן קאַטיק, וועלכן עס פּאַרקויפן ברודיקע אוזבעטשקעס. מיט די האַרבאַטע קעמלען און קליינע אייזעלעך. מיט דיינע אָריענטאַלע, בוכאַרער יִדן וואָס ריידן טאַדזשי־קיש און אַ פּאָר ווערטער לשון־קודש פון סידור אַרויס, פּוצן שיך אין די גאַסן, עסן מיט די הענט און מיינען אַז זיי זענען די אמתע יִדן... און איר אוזבעקישע מיידלעך, וואָס צוליב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אייער פּרייז געפאַלן, און די האַרעמס שטייען ליידיק, ווי מצבות — צום אָנדענק פון אייער רייץ און זינדיקייט... מיר פאָרן צוריק קיין איראָפּע... אפשר וועט זי אונדז בעסער אויפ־נעמען, אָדער צעקייען און אויסשפּייען, ווי אומנוציקע...

***

דער צוג שלינגט די קילאָמעטערס אין איין אָטעם. דער לאָקאָמאָטיוו — די ריזיקע מאַשין, פון דער סעריע פ. ד. (פעליקס דזערזשינסקי) שלעפּט מיט אירע טויזנטער פערד די גרינע צעשאָקלטע וואַגאָנדלעך דורכן זאַמדיקן מדבר, און די רעדער קלאַפּן אויס אויף די צעגליטע רעלסן אַן איינטאָניקן, לאַנגווייליקן קלאַנג:

— אַהין... אַ הין...

— וווּהין? ווילט זיך מיכלען טיילמאָל פרעגן, נאָר זיי, די רעדער, ווייסן עס נישט.

די אוזבעקן הערן נישט אויף צו באַקלאָגן זייער גורל, וואָס פאַרוואָרפט זיי אויף אַ ווייטער, אומבאַקאַנטער ערד. דעם גאַנצן לעבן אָפּגעווען אין דערפל, און ווייטער פון מאַרק קיינמאָל נישט געפאָרן. — האָט געקלאָגט אַכמעד — און איצט, וווּהין?

דאָס דאָזיקע שטומע קלאָגן שטעקט אָן, און אַן אומעט צעלייגט זיך איבער דער גרופּע. דער ריזיקער מדבר וואָס ליגט צווישן טאַשקענט און טשקאַלאָוו איז געל. אַ ים פון גאָלדיקן זאַמד. איבער וועלכן די זון האָט זיך צעשאָטן און אַנגעגליט.

אַז דעם ווינט איז געוואָרן לאַנגווייליק זיך צו בראָטן אויף דער זון, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן געלאָף איבערן מדבר און אויפגעשטעלט זיילן

זאַמד ווי פּיליאַרן אונטערצוהאַלטן דעם הימל. ער האָט אויסגעפּלאַכטן בּיימער, מיט משונהדיק־צעקרימטע צווייגן, צעשטעלט זיי צווישן די רעלסן, ווי ער וואָלט וועלן פאַרהאַלטן דעם צוג. נאָר אַז דער צוג איז נישט געבּליבּן שטיין, און איז ווייטער געלאָפן צעשניידנדיק די „בּיימער" — איז דער ווינט בּייז געוואָרן, און גענומען שיטן דעם זאַמדיקן שטויב אין די וואַגאָן־פענצטערלעך.

די פּאַסאַזשירן האָבּן בּאַקומען שוואַרצע רעמלעך אַרום מויל, און דאָס בּרויט האָט געקנאַקט צווישן די ציין, ווי מען וואָלט געפּאָרן איבּער אַ שאָסיי...

אויף בּיינאַכט האָט זיך דער ווינט פאַרקליבּן נעכטיקן אויף דער לבנה און עס איז שטיל געוואָרן.

איין פרימאָרגן, אַז דער צוג איז שטיין געבּליבּן אויף אַ קליינער סטאַנציע, האָבּן זיך אַלע אַרויסגעשאָטן פון די וואַגאָנעס. פאַר זייערע אויגן איז געלעגן אַ בּלאַנקער וואַסער־שפּיגל, איינגעפּאַסט אין אַ זילבּערנער ראָם. דאָס איז געווען דער אַראַלער ים. נישט אַלע האָבּן זיך אָוועקגעשטעלט ווי מיכל צו בּאַוואונדערן דעם דאָזיקן שטילן ים מיט די ווייסע זאַלץ־בּרעגן, אויף וועלכע די זונענשטראַלן האָבּן געשימערט מיט די קאָלירן פון רעגנבּויגן.

מיט רעש זענען אָנגעלאָפן די סטעפּקינדער — די קליינע קאַזאַכלעך מיט עמערס זאַלץ, און דער האַנדל האָט זיך אָנגעהויבּן. כּמעט פאַר גראָשנס האָט יעדערער אָנגעפילט אַ זאַק, וואָס ער האָט פריִער צוגעגרייט אָדער אויסגעליידיקט פון די רעשטלעך געפּעק און געלאָזן אָנפילן מיט זאַלץ.

מיכל האָט נאָך די אויגן נישט געקענט אָפּרייסן פון ים, וואָס האָט רויִק געלעקט די זאַמדיקע בּרעגן פון מדבּר, איבּערלאָזנדיק אויף זיי ווייסע, זאַלציקע סימנים. אַז ער האָט דערזען די זעק מיט זאַלץ, וואָס מען שלעפּט אַריין אין וואַגאָן, האָט עס אים געוואונדערט:

— צו וואָס אַזויפיל זאַלץ? וויפל דאַרף דען אַ מענטש האָבּן זאַלץ צום עסן?

***

אוראַל האָט די אַזיִאַטן אויפגענומען נישט צו פריינטלעך. אין טשקאַלאָוו איז געפאַלן אַ רעגן, און די בּלאַטע איז געווען קאַלט און קלעפּיק. די בּאַרוועסע פיס זענען בּלויז געוואָרן פון קעלט. אַרום דעם טראַנספּאָרט האָט גענומען ווימלען מיט אוראַלער פּויערים, מיט בּאַבּעס, וואָס האָבּן קוקנדיק אויף די זעק בּאַלד דערשנאַפּט, אַז עס איז דאָ... זיי האָבּן גענומען צושטיין צו ערשט שעמעוודיק, נאָכהער דרייסטער:

— פראַדאַי סאַלי — פאַרקויף ברודעל, אַ ביסל זאַלץ.

מען האָט אויפגעבונדן די זעק, לאַנג זיך געדונגען און אָנגעהויבן צו פאַר־קויפן דאָס זאַלץ, מעסטנדיק אים מיט אַ בלעכן קענדל. נאָר די אוזבעקן האָבן באַלד אָפּגעהאַקט דעם מסחר.

— ווייטער וועט באַשטימט זיין טייערער — האָבן איינע די צווייטע איינ־גערוימט אַ סוד.

די פּויערטעס, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן איינצוקויפן גענוג, זיי זאָלן קענען צוריקפאָרן אין זייערע דערפער, האָבן פאַריבל:

— פאַרקויפט טייערינקע, וווהין אַנטלויפט איר. מיר דאַרפן זאַלץ...

אַ ביסל וואַרעמער איז עס געווען אויף דער באַן־סטאַנציע סוויערדלאָווסק. די זאַלן גרוימע, ליכטיקע. דעם גאַנצן טאָג, וואָס די גרופּע האָט געוואַרט אויף אַ צוג, איז מיכל געווען באַשעפטיקט. ער איז געשטאַנען אין דער ריי, אַריינצו־קריגן זיך אין בופעט ווו מען קען באַקומען אַ ביסל זופּ פון קרויט מיט גרינע פּאָמידאָרן — „ראַסאָלניק" און אַמאָל טאַקע אַ שטיקל ברויט אויך. די ריי איז געווען אָן ענדלאָזע. ווי נאָר עמעצער האָט אָפּגעגעסן און איז אַרויס — איז ער שוין גלייך געשטאַנען אין דער ריי, כדי אין אַ וואַסערע צוויי שעה אַרום ווידער אָנקומען אין בופעט אַריין. אין דער צווישן צייט, צווישן איין „ראַסאָלניק" און דעם צווייטן, האָט זיך מיכל אַריינגעכאַפּט אין לייענזאַל. אויסער אַ פּאָר אַלטע בראָשורן איז גאָרנישט געווען צום לייענען. פון קיאָסק האָבן צו אים ווי פאַר־שעמט אַרויסגעקוקט עטלעכע פאַריתומטע, יידישע ביכער. זיין בליק איז געפאַלן אויף די רוקנס פון די ביכער: פּעפער, בערגלסאָן, מאַרקיש. וואָס טוען זיי דאָ, טראַכט מיכל. — פאַרוואָס זענען די רוסישע ביכער אויספאַרקויפט? נאָך אַ ווײַלע באַטראַכטן די ביכער פון אַלע זייטן, קומט מיכל צום אויספיר:

— צו דיק פּאַפּיר. צום רויכערן טויגן זיי נישט. טאָ ווער דאַרף זיי האָבן...

און ער האָט זיך ווידער געשטעלט אין דער ריי נאָך אַ „ראַסאָלניק".

די שטיין־האַקערײ „אוטיאַס“

אין וואַגאָן איז טונקל. אַ געלביק־פאַרנעפּלטע שײַן פאַלט פון איבער דער טיר. אויף די ברייטע נאַרעס פון „מאַקסים“ *) ליגן זיי צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, האַלב אין דרימל; מידע פון לאַנגן פאָרן און באַרוישט פון ריח וואָס עס פאַרשפּרייטן די לאַפּטשעס און די דורכגעשוויצטע שמאַטעס, וואָס ליגן צו־קאָפּנס.

מיכל איז וואַך. נאָך דער לאַנגער רייזע איבערן מדבר האָט ער קוים באַוויזן אַ וואָסערע פּאָר נעכט דורכצושלאָפן אויף די נאַרעס פון ערשטן באַשטימונגס־אָרט. דאָרט האָט ער אויסער אַ קאַלטער באָד אויך באַקומען אַ פּאָר לאַפּטשעס, אויסגעפלאָכטענע פון דער פייכטער, בייגיקער קאָרע פון יונגע ביימלעך און אַ שטיק זאַק. אַ גוטע שעה האָט מיכל זיך געאיבט אין דער קונסט פון אַרומוויקלען די שטיקער זאַק אַרום די פיס, אונטערבייגן די שפּיצן און ערשט שפּעטער צוצו־בינדן עס מיט די געפלאָכטענע שטריקלעך, וואָס האַלטן די לאַפּטשעס. אַז ער איז אַרויס אין דרויסן און געשטעלט דעם ערשטן טריט דורך דער בלאָטע, — האָט ער דערפילט אַ קאַלטע פייכטקייט צווישן די פינגער.

— עטאָ ניעטשעוואָ — האָט אים באַרויִקט דער מייסטער, וואָס האָט אָנגע־פירט מיט פאַרלאָדן די קלעצער אויף די פּלאַטפאָרמעס — דערפאַר אָבער אין ווינטער, אויפן שניי און פראָסט, זענען זיי בעסער ווי שטיוול...

נאָכהער האָט מען יעדן פון דער גרופּע אויסגעטיילט צו צוויי הערינג און אַ האַלבן ברויט און פאַרלאָדן אין די טונקעלע וואַגאָנעס. זיי זענען געפאָרן אויף אַ „קאָמאַנדיראָווקע“. קיינער פון זיי האָט נישט געוווּסט אין וואָס אייגנטלעך וועט באַשטיין די אַרבעט, און ווי לאַנג די „קאָמאַנדיראָווקע“ וועט דויערן. זיי זענען

---

*) אַ שלעפּצוג, לרוב פון משא־וואַגאָנעס.

געווען צו מיד פון נאַכאַנאַנדיקן שאָקלען זיך אין וואַגאָנעס, און די מידקייט האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַפּאַטיע...

דורך די שויבן בלויט די נאַכט...

פאַרטאָגס, ווען פון נעפל האָט זיך אויסגעשיילט דער וואַלד און די זון האָט באַלויכטן זיינע שפּיצן, איז דער צוג שטיין געבליבן אין אַ טאָל. אַ שטים האָט אויסגערופן אין וואַגאָן:

— אוטיאָס, ווילייעזאַי!

נישט אויסגעשלאָפענע, דורכגענומען מיט דער פרימאָרגנדיקער קעלט, האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט. צו זייערע אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ מאָדנע מוזיק, ווי שטיינער וואָלטן געפאַלן אויף מעטאַלענע בלעכן: טאַ... טאַטאַ... דער עכאָ האָט עס צעטראָגן איבער די וועלדער און צוריקגעברענגט: טאַ... טאַטאַ...

שטייענדיק אין דער פרי׳ער שעה אויפן באַנאַנשיט האָט דאָס אויג אַרומגענומען דעם ישוב, וואָס דאַרף ווערן די נייע היים. עטלעכע באַראַקן צום וווינען. אַ שטענגעלע רויך גייט אויף פון זיי צום הימל. די ביוראָען דערקענט מיכל לויט די פינצטערע שויבן און לויט דעם שטיק רעלס וואָס הענגט אויף אַ דראָט... און איבער אַלעם — ווי ווייט דאָס אויג קען דערגרייכן — אַ גרינער וואַלד, וואָס זיינע שפּיצן, שפּאַרן אָן אין די האָריזאָנטן.

*****

אַ טאָג אין מיכלס לעבן — אַ געוויינלעכער אַרבעטס־טאָג.

פאַרטאָג. מיכל ציט אַרויף די וואַטענע פּופּייקע און איז שוין אין דרויסן. דער שניי סקריפּעט אונטער די ביעראַזעווע קאָרע־לאַפּטשעס און פאַראַט דעם פראָסט. דער מאָגן בורטשעט בייז. אין די אויערן הילכט נאָך דער מעטאַלענער קלאַנג פון דעם רעלס־גלאָק, עס איז זעקס פרי. לאַנגזאַם באַוועגט זיך די פּראָצעסיע פון די אַרבעטער באַרג־אַרויף. זיי קוקן מיט הונגעריקע אויגן אויפן רויך, וואָס שלאָגט פון דער בעקעריי. ער טראָגט מיט זיך אַ ריח פון פרישן ברויט.

מיכל פרווט זיך איינרעדן:

— מען דאַרף זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון עפּעס אַ רויכל, וועגן עפּעס אַ טרוים פון פריש ברויט. אַרבעטן דאַרף מען...

טראָט נאָך טראָט שטופּן זיי די וואַגאָנדלעך אַריין אין די קאַריערן.

פונקט צוועלף גיט די רעלס ווידער אַרויס פון זיך דעם איינציקן, מעטאַלענעם טאָן וואָס זי פאַרמאָגט. נאָר דאָס מאָל מיינט עס: מיטיק.

מיכל שטייט אין דער ריי נאָך ברויט. יעדע מינוט וואָס עס געדויערט דאָס אויסשניידן דעם נומערל פון דער ברויט־קאַרטע איז אים צו לאַנג. ער זעט ווי די וואַגשאָלן וויגן זיך אַרויף און אַראָפּ. און ווען ער האַלט אין האַנט אַ שטיק וואַרעם, שווער ברויט, קען ער זיך נישט אָפּוווּנדערן:

— טאָקע אַכט הונדערט גראַם?

איידער די וואַרעמע זופּ באַווייזט זיך אויף זיין טישל אין דער „סטאָלאָווע", שלינגט מיכל אַראָפּ דאָס ברויט. ער האָט נישט געפילט, ווי קנייפּנדיק שטיקלעך איז עס פאַרשוווּנדן. דעם לעצטן ביסן לאָזט ער אַרונטער, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט אַ נאָענטן פריינט, מיט אַ געליבטער:

— ביז מאָרגן 12 אַזייגער...

און מיטאַמאָל טוט אים באַנק, דער אומעט ווי אַ ווערעמל נימט טאַטשען. צוזאַמען מיטן ביסן ברויט איז פאַרשוווּנדן דער ציל, די דערוואַרטונג וואָס האָט לייכטער געמאַכט די לאַנגע שעהן ביי דער אַרבעט. פאַר זיך זעט ער ווידער זעקס שעה אַרבעט: זיך איינשפּאַרן מיטן קאָפּ און מיט די הענט אין דעם וואַגאָנדל, און שטופּן אים באַרג־אַרויף צום קאַריער...

און ווייל מיכל האָט אויך געאַרבעט נאַכט־שיכט, דאַרף מען פאַרצייכענען אַ נאַכט אין מיכלס לעבן —

דער פראָסט איז שטיל און צוגעלאָזן. נאָר דעם טערמאָמעטער קען מען נישט אָפּנאַרן. ער ווייזט אַ שפּאַר ביסל שטרייכעלעך אונטער נול. אויף מיכלען — אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. אָנשטאָט אונטערוועש, וואַרעמט זיין קערפּער דער קאָץ, מיט וועלכן ער דעקט זיך צו. בייסן, בייסט נישט. די קליינע חברה ליגט איינגעלייגט אין פראָסט.

— אויך אַ גליק — טראַכט מיכל — וואָרעם אין פראָסט איז נישט באַקוועם צו קראַצן זיך...

שוין עטלעכע שעה ווי ער שטייט אויף איין אָרט און בויערט די פעלדזן מיטן פּנעוומאַטישן בויער. אַרום איז שטאָק־פינצטער. אונטן, אין די קאַריערן הערט מען אַ שטיין פאַלן. אַ בליאַסק פון אַ לעמפּל טוט אַ פינקל. מיכל איז אויג אויף אויג מיט דער נאַכט. דער בויער רוישט און פרעסט זיך איין מיט זיין שטאָלענער צונג אין קאַלטן פעלדז.

איין מעטער... דריי... פינף...

ער שטעלט אַריין הילצערנע שטעקלעך ווי פּראָפּנס אין די לעכער. מאָרגן וועט זיי סוכאַנאָוו אויפרייסן מיט אַמאָנאַל.

דער פראָסט קיצלט, פאַרקלייבט זיך צווישן די פינגער און כאַפּט בייסן די פּוסטריט. מיכל לאָזט שטיין דעם בויער און גייט זיך אָנוואַרעמען.

אין קליינעם שטיבל זיצט דער מייסטער פון דער שיכט — מאַרקאָוו.

דער אייזערנער אויוון איז צעגליט ביז רויט. מאַרקאָווס פּנים איז צעפּאַרעט ווי אין אַ שוויץ־באַד. אין האַנט האַלט ער די נישט־דערלייענטע צייטונג. די אויגן לעפּלען לאָזן זיך אַראָפּ. האָפּט מיכל:

— טאָמער שלאָפט דער מאַרקאָוו איך, קען מען זיך אַ ביסל דערוואַרעמען דאָ...

מאַרקאָוו דערשמעקט אים באַלד און גיט אַ ברום:

— גיי אַרויס צו דער אַרבעט!

מיכל מאַכט זיך געפּגרט, ווי נישט צו אים וואָלט מאַרקאָוו גערעדט, נאָר צו דער נישט־אויסגעליינטער צייטונג.

פויל שטעלט זיך מאַרקאָוו אויף, מיט זיינע פעסטע הענט נעמט ער אָן מיכלען פאַרן קאָלנער, און וואַרפט אים אַרויס אין דרויסן.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט איז צו מיכלס אויערן דערגאַנגען מאַרקאָווס מי־שברך, אין וועלכן ער רעכנט אויס זיין גאַנצן יחוס ביז צום עלטער־זיידן און פאַרבייסט מיט אַלע יידן, צו וועלכע ער פאַררעכנט אויך גאָטס מוטער...

מיכל איז נישט צוריקגעגאַנגען צום בויער. די רעשט פון דער נאַכט איז ער פאַרבליבן אין באַראַק...

דער פאָלקס־געריכט האָט מיכלס טאַט קוואַליפיצירט ווי אַ פאַרלעצונג פון געזעץ וועגן „פאַרפעלן צו זיין ביי דער אַרבעט״. מיכל האָט זיך מיט ברען פאַר־טיידיקט ביים געריכט. נישט מער — דער ריכטער האָט אים נישט געוואָלט אויס־הערן ביזן סוף, און פויל אויסגערופן:

— אַראָפּנעמען 25 פּראָצענט פון געהאַלט און 200 גראַם ברויט טעגלעך, אויף אַ צייט פון 6 חדשים.

דער ריכטער האָט דעם פסק־דין אַרויסגעטראָגן מיט דער מעלאַנכאָלישער שטים פון אַ גלח, וואָס זאָגט ווידוי מיט זעלנער אין אַ פעלד־לאַזאַרעט...

וועגן דעם אַלעם טראַכט מיכל:

ביי שטיינער האָקן האָבן אין צאַרישן רוסלאַנד געאַרבעט קאַטאָרזשניקעס מיט קייטן צוגעשמידט צו די טאַטשקעס און אויפזעער מיט נאַהייקעס, דורכגע־פלאָנכטן מיט בליי, האָבן אָנגעטריבן. די צייט פון די פרימיטיווע צאַרישע מעטאָדן זענען פאַרביי. מיר אַרבעטן היינט מיט מאַשינעס — נאָר דאָס געזעץ וואָס שמידט

געלעבט הינטער קראַטן

צו דעם מענטש צום איזערנעם וואַגאָנדל איז פיל שטאַרקער, ווי די אַמאָליקע קייט...

אויסער די צוועלף שעה פון יעדן מעת־לעת וואָס מיכל מוז אָוועקגעבן דער מלוכה און דערפאַר איז ער באַרעכטיקט צו אַרומדרייען זיך אויף גאָטס וועלט, האָט ער די אַנדערע צוועלף שעה געקענט אויסנוצן פולשטענדיק פריי, פאַר זיינע פּערזענלעכע צוועקן. די דאָזיקע שעהן זענען ביי מיכלען נישט געווען איינגע־טיילט אין קיין פּלאַן, ווייל זיי האָבן געדינט פאַר איין געמיינזאַמער זאַך: צו פאַר־זאָרגן דעם קערפּער מיט אַ ביסל שפּייז...

נאָר די דאָזיקע פלאַנלאָזיקייט האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ גע־נויעם פּלאַן, צוגעפּאַסט צו די פיר צייטן פון יאָר.

ווינטער...

דער טיפער שניי האָט אַלץ איינגעהילט, פאַרשלייערט, ווי צוגעדעקט מיט אַ סוד. פון פראָסט האָבן אין וואַלד געפּלאַנצט די ביעראָזעס, מיט אַ טויבן קנאַל.

באַוועגן זיך אין דרויסן איז כמעט ווי אוממעגלעך, ווייל אויב מען קריכט נישט ווילנדיק אַראָפּ פון דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע, פאַלט מען אַריין ביזן האַלדז אין שניי. אין באַראַק ליגט ווער אויפן בעטל און קרעכצט, ווער עס זיצט ביי דער הייסער פּליטע און וואַרעמט זיך. דער הונגער קוקט אַרויס פון אַלעמענס אויגן און אַפילו רעדן וועגן עסן, איז שוין אויך שווער. שוויגט מען. נאָר שוויגנ־דיק טראַכט יעדערער, אַז אויב מען וואָלט געקענט קריגן אַ ביסל שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, וואָלט מען עס געקענט אָפּבראָטן אויף דער צעגליטער פּליטע, און אַ ביסל שטילן דעם הונגער. דאָס ברויט וואָס מען קריגט אין געוועלב איז שוין אויפגעגעסן אויף פיר טעג פאָרויס. דאָך האָט ניעמאַי, דער ראַוונער בחור, גע־פּרווט ווידער גיין אין געוועלב אַריין און בעטן:

— מאַריאַ סעמיאָנאָוונאַ, גיב נאָך אויף אַ טאָג פאָרויס...

אַז מאַריאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט דערזען דאָס קאַרטל, איז איר געוואָרן אַ ביסל פריקרע:

— זע, דעם 25סטן וועסטו שוין קיין ברויט נישט האָבן. טאָ מיט וואָס וועסטו דערציִען ביזן ערשטן?

— כ׳וועל קויפן ברויט — האָט ניעמאַי אָפּגעטאָקט גלאַטיק, ווי תמיד — כאָטש ער האָט קיין פּרוטה נישט געהאַט ביי דער נשמה. מאַריאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט עס געוווּסט.

— איך קען דיר נישט געבן אַזוי פיל פּאַרויס. דאָס געזעץ דערלויבט נישט.

נישט נאָר ניעמאַי, נאָר מיכל און דוד לעכטמאַן און אויך די אַנדערע האָבן געוווּסט, ווי טרויעריק עס זענען די לעצטע טעג פון חודש — ווען מען אַרבעט אָן אַ ביסן ברויט...

מיטאַמאָל האָבן זיי דורכן פענצטער דערזען: אין דער קאַרעטע, ביי וועלכער עס איז געשטאַנען דעם בוכאַלטערס ציג, האָט מען אַריינגעשאָטן קאַרטאָפל־שאָלעכץ.

— גייען מיר? — האָט דוד געפרעגט.

— מיר גייען — האָט מיכל קורץ געענטפערט.

די ציג האָט נישט לייכט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון איר רעכט. זי האָט געשטויסן מיט די הערנער, מיטן שטערן, געשאָקלט מיטן בערדל, געפּרוּווט אַריינכאַפּן אין מויל, וויפל נאָר עס לאָזט זיך. נאָר די קאַרטאָפל־שאָלן האָט זי פאַרלוירן.

מיט מעסערס אין די הענט, זענען מיכל און דוד געשטאַנען ביי דער הייסער פּליטע און אַכטונג געגעבן אויף די שאָלן וואָס האָבן זיך געבראָטן, און יעדעס מאָל זיי אונטערגעהויבן, כדי צו זען, אויב ס'איז שוין ברוין...

נאָכהער האָט נעמאַי געפונען צעפוילטע קרויט־בלעטער צוזאַמענגעפרוירן, ווי אַ שטיק אייז. ווען מען האָט זיי אָפּגעוואַרעמט אויף דער פּליטע, איז דער געשטאַנק אין באַראַק געוואָרן אומדערטרעגלעך. אין דעם מאָמענט האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר, און אין באַראַק זענען אַריינגעפאַלן: דער דאָקטאָר, דער נאַטשאַלניק פון זאַוואָד און דער פּאַרטאָרג *).

דער נאַטשאַלניק האָט געוואָלט וויסן, אַזוי האָט ער געזאָגט: — ווי אַזוי לעבט זיך אונדזער פאָלק, אין אַ זונטיקדיקן טאָג...

מיכל האָט אַפילו געהאַט אַ חשד, אַז דעם וויזיט האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דעם בוכהאַלטערס ציג...

זעענדיק וואָס עס טוט זיך אויף דער פּליטע, האָט דער דאָקטער זיך צעשריגן:

— זע, חבר נאַטשאַלניק, וואָס עס טוט זיך דאָ. זיי וועלן דאָך אַלע אויסגרן. דאָס איז דאָך ריינער סם. איך וויל נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר.

— שטעל צונויף אַן אַקט — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק צו פּאַרטאָרג.

***) פּאַרטאָרג — פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר, פאַרשטייער פון פּאַרטיי־קאָמעטעל, אויפזעער אין דעם זאַוואָד.**

— מיר וועלן זיי איבערגעבן צום געריכט. דאָס זענען „ווערדיטעליעס״ (שע־דיקערס) שונאים פון פאַטערלאַנד...

צום געריכט פאַר די צעפוילטע בלעטער, האָט מען קיינעם נישט איבער־געגעבן.

שעהן שפּעטער איז מיכל געלעגן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן, און געוויינט ווי אַ קליין קינד. דאָס זענען נישט געווען קיין טרערן פון שעמען זיך, אָדער מורא, פאַרקערט — ער איז ביי זיך שטאָלץ געווען אויף דעם פאַל מיט די בלעטער, וואָס לויט אים איז עס געווען אַ הענטשקע, געוואָרפן אין פּנים פון די, וואָס האָבן אים געבראַכט צו דעם צושטאַנד. ער האָט אַפילו אַרויסגעכאַפּט אַ פּאַק פּאַפּירן און געוויזן דעם פאַרטאָרג:

— זע, דאָ האָסטו צוקער, פעטס, פלייש, קאַרטאָפל פאַר 6 חדשים. האָסטו אויך אַזוי פיל פּאַפּיר? אָדער האָסטו אויף דיינע קאַרטלעך יאָ באַקומען פּראָדוקטן?

מיכל האָט געפילט, אַז דער פאַרטאָרג האָט חרטה אויף זיין אַרויסטריט, ווען ער האָט געזאָגט:

— מיר זענען גלייכע בירגער. איך באַקום אויך נישט מער פון אייך...

דאָס זענען געווען טרערן וואָס האָבן זיך אין אים אָנגעזאַמלט טראָפּן נאָך טראָפּן פון פאַרביטערטקייט, הילפלאָזיקייט און הונגער. ער האָט זיי מער נישט געקענט איינהאַלטן אין זיך. דאָס זענען געווען טרערן פון אַ מענטשן, וועלכער באַקומט מיט איין מאָל רחמנות אויף זיך אַליין...

פרילינג..

קוים האָט די זון באַוויזן צו צעשמעלצן דעם שניי, און לאָזן אים פליסן אין ריטשקעלעך — איז מיכל שוין געווען אויפן פעלד. די ערד איז נאָך האַרט, געפרוירן. אָבער אַ דינעם שיכט ערד האָט דער שניי מיטגענומען מיט זיך. דער־פאַר קוקן אַרויס שוואַרצע, געפרוירענע קאַרטאָפל, וואָס זענען געבליבן אין דער ערד איבער ווינטער. מיט אַ שפּיציקן שטעקן גראָבט ער זיי אויס, און לייגט עס צוזאַמען אין אַ טאָרבע. שפּעטער זיצט מיכל ביי דעם שמאָלן וואַסערל וואָס פליסט לעבן באַראַק, און פאַרנעמט זיך מיט צוגרייטן די קאַרטאָפל. אויסגעוואַשן, אָפּגעשיילט און אויסגעקוועטשט פון וואַסער, באַקומט זיך אַ ווייסע מאַסע — קראַכמאַל.

דער פייער אין דער פליטע קנאַקט און זי ווערט טונקל־רויט. אין באַראַק איז

איצט שטיל. עס הערט זיך בלויז דאָס שנאָרכן פון נאַכט־וועכטער, וואָס היט דעם אַמאָנאַל־סקלאַד. מיכל מאַכט לאַטקעס און לייגט זיי אויס אויף דער צעגלי־טער פליטע. זיי נעמען צישען, דאָס רעשט וואַסער דאַמפט אויס און אַ ווייסע, מעליק פלעצל באַקומט זיך, כאָטש אינעווייניק איז עס שוואַרץ.

נאָך אַ מיטיק פון די פלעצלעך, אין אַ ברויטלאָזן טאָג, איז מיכל געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט אַ שווערן מאָגן, ווי עס וואָלטן דאָרט געלעגן שטיינער.

נאָך אַ פּאָר טעג זיך פיטערן מיט די דאָזיקע פלעצלעך, דערפילט מיכל ווי די קני בייגן זיך ביי אים אונטער דער לאַסט פון קערפּער. ער קען דעם גלייכ־געוויכט קוים איינהאַלטן, גייענדיק צו דער אַרבעט. דער קאָפּ איז שווער און יעדע ווײלע מוז ער לויפן, שנעל אַראָפּלאָזן די הויזן און זיך זעצן הינטער אַ קוסט...

— קיין היץ האָסטו נישט — האָט דער דאָקטער געזאָגט — כאָטש ס׳וואָלט דיר נישט געשאַדט אַ פּאָר טעג צו בלייבן אין בעט. נאָר לײדער קען איך דיר ניש באַפרייען פון דער אַרבעט. מער ווי פינף באַפרייאונגען אַ טאָג, דערלויבט מיר דער נאַטשאַלניק נישט אַרויסצוגעבן..

זומער...

די נאַכט־שיכט איז געענדיקט. נאָר מיכל גייט נישט באַלד זיך לייגן שלאָפן. ער לאָזט זיך אַראָפּ אין פאַבריק אויסצוזוכן אַ ברעט אָדער אַן אַנדער שטיקל טרוקן האָלץ, צו מאַכן פייער. זומער שטעלט מען נישט צו קיין האָלץ צום באַראַק. מיכל נעמט אַ בוראַוו, אַ לייכטן עמער געמאַכט פון ביעראַזעווע קאָרע, און לאָזט זיך אַוועק אין פאַרטאַגיקן וואַלד קלייבן שוואָמען. דער טוי ליגט נאָך אויף די גראָזן. איז מיכל זיכער, אַז די מאַסקיטן שלאָפן. גרויסע, זאַפטיקע שוואָ־מען שטייען רויק אין שאָטן פון גראָבע שטאַמען. מיט אַ מעסערל שנײדט זיי מיכל אָפּ, און לייגט זיי אין עמער אַריין. מיכל ווייסט פון דערפאַרונג, אַז מען דאַרף צו ווייט נישט פאַרקריכן, ווייל מען קען אַמאָל נישט אַרויסקריכן.

ס׳האָט אים שוין פּאַסירט:

ער האָט אָנגעקליבן אַ פולן עמער. נאָר דאָ און דאָרט ווינקען צו אים גרעסערע, שענערע שוואָמען. לאָקט עס אים. טוט ער אויס דאָס היטל, די מאַרי־נאַרקע, קלייבט און קלייבט אָן אַ סוף. ער שניצט זיי מיטן מעסערל, און גייט באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ.

געלעבט הינטער קראַטן

דערווייל האָט די זון באַוויזן אויפצוגיין, און אירע שטראַלן האָבן זיך דורכ־געריסן צווישן די צווייגן. אויפגעוועקט. פון דער וואַרעמקייט נעמען זיך די מאָסקיטן טראָגן איבערן וואַלד. די קליינע בלוטזויגער דערשפּירן באַלד אַ קוואַל פון עסן פאַר זיי. כמאַרעסווייז האָבן זיי זיך באַזעצט אַרום די אויגן, פאַרקראָכן אין נאָז און גענומען אַריינזעצן די דינע נאָדלען. מיכל האָט אָנגעהויבן לויפן, וועלנדיק אין לויף פּטור ווערן פון זיי, און ער האָט פאַרלוירן די אָריענטאַציע ווו ער געפינט זיך. ער ווייסט נישט ווו איין און ווו אויס. דער עכאָ ברענגט מיט זיך דעם אָפּקלאַנג פון אַ לויפנדיקן צוג. לאָזט זיך מיכל אין יענער ריכטונג. אָפּגייענדיק אַ פּאָר הונדערט טריט, בלייבט ער שטיין פאַר אַ וואַסער, נישט אַדורכצוגיין...

קוים פאַרנאַכט איז ער דערקראָכן אַ מידער, מיט צעבלוטיקטע פיס, צום באַראַק...

מיכל האָט געשטעלט די שוואָמען קאָכן, און איז אַרויס זיך אומצוקוקן נאָך קאַרטאָפל. געשיקט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אין אַ גאָרטן, און אויסגעגראָבן עטלעכע קאַרטאָפל, נישט איבערלאָזנדיק קיין סימן, אַז מ׳האָט געגראָבן. איבערן קעסעלע קאַרטאָפל איז געשווומען אַן אומשולדיקע שוואַרצע פליסיקייט פון שוואָמען.

פאַרנאַכט האָט יעדערער געקאָכט אַ קעסעלע קאַרטאָפל אין דעם באַראַק, כאָטש קיינער פון די איינוווינער האָט קיין גאָרטן נישט געהאַט...

די פערצן איינוווינער פון באַראַק זענען געגאַנגען, יעדערער מיט זיין אייגענעם וועג, צו אַ ביסל קאַרטאָפל...

די איינציקע צייט פון יאָר ווען מיכל האָט געגעסן פרישטיק, איז געווען זומער. און דאָס אויך נאָר דאַן ווען ער האָט געאַרבעט נאַכט־שיכט.

וועגן די דאָזיקע זומערדיקע פרישטיקן האָט מיכל געהאַט אַ מיינונג:

— דאָס קאָכן פאַרשאַפט פונקט אַזאַ פאַרגעניגן ווי דאָס עסן. ווען מען קאָכט, טראַכט מען פון עסן, און אַז מען עסט אויף, איז מען ווידער הונגעריק...

דריי זענען זיי געווען, רוסן, וואָס האָבן געהאַט קאַרטאָפל, אָן צו מוזן אויפ־קלערן פון וואַנען זיי שטאַמען.

דאָס איז געווען דיאַדיאַ וואַניאַ, אַן אַלטער צאַרישער טשינאָווניק, וואָס האָט תמיד אין אַ שמועס, דרך אַגב אַריינגעוואָרפן וועגן דעם מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ וואָס ער האָט אַמאָל געטראָגן. זייענדיק פורמאַן אויפן זאַוואָד,

איז אים לייכט געווען אַראָפּצוכאַפּן זיך אָפּט אַהיים, צו זיין ווירטשאַפט, און זיך פאַרזאָרגן.

דער אַנדערער — דוואָרקין, אַן אַסימילירטער דייטש איז געווען דער „פּיעטשניק" פון זאַוואָד. פאַריכטנדיק די אויוונס ביי נאַטשאַלסטווא, איז אים צוגעפאַלן אַ ביסל קאַרטאָפל.

און פּיעטראָוו, דער נאַכטוועכטער פון אַמאָנאַל־סקלאַד, וואָס איז געשטאַנען אין עק פון אַ גרויס קאַרטאָפל־פעלד. זיין אויפגאַבע איז אויך געווען, אַכטונג צו געבן, אַז נישט באַרופענע פּערזאָנען זאָלן נישט גראָבן קיין קאַרטאָפל. זיינע רעסורסן זענען געווען זייער צווייפלהאַפטע, כאָטש קיינער וואָלט זיך נישט אונ־טערגענומען נאָכצוקוקן אים, וואָס ער טוט ביינאַכט...

די דריי האָבן פעסטגעשטעלט די מאָראַל פון באַראַק:

גראָבן קאַרטאָפל מעג מען נאָר אין דעם פעלד — וואָס געהערט צום זאַוואָד. אַזאַ פעלד איז „קיינעמס נישט" — ס'איז מלוכיש... דעריבער, אַז עמעצער האָט געבראָנגט קאַרטאָפל, איז זיין פליכט געווען צו מעלדן:

— פון גרויסן פעלד... און ער איז געווען כשר.

הגם דיאַדיאַ וואַניאַ האָט געהאַלטן פאַר דערלאַזבאַר צו גראָבן קאַרטאָפל פון „קיינעמס פעלד", פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געפוילט צו לאָזן וויסן דעם קאָמסאָמאָליעץ פאַדייעוו, וועגן מיכלען.

באַוואָפנט מיט אַ ביקס, איז פאַדייעוו יעדער נאַכט געלעגן ביים ראַנד פון וואַלד, אָפּוואַרטנדיק מיכלען. דיאַדיאַ וואַניאַ איז דאַן געזעסן אויף זיין בעט און גע־רויכערט, אין דערוואַרטונג... נישט מער, דיאַדיאַ וואַניאַ האָט זיך איבערגע־רעכנט, און מיכל האָט כמעט יעדן אָוונט אַהיימגעבראַכט קאַרטאָפל...

אַ רומענישער בחור, וואָס האָט געוווינט אין אַ צווייטן באַראַק, און האָט נישט געוווסט פון דער דאָזיקער שפּיל, האָט אַריינגעכאַפּט אַ לאָדונג שראָט אין ווייכן פלייש אַריין...

האַרבסט...

אַ דריבנע רעגנדל פּויקט אין די פענצטער און וועקט פון שלאָף. אַז מיכל מאַכט אויף די אויגן, זעט ער:

דוד לעכטמאַן איז שוין אויף די פיס, אַוויערישאָוו ליידיקט אויס אַ זאַק — ווערט אים קלאָר, אַז עס גרייט זיך אַן אויספלוג, ערגעץ ווו. האַרבסט, נאָך דעם ווי מען גראָבט אויס די קאַרטאָפל — געהערן די פעלדער צו אַלעמען. די אָרע־

געלעבט הינטער קראַטן

מעלייט צעשיטן זיך דאַן איבער די פעלדער און נעמען נאָכאַמאָל איבערגראָבן די ערד. טייל מאָל געפינט מען עטלעכע קאַרטאָפל, און אַ מאָל געלינגט טאַקע אָנצוגראָבן אַ גאַנצן זאַק. צו דער קאַטעגאָריע הונגעריקע וואָס לאָזן זיך אַרויס איבערצוגראָבן די פעלדער געהערן נישט נאָר די מאָביליזירטע ייִדן און רוסן, נאָר אַלע אַרבעטער פון זאַוואָד — אַ חוץ נאַטשאַלסטוואָ...

עס איז שפּעטער האַרבסט. דער אָנגעפּאַלענער שניי צעגייט, און מאַכט פון דער שוואַרצערד אויף די פעלדער אַ געדיכטע בלאָטע, וואָס קלעפּט זיך צו די לאַפּטשעס און עס איז שווער צו גיין. אין וואַלד האַלט זיך דער שניי לענגער — גייען זיי זאַלבעדריט דורכן וואַלד.

אָן אַ וועג, אָן אַ קאָמפּאַס, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן בלויזן אינסטינקט, וואָס וועט באַשטימט דערפירן צום נאָענטסטן דאָרף.

דעם דאָרף זעט מען נישט אַרויס. ער איז אַרומגערינגלט מיט וואַלד, ווי אַן אינדזל מיט וואַסער. מיט יאָרן צוריק איז דער דאָרף נאָך געלעגן צעשפּרייט אַרום קיִעוו, אויף די רחבותדיקע אוקראַיִנישע פעלדער. אין די צייטן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע האָט עס מיטן דאָרף פּאַסירט: מיט זיין פּויערישער צוגעבונדנ־קייט צו ערד, האָט ער נישט פאַרשטאַנען די הויכע צילן פון דער מלוכה, און מיט פּויערישער עקשנות זיך געקלאַמערט אָן איר, נישט וועלנדיק איר אָפּטרעטן פאַרן קאָלכאָז. דעמאָלט האָט מען דעם דאָרף פאַרלאָדן אין וואַגאָנעס און נאָך וואָכן אַרומפאָרן, האָבן זיי דערגרייכט דאָס נאַקעטע שטיק פעלד, אין מיטן פון דעם וואַלד.

—ווילט איר לעבן, טאָ בויט הייזער, קאַרטשעט אויס דעם וואַלד און לעבט. נאָר ווייל דאָ זענט איר אַלע גלייך, און קיינער פון אייך האָט נישט זיין פעלד, וועלן אַלע פעלדער געהערן צום קאָלעקטיוו.

דער ווילן צום לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרקער ווי די בענק־שאַפט צום אַמאָל, וואָס די פּויערים האָבן פאַרלוירן. דורך די יאָרן איז אויסגע־וואַקסן אַ רייכער דאָרף, אויף דער פרוכטבאַרער אוראַלער ערד.

צו די פעלדער פון דעם דאָרף, האָבן זיך געלאָזן די דריי אַרבעטער פון שטשעב־זאַוואָד „אוטיאַס״, אין זייער זונטיקדיקן, פרייען טאָג...

דער וואַלד ווערט געדיכטער און דער וועג שווערער. די ביימער־קרוינען רוישן און יאָגן אָן אַן אימה. וועדליק דער זון, איז שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג. לויט דער צייט וואָס זיי גייען, האָבן זיי שוין געדאַרפט זיין אויפן אָרט. זיי ווערן אומרויִקער. פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך דאָס רוישן פון אַ טראַקטאָר. די

דריי לאָזן זיך אין דער ריכטונג. מיכל גייט פון הינטן. עס איז שווער מיטצו־האַלטן טראָט. די לאַפּטשעס זענען שווער געוואָרן פון דער נעץ, און פּלאָנטערן זיך צווישן די פיס. ענדלעך זענען זיי דערגאַנגען צום ראַנד פון אַ פעלד. דער אָונט האָט זיך אָנגערוקט און עס איז געוואָרן טונקל.

— איר זעט חברה די בערגלעך — רופט זיך אָן אוויערישאָוו — דאָרט הינטערן שטרוי ליגן קאַרטאָפל. לאָמיר אָנשיטן די זעקלעך. צו איבערגראָבן איז שוין צו פינצטער...

פלוצלינג איז פון הינטער אַ בוים אַרויסגעשפּרונגען אַ געשטאַלט, און זיך צעשריגן:

— שטיין בלייבן! איך שיס!

ווי איבערגעשראָקענע האָזן, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן צום וואַלד צו. מיכל האָט דערפילט ווי דאָס האַרץ זעצט אים און די קני־ען בייגן זיך אונטער, און ווילן נישט פאָלגן. די לאַפּטשעס, אַרומגעקלעפּט מיט בלאָטע איז שווער אָפּצורייסן פון דער ערד. ער זאַמלט צונויף זיינע אַלע כוחות און לויפט. די אויגן מעסטן ווי ווייט עס איז נאָך צום וואַלד. ביים ראַנד פון פעלד פאַלט ער אַריין אין אַ גראָבן, און דערפילט ווי איבער אים איז עמעצער געפאַלן. דאָס בלוט איז אין אים פאַרגליווערט געוואָרן.

— דאָ האָב איך דיר סוקין־ סין! שוין לאַנג אַז כ'וואַרט אויף דיר!

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן, און פּרובירט לויפן... אַ שווערע האַנט האָט זיך געלייגט איבער אים.

— וועסט שוין נישט אַנטלויפן, דו סוקין סין! וועסט שוין אַריינכאַפּן דיין פּסק!

פאַר דער פאַרוואַלטונג פון קאָלכאָז איז מיכל געווען אַ מציאה. מען האָט אים נישט געשלאָגן, נישט געזאָגט קיין מוסר, נאָר אָפּגעהיט ער זאָל נישט אַנט־רינען. לויטן צונויפגעשטעלטן פּראָטאָקאָל, פאַרזען מיט די בייטיקע שטעמפּלען און אונטערשריפטן, איז מיכל פאַראַנטוואָרטלעך פאַר טאָנען קאַרטאָפל וואָס זענען שוין פאַרשוווּנדן, אָדער וועלן עווענטועל ווען פאַרשווינדן...

אויף איבערנאַכט האָט מען מיכלען אַריינגעזעצט אין באַראַק ווו עס נעכטיקן די קריגס־געפאַנגענע יוגאָסלאַוון. די וואַך־זעלנער גיבן מיכלען אַ קעסל קאַר־טאָפל, אַ פּאָר ברעטער פון די מאַגאַזין־פּאָלקעס, און הייסן אים זיך פילן היימיש:

— דו ביסט דאָך אַ רוסישער מענטש, אַ אונדזעריקער...

אינדערפרי האָט מיכל געגעסן פרישטיק אין דער זעלנערישער קיך.

פון דאָרט וועט מען אים אָפּפירן אין דער מיליץ.

דער זעלנער עסט מיט אַפּעטיט, און צווישן איין ביסן און צווייטן, דערציילט ער דער קעכין מיכלס געשיכטע.

— דערלאַנג אים נאָך אַ שיסל, נאַסטיע — זאָל ער עסן...

— אַ ברויטקאַרטל האָסטו? — פרעגט נאַסטיע שפּעטער מיכלען.

— כ׳האָב...

— טאָ נעם אָפּ ברויט אויף איר באַצייטנס, ווייל טאָמער זעצן זיי דיר איין, איז דאָס ברויט פאַרפאַלן...

— איך האָב נישט קיין געלט — מורמלט מיכל אויס פאַרשעמט.

— עטאָ טשעפּוכאָ, וויַיז דיין קאַרטל...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט נאַסטיע געבראַכט פיר פרישע, שמעקעדיקע ברויטן.

— ביסט פאַרטיק? האָט אַ פרעג געטון דער זעלנער.

— פאַרטיק. — האָט מיכל צוריקגעענטפערט.

— אַ גוטע רייזע! — האָט זיי נאַסטיע צוגעווונטשן.

פאַראויס האָט געשפּאַנט מיכל, באַלאָדן מיט די ברויטן און הינטער אים, אויף אַ פערד, דער זעלנער.

די מיליץ אויף דער קליינער סטאַנציע פאַרנעמט צוויי צימערלעך. ווען דער זעלנער האָט אַריינגעבראַנגט מיכלען, האָבן זיי געטראָפן דעם נאַטשאַלניק שלאָפן אויף צוזאַמענגעשטעלטע בענקלעך, איבערגעדעקט מיטן שינעל.

— וואָס דאַרפט איר? — האָט ער אויפזעצנדיק זיך, בייז אַ ברום געטון.

דער זעלנער האָט אים דערלאַנגט דעם פּראָטאָקאָל.

— פיר אים ווייטער, ס׳איז נישט מיין עסק.

— וואָס הייסט, דו ביסט דאָך די מיליץ!

— יאָ, נאָר דאָס איז נישט מיין ראַיאָן...

— וואָס גייט מיר אָן, ווערט שוין דער זעלנער בייז — דאָ האָסטו אים, און ווערג זיך מיט אים!

— גיי צו אַלדע שוואַרצע יאָר, דו קעמפער ביי די קאַלכאָזנע באַבעס...

— אין דיין מאַמעס קרעסט אַריין, ווי אַזוי רעדסטו צו אַ פאַרוווּנדעטן פראָנט־קעמפער?!

— אַ פראָנט־קעמפער ביסטו? אַ כאָליערע ביסטו!

— איך וועל דיר ווייזן!...

װײַזט אויס אַז דעם מיליציע־נאַטשאַלניק איז דערעסן געװאָרן זיך צו פֿאַרהערן, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— לאָז אים איבער און גײ צום פּ..!

מיכל האָט אָנגעהאָקט האָלץ און אַרײַנגעטראָגן צום סטאַנציע־שעף. דערפֿאַר האָט אים די באַלעבאָסטע געגעבן אַ ביסל קאַרטאָפֿל און אַ טאָפּ זײַ אָפּצוקאָכן. אין אויװן האָט געקנאַקט דער פֿײַער. מיכל האָט געגעסן קאַרטאָפֿל מיט ברויט, און געטריקנט די נאַסע לאַפּטשעס. ער איז געװען זאַט און רויק...

כאָטש קײנער האָט אים נישט געהיט, און צום זאַװאָד איז געװען אַ פּאָר קילאָמעטער בלויז, האָט מיכל נישט געטראַכט פֿון מאַכן פּליטה:

— װאָרעם װאָס איז דער אונטערשייד װוּ אַ מענטש געפֿינט זיך, ער געהערט דאָך סײַ װי צו דער מלוכה...

פֿאַרנאַכט האָט מען אַרײַנגעבראַכט עטלעכע שילער פֿון די פֿע־זע־אָװ־שולן װאָס זענען געלאָפֿן אַהײם... נאַסע, איבערגעפֿרוירענע, האָט מען זײ אַראָפּגענומען פֿון אַ פּראַכטצוג.

— גיב אויף זײ אַכטונג — מאַכט דער נאַטשאַלניק צו מיכלען — זײ זאָלן נישט אָפּציִען...

אין דער ראַיאָנשטאָט טשוסאָװאַיאַ, װוּהין די גרופּע אַרעסטירטע זענען צומאָרגנס אָנגעקומען, האָט די מיליץ געמאַכט אַ קנאַפּן װעזן פֿון זײ.

די פֿע־זע־אָ־שילער האָט מען צוריקגעשיקט אין זײערע שולן, מיט אַן אָנזאָג:

— איר זאָלט זיך מער נישט פּלאָנטערן אונטער די פֿיס...

מיכל האָט געהאַט אַ פּראָטאָקאָל אויף זיך, איז זײַן ענין געגאַנגען אין געריכט אַרײַן. נאָר דער ריכטער איז נישטאָ. די סעקרעטאַרין כאַפּט אַ בליק אין פּראָטאָקאָל:

— לאַדנאָ — זאָגט זי צום מיליציאָנער, לאָז אים איבער. און צו מיכלען מאַכט זי:

— און דו, בחורל, זײַ מוחל און זעץ דיר אויפֿן קאָרידאָר און װאַרט, ביז מען װעט דיר רופֿן...

מיכל זיצט אַלײן אויפֿן קאָרידאָר. מאָמענטנװײַז באַפֿאַלט אים אַ װילן זיך אויפֿצוהײבן און אַרויסגײן. נאָר ער פֿילט זיך צו שװאַך, דעם װילן אויסצופֿירן. װוּהין װעט ער לויפֿן אַן געלט, אין אָפּגעריסענע קלײדער. די לאַפּטשעס פֿאַלן זיך פֿאַנאַנדער. אַז מען װעט פֿאַרהאַלטן מלחמה־צײַט אָן דאָקומענטן — מאַכט מיכל דעם חשבון מיט זיך — קריגסטו אויפֿן שטעל אַ צענער פֿאַר שפּיאָנאַזש.

געלעבט הינטער קראַטן

וואָרעם וואָס קען טון אַ פּאַליאַק אַן דאָקומענטן, אין אַזאַ מין הולך, אויב נישט שפּיאָנירן... און גיי דערוויז, אַז עס איז נישט אַזוי...

זיצט ער אויפן בענקל, קייט אַ שטיקל ברויט, און קייענדיק אַזוי, דערוואַרט ער זיין גורל.

די צייט פון שליסן די ביוראָ רוקט זיך אונטער און דער ריכטער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

— פּאַר אַהיים — זאָגט די סעקרעטאַרקע — און אין אַ צען טעג אַרום, קום ווידער...

— — — ווען אין שנייאיקן פאַרנאַכט וואָלט זיך אין באַראַק באַוויזן אַ גייסט, וואָלט עס קיינעם אַזוי נישט געוווּנדערט, ווי ווען זיי האָבן דערזען מיכלען, מיט ברויט און קאַרטאָפל באַלאָדן.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט יעדער איינער געוואָלט וויסן...

— ווי אַזוי האָסטו זיך אַרויסגעקראָגן?...

מיכל איז נישט געווען אויפגעלייגט צו שמועסן.

אין צען טעג אַרום האָט מיכל צוזאַמענגענומען זיין ביסל אָרעמקייט, זיך אָפּגעזעגנט מיט די חברים און איז געפאָרן צום משפּט.

ווען די סעקרעטאַרין פון דער ערשטער אָפּטיילונג פון טשוסאָווייער פאָלקס־געריכט האָט אויסגעהערט נאָך וואָס מיכל איז געקומען, האָט זי אַנגעשטעלט אויף אים אַ פּאַר פאַרוווּנדערטע אויגן, ווי זי וואָלט געזאָגט:

— קוק נאָר אָן דעם טשודאַק, וואָס ער וויל דאָ...

צווישן אירע פּאַפּירן האָט זי גאָרנישט געפונען אַזוינס, וואָס זאָל קענען דינען ווי אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מיכלען.

נעמט זי זיך שאָבן אַ מייער, און שאָבנדיק אַזוי, מאַכט זי צו מיכלען:

— פּאָר געזונט, בחורל, אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען שיקן נאָך דיר...

נאָר צו דעם איז קיינמאָל נישט געקומען...

זיך פאַרזינדיקט...

אויפן צווייטן מלחמה־יאָר איז דאָלינקאָווסקי, נאַטשאַלניק פון שטשעב־זאַוואָד „אוטיאַס״, דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ מיליטערישן קאָמאַנדיר, מיט רעכט צו באַשטראָפן יעדן אונטערגעאָרדנטן מיט גוב־וואַכטע ביז 5 טעג.

דאָס איז געקומען אויפן באַפעל פון אייזנבאַן־מיניסטער, וואָס האָט אַלע זיינע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איבערגעפירט אויף אַ מיליטערישן באַזיס, און צוגעטיילט מיליטערישע ראַנגעס. די, וואָס זענען געווען אויף הויכע פּאָסטנס ביי דער נ.ק.פּ.ס. *), האָבן פריער אָפּגעאָטעמט. זיי זענען פאַרזיכערט און באַ־נירט פון דאַרפן גיין אויפן פראָנט, צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד.

אַזוי שנעל ווי עס איז דערשינען דער דעקרעט, האָט זיך דאָלינקאָווסקי באַוויזן אין אַ מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ און גאָלדענע שטערנדלעך אויף די פּאַגאָנעס, און מיט אַ כיטרן, קוים באַמערקבאַרן, שמייכעלע אויף די שפּיציקע, פּעטע וואָנצן.

דער אוראַלער פרילינג איז פון דער נאַטור אויס אַ פוילער און נישט איבערגעאיילטער. צוערשט אַרבעט ער אַ פּאָר שעה אין טאָג. פּאַוואָליע צעקייט ער דעם הויך־אָנגעפּאַלענעם שניי און לאָזט אים פליסן פון די בערג. ערשט טיף אין מאַי ווערט ער פאַרטיק מיט די שנייען, און נעמט זיך צו די נאַקעטע, דורכגעפרוירענע פעלדער.

מיכלס פאַרדינסטן אויפן זאַוואָד זענען זיך נישט צעגויפגעפאַלן מיטן גאַנג פון פרילינג. איז אויסגעקומען, אַז איידער נאָך דער פרילינג האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט, איז מיכלס חוב פאַר דער קאָרע־לאַפּטשעס, וועלכע ער האָט דורכן

---

*) נ.ק.פּ.ס. — נאַראָדני קאָמיסאַריאַט פּוטיי־סאָאָבשטשעניאַ — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון קאָמוניקאַציע.

ווינטער צעריסן קלעטערנדיק איבער די שפּיציקע שטיינער, אַזוי אַנגעוואָקסן, אַז ווען דער בוכהאַלטער האָט אים געוויזן זיין קאַנטע מיט חוב, ווו יעדער פּאָר לאַפּטשעס, וואָס דער בלינדער טאַטער האָט אויסגעפּלאַכטן, און וואָס זייער פּרייז איז געווען זיבן רובל — האָבן ביידע: סיי מיכל און סיי דער בוכהאַלטער דערזען, אַז מען האַלט ביים באַנקראָט. איז קלאָר געוואָרן פאַר מיכלען:

— די איינציקע לאַפּטשעס וואָס ווען זיך נישט אָפּטראָגן און קאָסטן גאָר־נישט — דאָס זענען די אייגענע פיס.

כאָטש די פרימאָרגנדיקע פרעסטלעך האָבן נאָך באַצויגן די קאַלוזשעס מיט אייז — האָט מיכל אַ טרייסט:

— טשעפּוכאַ, בייטאָג איז שוין גוט ווארעם...

איז ער אַרומגעלאָפן באָרוועס, אין צעריסענע וואַטע־הויזן און אַ פאַרשמאָל־צענע פופייקע אויפן נאַקעטן לייב. פון יעדן געוויינלעכן שלעפּער אונטערשיידט ער זיך מיט דעם, וואָס ער איז אַ מאָביליזירטער אַרבעטער פון דער נ.ק.פּ.ס. מיט אַן אַרבעטס־נאָרמע, וועלכע ער דאַרף מאַכן.

אין גרויען פרימאָרגן האָט מיכל גענומען קלעטערן באַרג־אַרויף, צו די קאַריערן. אויפן וועג איז געשטאַנען דער עקספּעדיטאָר סאַזאַנאָוו מיט אַ צעטל אין האַנט.

— היינט וועסטו אַרבעטן ביי מיר — האָט ער פאַרהאַלטן מיכלען.

— אָנגעקומען אַ סך וואַגאַנעס — האָט ער אַ ברום געטון ווי פאַר זיך, מאַכנדיק דערביי אַ צייכן ביי מיכלס נאָמען.

מיכל איז געשטאַנען ביי אַן אָפענער פּלאַטפאָרמע און אינעווייניק אַרויפ־געוואָרפן שטיינער. אין אים — האָט געבורטשעט דער הונגער. איבער אים סאַזאַנאָוו:

— נו־קאַ, ריר זיך. ביזט דאָך נישט קיין טשערעפּאַכע!

מיכל האָט עס טעלעגראַפיש איבערגעשיקט צו די מוסקולן פון די הענט, אָבער יענע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל.

פּלוצלינג האָט עס אָנגעהויבן גיסן, ווי דער צאַפּן פון אַ ריזיקער פאַס וואָלט אונטערן דרוק פון וואַסער אויסגעשאָסן, און באַפרייטע וואַסערשטראָמען האָבן זיך צעשפּריצט אין אַלע זייטן.

דאָס וואַטע־אַנטועכץ אויף מיכלען האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם רעגן ווי אַ גומענע שוואָם און זיי זענען געוואָרן שווער; ווי אַלע שטיינער, וועלכע ער דאַרף פאַרלאָדן, וואָלטן זיך אָנגעהאָנגען אויף זיינע הענט און פיס, און

נישט געלאָזן אים זיך אַ ריר טון. די מאַסע האָט מיכלען געפּרעסט צו דער ערד, און קוים וואָס ער האָט זיך באַוועגט.

— ווי אַ סאַבאָטאַזשניק אַרבעטסטו, סוואָלאָטש! — האָט זיך איבער אים דערהערט סאַזאָנאָווס באַס. אין אַ ברייטן רעגנמאַנטל, אין אַ קאַפּישאָן איבערן קאָפּ, איז ער געגאַנגען פון וואָגאָן צו וואָגאָן און געמינטערט דעם עולם:

— רירט זיך, לאָדערעס! אַ רוח אין אייער טאַטנס באַבען אַריין!

אויף צומאָרגנס, ווען מיכל איז געגאַנגען אין „סטאָלאָווע" אַריין, כדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען מיטן אָונטבראָט, דאָס ביסל לעבלעכע וואַסער, האָט אים ביים ביוראָ פאַרהאַלטן די טיאָטאַ נאַטאַשאַ:

— מישקע, דער נאַטשאַלניק, רופט דיר...

דאַלינקאָווסקי איז געזעסן אין פּאַטעל און אַריינגעקוקט אין פּאַפּירן ווען מיכל האָט זיך אַריינגעשאַרט אין זיין קאַבינעט און איז געבליבן שטיין מיטן היטל אין האַנט, מורא האָבנדיק אויסצורעדן אַ וואָרט.

— זעץ זיך — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט. — דיר דאַרף איך האָבן. נישט אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער גענומען לייענען:

פּראָטאָקאָל

„דער אַרבעטער מיכאַ״ל לוואָו האָט ביים אָנלאָדן שטיינער אין די וואַגאָנעס פאַרן טשוסאָווייער מעטאַל־זאַוואָד, פאַרהאַלטן דעם טראַנספּאָרט אויף אַ צייט פון 30 מינוט.

נעמענדיק אין אַכט אַז דאָס פאַרהאַלטן וואַגאָנעס אין מלחמה־צייט איז אַ פאַרברעכן, וואָס קען נישט טאָלערירט ווערן, באַשטראָף איך אים מיט 5 טעג מיליטערישער תפיסה״.

און מינדלעך האָט ער צוגעגעבן:

— דאָ האָסטו דעם באַפעל. גיי אַריבער צום דאָקטאָר און נעם אַ „ספּראַווקע״ אַז דו ביסט פעיק אָפּצוזיצן די פינף טעג. נעם מיט דיין ברויט־קאַרטע און אויך אויף די פּראָדוקטן. אויף זיי וועסטו קריגן עסן. מאָרגן פרי זאָלסטו מיטן צוג פאָרן קיין טשוסאָווייע און זיך מעלדן צו דער מיליטאַריזירטער אייזנבאַן־וואַך. זיי פאַרמאָגן אַן אַרעסטהויז.

אָפּגעזאָגט — האָט ער אַריינגערוקט מיכלען אַ צונויפגעראָלטן פּאַפּיר אין האַנט אַריין.

מיכל איז שטיין געבליבן מיטן פּאַפּיר אין האַנט און נישט געוווּסט:
— צי זאָל איך זיך פרייען אויף די פינף טעג וואָס איך וועל נישט דאַרפן אַרבעטן, אָדער זאָל איך עס באַדויערן...
ער האָט נישט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי פּונקט ער האָט פאַרהאַלטן דעם טראַנספּאָרט. נאָר איידער וואָס־ווען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף אַראָפּ־לויפן צום דאָקטער.
דער אַלטער פעלשער האָט אָנגעטון די ברילן, אָפּגעשטעמפּלט אַ קוויטל, און דערלאַנגט עס מיכלען:
— זדאַראָוו... וועסט קענען!
צומאָרגנס, מיטן ערשטן צוג, האָט זיך מיכל געלאָזט אין וועג אַריין אויפצו־זוכן די מיליטערישע טורמע, ווו ער דאַרף אָפּזיצן די פינף טעג.
אין טאַש האָט ער באַהאַלטן זיין אורטייל און דאָס ברויטקאַרטל. אין זעקל איז געלעגן זיין פאַרמעגן: דריי געבאַקענע קאַרטאָפל און עטלעכע זאַלץ־קערנער אין אַ פּאַפּירל. אויף די פּיס האָט ער געהאַט אַ פּאָר אויסגעטראָטענע לאַפּטשעס, וואָס האָבן זיך פון הינטן צעלאָזן, ווי דער עק ביי אַן אינדיק, איידער ער גייט אַרויסלאָזן זיין:
האָלדער! האָלדער!
ער איז געפאָרן אין שטאָט אַריין.

אין אַרעסט

נאָך איידער דער צוג, וואָס איז געלאָפן אויף דער ליניע קיזל־טשוסאָווייע, האָט באַוויזן אַריינצופאָרן אין דער טונקעלער, אין נעפּל־איינגעהילטער סטאַנציע טשוסאָווייע, האָבן זיך צום טיר דערלאַנגט אַ שפּאַר אָנגעשטאָפּטע זעק מיט קאַרטאָפל, מיט מאַכאָרקע, קרוגן פון ביעראָזעווע קאָרע, וועלכע די אוראַלער רופן „בוראַוון״, ברייטע קוישן געפלאָכטענע פון ווערבע־צווייגלעך, אַ מרוקען פון אַ חזירל — און ערשט הינטער דעם אַלעם, פּויערטעס אין אַלטע, אויסגע־ריבענע פּאַטשיילעס, קריגס־אינוואַלידן אין קורצע, שאָפּענע פעלצלעך אָנגע־שפּאַרט אויף הילצערנע קוליעס, אוראַלער פּויערים וואָס האַלטן אין איין שעלטן:
— לעשאַק, צום טייוול...
— אויף די פאַרגעלטע, אָפּגעריבענע וואָרענונגס־אויפשריפטן: „די טיר נישט אויפמאַכן איידער דער צוג בלייבט שטיין״ — האָט קיינער קיין אַכט נישט

געלייגט. די רעדער האבן נאך געסקריפעט אונטער די טארמאזן, זענען שוין די סירן געשטאנען אפן. זיי זענען געווען צו שמאל אדורכצולאזן די אלע וואס האבן מיט איין מאל געוואלט ארויס אין דרויסן. זיי האבן פאר זיך געהאט איין ציל:

נא באזארע! דעריבער האט יעדערער געוואלט זיין דער ערשטער דעם ציל צו דערגרייכן.

דער דאזיקער שטראם האט מיכלען אין דעם נאך־טונקעלן באגינען ארויס־געשטויסן אויף דער נאסער, בלאטיקער פלאטפארמע פון וואקזאל. די דרויסנדיקע קעלט, וואס האט א ווייע געטון אויף די פאסאזשירן, האט זיי אפגעקילט. פלינקע אויגן האבן געגנישטערט אין דער טונקלקייט צי מען זעט נישט אמאל א „גרין היטל", הינטער וועלכער עס שטעקט אן אייזנבאן־מיליציאנער, וואס האט תמיד חשק אריינצוקוקן אין זעקל פון „ספעקולאנט".

יעדערער האט נאך פריער צוגעגרייט א תירוץ:

— איך בין אן ארעמער קאלכאזניק...

— און איך, א וויסטע קריגס־אלמנה...

— גיי אוועק זונה, איך האב פארלוירן א פוס אויפן פראנט!

דערויף האבן זיי געוווסט וועט דער מיליציאנער א פרעג טון:

— ספראווקי יעסט? ווייזט נאר אייערע פאפירן...

האט יעדערער געהאט שטעקן א שטיקל פאפיר פארזען מיט גענוג שטעמפלען אונטערשריפטן, באשטעטיקונגען. דאס פאפיר, צונויפגעלייגט אין פירן — איז געלעגן אויבנאויף. מען זאל נישט דארפן פאנאנדערבינדן זיך, און זוכן. ארום איז אבער קיינער נישט געווען. די פאסאזשירן האבן זיך צעשאטן איבער אלע זייטן, און אין א מינוט ארום האט מען בלויז געהערט דאס פוסטע קלינגען פון די רעדער, אויף וועלכע עס איז געפאלן דער האמער פון באן־מעכאניקער.

מיכל איז שטיין געבליבן אין מיטן פון וואקזאל מיטן זעקל אין האנט, און זיך ארומגעקוקט. ענדלעך האט אים עמעצער געוויזן די ריכטונג וווהין ער האט צו גיין.

דער עלטסטער פון די אייזנבאן־וועכטער, צו וועלכן מיכל האט געטראפן, האט נישט איילנדיק דורכגעקוקט דעם פראטאקאל, דעם דאקטארס באשטעטיקונג די שפייז־קארטן. אלץ האט געשטימט לויט די פארשריפטן. ער האט פון מיכלען צוגענומען דעם פאסיק פון די הויזן, און די דריי קארטאפל, מיכלס פארמעגן, און אים איבערגעגעבן צו א יונגער פרוי מיט א ביקס אויפן אקסל.

— פיר אים אפ!

פון איצט אָן, איז מיכל געװען אַרעסטירט. ער איז געגאַנגען פאַראױס, און הינטער אים די װעכטערין מיטן ביקס. זי האָט קײן אױג נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים, נאָר געגעבן באַפעלן:

— גײ רעכטס! פאַרנעם זיך לינקס!

מענטשן זענען אײליק פאַרבײגעלאָפן, נאָר קײנער האָט מיכלען קײן בליק נישט געשענקט. נישט פון מיטלײד און נישט פון פאַראַכטונג. זײן גײן אין דער באַגלײטונג פון אַ מונדיר מיט אַ ביקס איז זײ געװען אינגאַנצן גלײכגילטיק.

די קאַמער, װעלכע האָט געדאַרפט זײן מיכלס הײם פאַר די װײטערדיקע פינף טעג — האָט פאַרמאָגט אַ טישל, אַ בענקל, אַ נאַרע צוגעשמידט צום װאַנט און אַ קוקשײבל אין טיר. אַ „װאָלטשאַק".

מיט אַן ערנסטן טאָן, װי זי װאָלט פאַרגעלײענט אַ גאָר װיכטיקן דאָקומענט, און פון דער פײערלעכקײט פון איר שטים איז אָפּהעניק דער אײנדרוק, װעלכע די װערטער װעלן מאַכן, האָט די װעכטערין אױסגעלײענט דעם רעזשים:

1. אױפשטײן זעקס פרי. עס װערט צוגענומען דער מאַטראַץ. די נאַרע מוז צוגעקײטלט װערן צו דער װאַנט.

2. אַכט אַזײגער פרישטיק: קיפּיעטאָק און ברױט — אױף דײן קאַרטל. און פאַר דײן געלט.

3. צװײ אַזײגער מיטיק אין סטאָלאָװע אױף דײן קאַרטל, פאַר דײן געלט.

4. פיר אַזײגער — 10 מינוט „פּראָגולקא". מעגסט רױכערן.

5. אַכט אַזײגער — קיפּיאַטאָק.

6. צען אַזײגער, קריגסטו דעם מאַטראַץ צום שלאָפן.

אָפּגעזאָגט דעם פּיזמון, האָט זי צוגעקלאַפּט די טיר הינטער זיך. מיכל האָט זיך אַנידערגעזעצט אױפן בענקל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אױף די הענט, זיך אײנגענורעט אין דער פּופּיקע, און גענומען דרימלען אױפן טיש.

דער „װאָלטשאַק" האָט אַ בליץ געטון און מיכלס באַלעבאָסטע האָט זיך באַװיזן אין טיר:

— שלאָפן בײטאָג טאָר מען נישט. ניעלזיאַ!

מיכל איז צו צום פאַרקראַטעװעטן פענצטער. דורך אים האָט ער געזען אַ הילצערנעם פאַרקאַן פון האַלב־צעפױלטע ברעטער און עטלעכע פאַרװעלקטע גראָזן. אין זײן קאָפּ איז געװאָרן פּוסט, װי אין זײן מאָגן. פון לאַנגװײל האָט ער גענומען פּויקן מיט די פינגער אין די שויבן און פײפן אַ לידל צום טאַקט. עס

האט זיך אויפגעפראלט די טיר און דער ווייבערישער קאפ אין סאלדאטסקן היטל, האט אויסגערופן:

— סוויסטיט ניעלזיא! (מ'טאר נישט פייפן!).

מיכל האט זיך ארומגעקוקט, נישט וויסנדיק וואס צו טון מיט דער צייט. ער האט זיך דערמאנט, אז ערגעץ ווו אין א בוך איז געווען געשריבן, אז ארעס־טאנטן אין איינצל־קאמערן האבן פארטריבן די צייט מיט מארשירן פון איין ווינקל צום צווייטן.

מיכל האט פארלייגט איין ארבל אין אנדערן, די הענט אויף הינטן און האט גענומען אויסמעסטן די קאמער.

די טיר האט זיך מיט א גרילץ אויפגעמאכט, און א בייזער באס האט גע־לאזט וויסן:

— כאדיט פא קאמערי — ניעלזיא!

איז מיכל ווי א סטאטעטשנער יונגערמאן געזעסן אויפן בענקל, און געקוקט פאר זיך. זיין מידן בליק האט ער אויפגעהאנגען אויפן אכטן קוואדראט אין דער קראטע, און אין די געדאנקען גענומען איר פארשפינען מיט א שפינוועבס. טראכטנדיק דערביי:

— וויפל א שטייגער פעדעם וואלט א שפין געמוזט דא דורכוועבן, און ווי שטארק וואלט זי געדארפט זיין, צו קענען איינפלאנטערן די גרויסע פליג וואס שלאגט זיך הילפלאז מיט איר בלאען קאפ אין פענצטער־גלאז, צו דער פרייהייט.

מאדנע, האבן זיך אין מיכלס מוח ווייטער געשפינט די געדאנקען.

— מיך האט מען געפאנגען בסך־הכל מיט א שטיקל פאפיר, אויף וועלכן עס זענען געווען אנגעווארפן עטלעכע טינט־צייכנס. דאס שטיקל פאפיר איז שוואכער ווי דער געוועב פון א שפין און טראץ דעם, קען ער זיך פון דעם נישט באפרייען.

און נאך מאדנער איז מיכלען אויסגעקומען:

— די פליג וואס פאלט אריין אין שפינוועבס, ווארפט זיך, פרובירט זיך אויספלאנטערן, ווייל געווינען נאך א מינוט אין איר טאגיקן לעבן. דער אינסטינקט זאגט איר אונטער, אז געפאנגענשאפט, מיינט טויט... איך, א מענטש, קוק זיך גלייכגילטיק צו ווי מען בינדט מיר די הענט מיט די פיס מיט אזויפיל: ניעלזיא... און מאך אפילו נישט דעם מינדסטן אנשטעל פון פראטעסט. נאר נעם אלץ אן גלייכגילטיק, נישט ווי מיט מיר וואלט עס געשען, נאר מיט עמעצן א פרעמדן...

קיין געדאַנק האָט זיך אין זיין מוח נישט געקענט אַנטוויקלען צו אַ קאָנ־סעקווענטן אויספיר, ווייל זיין איך איז געווען אויסגעליידיקט פון יעדן גייסטיקן אינהאַלט, ווי אין ערשטן מאָמענט פון באַטרעטן דער קאַמער...

די קעלט האָט אים ביסלעכווייז דורכגענומען. די ווונדן אויף די פיס, וואָס די צינגאַ האָט באַוויזן אויסצוועסן, האָבן אָנגעהויבן מיט אַ נאָגנדיקן ווייטיק ציִען. מיכל איז אויפגעשפרונגען און נישט וויסנדיק אַליין, ווי אַזוי עס איז צו דעם גע־קומען, האָט ער גענומען קלאַפּן אין טיר:

— דאָוויי וראַטשאַ! (גיב דעם דאָקטער!).

דעם גאַנצן טאָג איז ער געווען פאַרכאַפּט פון דער אידעע, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ ציל. וויפל מאָל די וועכטערין האָט באַזוכט זיין קאַמער, האָט ער נישט אויפגעהערט צו מאָנען:

— דאָוויי וראַטשאַ! איך בין קראַנק!

ערשט פאַרנאַכט, אַז מיכל האָט שוין כמעט ווי רעזיגנירט פון זיין פאָדערונג צו ווערן זען אַ דאָקטער, האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר און די וועכטערין האָט אים געמאָלדן:

— מיר גייען צום דאָקטער!

פון מאַרש דורך דער שטאָט האָבן די ווייטיקן פון די פיס, זיך נאָך מער פאַרשאַרפט. די שיטערע בלאָטע איז אַדורך די לאַפּטשעס, דורכגענעצט די שמאַ־טעס און די פיס האָבן זיך געווייקט אין אַ נאַסער, קאַלטער מאַסע. אין קאַבינעט פון דער פּאָליקליניק־דאָקטערין איז מיכל געווען אָן באַגלייטונג. די דאָקטערין, נאָך איידער זי האָט געזען מיכלס פיס, האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט און געפרעגט:

— זאַפּאַדניק? (פון מערב?).

אין איר שטים איז געווען אַזויפיל מאַמישע צאַרטקייט, אַז מיכל איז נאָענט געווען פון צעכליפּען זיך ווי אַ קינד. ער האָט זיך באַהערשט. אַזוי גערעדט האָט שוין זייער לאַנג צו אים קיינער נישט. אַ היילגעטראַנק, וואָס מען גיט נישט מער פון אים ווי אין קליין לעפעלע, און דאָך ברענגט עס אַ מענטשן צום לעבן. דער כוח פון אַזאַ געטראַנק איז געלעגן אין דער איינציקער פראַגע:

— זאַפּאַדניק?

פון איר קאַבינעט האָט מיכל, צוזאַמען מיט די איינגעזאַלבטע און פאַרבאַנ־דאַזשירטע פיס, אַרויסגעטראָגן אַ מעדיצינישן דיאַגנאָז, און אַ געשטעמפּלט פּאַפּיר, „צוליבן צושטאַנד פון די פיס, אומבאַדינקט ליגן 5 טעג. שטרענגע רו“.

געלעבט הינטער קראַטן

***

ביינאַכט האָט מען געבראַכט אַ רוסישן אַרבעטער. געקומען איז ער ווייזט אויס גלייך פון דער מאַשין מיט פעטע, אייליקע הענט. זיין פנים האָט שוין מער ווי עטלעכע טעג נישט געפילט דעם גאָל־מעסער און נישט קיין זייף.

ווען די טיר האָט זיך הינטער אים פאַרהאַקט, איז ער צו צו מיכלען.

— רויכערן האָסטו?

— ניין.

— וויפל טעג?

— פינף.

— איך האָב אויך פינף. נאָר ביי מיר אין פראָטאָקאָל האָט דער נאַטשאַלניק צוגעשריבן: „5 טעג, אָן אָפּרייסן פון דער אַרבעט". דעם גאַנצן טאָג אַרבעט איך אין זאַוואָד, נאָר אַנשטאָט צו גיין שלאָפן אַהיים, ברענגט מען מיר אַהער. היינט איז שוין די דריטע נאַכט.

פּאַוואָליע האָט ער אַרויסגענומען פון וואַנט אַ טירל, וואָס פאַרשטעלט אַ לאָך אין קוימען, ווו מען קען אַריינפירן אַ בלעכענע רער אויב מען וויל שטעלן אַ סעמאָוואַר. דאָרט האָט ער געהאַט פאַרשטעקט אַ ביסל טאַבאַק און שוועבעלעך.

— סוואָלאַטשעס — זאָגט ער צו מיכלען — ביים אַריינלאָזן אין קאַמער, נעמען זיי ביי מיר אַלץ אָפּ. ערשט אינדערפרי קריג איך מיין מאַכאָרקע צוריק.

ער האָט איינגעדרייט אַ ציגאַר, און אים געגעבן ערשט, לאָזנדיק דעם רויך אין קוימען אַריין.

— פאַרשטייטסט — האָט ער געלערנט מיכלען — די „זאַראַזע" וועט דאָ באַלד קומען אַרויסצוגעבן די מאַטראַצן. וועט זי דערפילן רויך, וועט זיך טון, הימל עפן זיך. קענסט דאָך די ווייבער. זי וועט ברענגען דעם קאָמענדאַנט, און עס וועלן זיין צרות.

דעם צווייטן ציגאַר האָט געדרויכערט מיכל און שפּעטער צוגעמאַכט דאָס דעקל פון קוימען, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

עס איז נאָך געווען גוט פינצטער ,ווען מען האָט ביי דעם אַרעסטירטן אַרבעטער צוגענומען דעם מאַטראַץ און אָפּגעפירט צו דער אַרבעט.

מיכל איז געבליבן ווייטער שלאָפן אויף זיין נאַרע, דורך די גאַנצע פינף מעת־לעת אַ דאַנק דעם פּאַפּירל וואָס איז געוואָרן אָפּגעשטעמפּלט מיטן דריי־עקיקן זיגל: שטאַטישע פּאָליקליניק — טשוסאָוואַיאַ.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען מיכלען אַרויסגעפירט שפּאַצירן. די זון האָט געהאַלטן אין פאַרגייען. מיכל און צוויי רוסישע מיידלעך פון אַ דערבייאיקער קאַמער, זענען געזעסן אויפן ברייטן הילצערנעם בריקל פאַרן הויז און זיך געוואַרעמט אין די לעצטע בלאַסע זונשטראַלן.

די וועכטערין, וואָס האָט אין קאַמער געברומט אויף מיכלען מיט אַ הייזעריקער באַס־שטימע — און מיכל האָט ביי זיך באַשלאָסן:

— הינטער דעם גרויען שינעל ווײנט נישט אַ יונגע פרוי, נאָר אַן אַלטער בייזער קאָטער...

די אַ וועכטערין איז איצט געזעסן אויפן צווייטן זייט בריקל, געקנאַקט סיעמעטשקעס און געלאַכט צו אַ בלאָנדן חברה־מאַן.

זי האָט געלאַכט...

מיכל איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון דעם בילד. ס'איז אים אויסגעקומען היפש וואונדערלעך, ווי אין זעלבן גרויען שינעל קענען וווינען צוויי מענטשן:

— אַ בייזער טורמע־וועכטער, און אַ האַרציק מיידל...

מיכל האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון איינדרוק אַפילו נאָך דעם, ווי די צוויי מיידלעך האָבן אים זייער פאַרזיכטיק איבערגעגעבן אַ בוך צום לייענען. דאָס איז געווען זייער שרענג פאַרבאָטן.

מיכל האָט מיט די אויגן זיי געדאַנקט, און פאַרבאַהאַלטן ס'בוך.

שפּעטער, האָט דאָס געלעכטער אָפּגעהילכט אין זיינע אויערן...

דריטער טייל

געלעבט הינטער קראטן

צום זיבן פון אָקטאָבער...

דער אַלטער וואַנטזייגער מיטן אָפּגעבליאַקעוועטן ציפערבלאַט, וואָס הענגט אין וואַרטע־צימער פון ביוראָ, טיאָטע נאַטאַשע — די הויפּטרוימערין און דאָס שטיק רעלס וואָס הענגט אויף אַ דראָט אין דרויסן, זענען אַ מעכאַניזם, פאַרבונדן צווישן זיך מיט אומזעבאַרע צאָנרעדער.

צוערשט האָט דער וואַנטזייגער געטון אַ סקריפּע מיט די קייטן, אויף וועלכע עס הענגען די וואָגן, דאַן אַ הייזעריקן הוסטל און צולעצט גענומען אויסקלאַפּן די אָפּגעלעבטע שעהן. אין דעם מאָמענט איז טיאָטע נאַטאַשעס בליק געפאַלן אויפן אָפּגעריבענעם ציפערבלאַט און זי האָט געציילט יעדן קלונג באַזונדער, כאָטש בײדע װײזערס זענען געשטאַנען אויף צוועלף. ווען דער לעצטער צאַפּל פון זייגערס קלונג איז שטיל געבליבן הענגען אין צימער, איז טיאָטע נאַטאַשאַ אַרויס אין דרויסן און אַ פּויק געטון דעם רעלס, וואָס האָט זיך צעקלונגען מיטן ריינעם קלאַנג פון שטאָל. דער עכאָ האָט זיך צעשאָטן איבער די בערג, שטיינער, איבער די „זאַבאָיען״, איבערן פאַבריק מיט די שטיין־מילן. די דיזל־מאָטאָרן האָבן מיט אַ פּייף אַרויסגעלאָזט די געפּרעסטע לופט פון די צילינדערס און זענען שטיל געבליבן. מענטשן, ווי שוואַרצע מוראַשקעס האָבן זיך באַוויזן אויף די טרעפּ, באַרג־אַרונטער געגאַנגען. דאָס זענען די אַרבעטער פון זאַוואָד, וואָס גייען אויף מיטיק. דער נאַטשאַלניק, סערגיי דאַלינקאָווסקי האָט אַ קוק געטון אויף זיין האַנטזייגער, געזען דורכן פענצטער ווי עס פאַלן אַראָפּ די לעצטע זילבערנע גרייפלעך פון דעם רעלס, אין וועלכע דער קאַלטער אוראַלער פרימאָרגן האָט איר אָנגעטאָן. מיט צופרידנקייט רוקט ער אָפּ די פּאַפּירן אויף זיין טיש, און שטייט אויף:

— ס׳איז צייט צו מיטיקן...

ווען דער לעצטער אַרבעטער איז פֿאַרשווּנדן אין סטאַלאָווע, איז דאַלינ־קאָווסקי אַוועק אַהיים.

נאָכן צווייטן טרונק בראַנפֿן, האָט ער זיך אַלץ נישט געקענט אָפּליבן פֿון דער מעטאַלענער פּושקע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אויפֿגעשריבן אין רוסיש: „סווינינאַיאַ טושאָנקאַ" און פֿון דער צווייטער זייט אין ענגליש: „בעקאָן־טשיקאַגאָ או. ס. אַ." ער האָט געמישט מיטן לעפֿל די געבראָטענע קאַרטאָפֿל, אַרויסגעכאַפּט שטיקלעך חזיר־פֿלייש און זיך נישט געקענט איינהאַלטן פֿון אויס־דריקן די געפֿילן.

— טשאָרט וואָזמי, אַמעריקאַנצי!

אין דעם „טיזול נעמט זיי", איז געלעגן אי באַוווּנדערונג, אי קינאה.

נאָכן פֿאַרטיק ווערן מיטן שעכטל און נאָכן אויסווישן די לאַנגע וואָנצן, האָט ער נאָך אַלץ גערעדט צו זיך:

— זיי ווייסן וואָס גוט איז, טשאָרט וואָזמי...

***

אַז אַפֿאַנאַס כאַרלאַמפּאָוויטש, פֿון „זאַבאַי" נומער זעקס איז אַריין אין זיין צימער, אין פֿאַמיליען־באַראַק, איז דער מיטיק שוין געשטאַנען אויפֿן טיש. נאָר וואָס האָט מאַריאַ אַריינגעבראַכט ברויט פֿון געוועלב. עס איז געווען ליימיק, נאַס און שווער.

אין טעלער, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט פֿון סטאַלאָווע איז אַרומגעשווומען אַ שוואַרצע פֿליסיקייט, מיט ווייסע שטריפֿן.

— וויפֿל האָבן זיי פֿאַר דעם אויסגעשניטן פֿון קאַרטל?

— 200 גראַם פֿלייש.

— גאָדי... האָט אַפֿאַנאַס אַ ברום געטון, און ווייטער גענומען זופּן די פֿלי־סיקייט. דאָס איז געווען אַ זופּ פֿון געטריקנטע שוואָמען, אין וועלכער עס זענען אַרומגעשווומען די ווייסע, אויסגעטריקנטע קערפּערס פֿון ווערעם...

מאַריע האָט אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט, דערלאַנגט אים אַ צווייגל רויטע ראַבינעס וואָס זענען נאָכן ערשטן פֿרעסטל געווען זיסלעך־זויער און אָנגעזאָגט אים אַ קוואָרט הייסן „קיפּיאַטאָק".

—אַ סך האָסטו פֿאַרגרייט? האָט ער געפֿרעגט זיין ווייב.

— אַ וואַסערע פֿינף זעק ראַבינעס, ס'וועט אפֿשר סטייען אויפֿן ווינטער.

די רעלס האָט ווידער אַ צאַפּל געטון, און אַרויסגעלאָזט איר איינטאָניקן רוף וואָס האָט זיך צעטראָגן איבער די טאָלן און וועלדער.

אַפאַנאַס כאַרלאַמפּאָוויטש האָט פעסטער איינגעצויגן די שטיקער זאַק אַרום די פיס, איבערגעבונדן די שטריקלעך פון די לאַפּטשעס, צוזאַמענגעדרייט אַ קאָזע־פּיסל פון צייטונגס־פּאַפּיר, אָנגעפילט מיט גרינע מאַכאָרקע און איז אַוועק אין „זאַבאָי״ צו מאַכן די 13 וואַגאָנעס שטיינער — די טאָג־נאָרמע.

סערגיי דאַלינקאָווסקי האָט אַ קוק געטון אויף זיין האַנטזייגער:

— יאָ, נאָך פופצן מינוט צייט...

און ער האָט ווייטער געדרייכערט דעם שמעקעדיקן פּאַפּיראָס, פון דער מאַרקע „קאַזבעק״, לאָזנדיק בלויע רינגען רויך...

**
*

אין קאַבינעט ביים נאַטשאַלניק זענען געזעסן: דער פּאַרטאָרג מיכאַילאָוו, און דער באַרג־אינזשעניער קאָראָפּקין. אויפן טיש איז געלעגן די פּאַרטיקע טעלעג־ראַמע אונטערצושרייבן.

„צום 25סטן יאָר־טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט דער קאָלעקטיוו פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון שטשעב־זאַוואָד „אוטיאס״ אויסגעפירט דעם יאָריקן אַרבעטס־פּלאַן פאַרן אָנגעצייכנטן טערמין און געגעבן איבער דער נאָרמע 100 וואַגאָנעס שטיינער״.

נאָכן אונטערשרייבן, האָבן זיי פאַררויכערט די פּאַפּיראָסן מיט די גאָלדענע בוכשטאַבן „קאַזבעק״, און צופרידן געריבן די הענט. יעדער פון זיי האָט אינזינען געהאַט די פּרעמיעס, וואָס זיי וועלן באַקומען אין פּראָדוקטן און שטאָפן און גלייכצייטיק באַרעכנט פאַר וויפל מען וועט עס קענען „פאַרקנאַקן״ אויפן מאַרק.

— מיר אַרבעטן נישט שלעכט — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט צו זיינע מיטזיצערס — מיר מוזן אָבער זען צו אַרבעטן בעסער, פּראָדוצירן מערער. עס איז דאָך קריג.

— יעסט — האָבן זיי געענטפערט, און פאַרלאָזט דעם קאַבינעט.

**
*

אַפאַנאַס האָט אָנגעלייגט זיין וואַגאָנדל פול, אָנגעשפּיגן אין די דלאָניעס און רייטנדיק אויפן ביעראָזעוון שטעקן, וואָס האָט געשטעקט צווישן די רעדער פאַר

אַ ברעמזע, זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ צום שלאַבאַן, פונוואַנען מען שיקט אָפּ די וואַגאָנדלעך אין מיל צום צעקלאַפּן די שטיינער אויף קלענערע.

ער האָט אויך נישט פאַרגעסן צוצושפּיליען צום וואַגאָנדל אַנשטאָט איינעם, צוויי נומערלעך פון זיין „זאַבאַי". אונטן, אין פאַבריק וועלן די צוויי מיידלעך, וואָס דרייען איבער די וואַגאָנדלעך אין מאַשין אַריין אַראָפּנעמען די נומערלעך און אויפהענגען זיי אויפן טאָפל. נאָכהער וועט דער שיכט־מייסטער, שאַבאַנאָוו, אויפקלייבן די בירקעס און נאָך צוועלף שעה אַרבעט, וועט אַפּאַנאַס כאַרלאַמפּאָ־וויטש האָבן פאַרטיק 14 טאָן שטיינער, און וועט זיין פאַרצייכנט אין דעם טאָג־ראַפּאָרט אַלס „סטאַכאַנאָוועץ".

— אַז כ'וועל האָבן גליק — טרוימט ער — וועל איך באַקומען אַ וואַטענע פופייקע אויפן מלוכה־פּרייז...

דאָס אייגענע האָט נישט פאַרפעלט צו טון וואַסיע סיניעלניקאָוו, און אַליעוו פון 12טן „זאַבאַי"...

פון 5טן „זאַבאַי" איז אַנגעפאָרן אַ לאַנגער בחור רייטנדיק אויף נאָך אַ לענגערן שטעקן, וואָס האָט געהאַמעוועט דעם וואַגאָנדל. ביים שלאַבאַן האָבן זיי זיך באַגעגנט:

— וואַסיע, די וויפלטע?

— די צענטע.

— גרויסע שטיינער זענען היינט ביי מיר...

— האָסט געהערט, אין 14טן „זאַבאַי" האָט אַ פערד צעבראָכן אַ פוס...

— לאַדנאָ, וועט מאָרגן זיין פלייש אין סטאָלאָווע...

אַרום עלפטן חודש האָבן די באַריכטן פון די פאַבריק־מייסטערס, וועמענס בריגאַדעס עס האָבן געאַרבעט אין צוויי שיכטן, געוויזן אַן איבערפּראָדוקציע פון 100 וואַגאָנעס געהאַקטע שטיינער.

דאַן האָט דער פּאַרטיי־אַקטיוו באַשלאָסן צו לאָזן וויסן וועגן דער דער־גרייכונג אין מאָסקווע...

צוערשט זענען אָנגעקומען די פּרעמיעס אין פאָרעם פון ספּעציעלע אָרדנס, צו באַקומען פּראָדוקטן אין די ספּעץ־מאַגאַזינען פאַר הויכע פּאַרטיי־פונקציאָנערן און מלוכה־באַאַמטע.

שפּעטער האָבן זיך באַוויזן די וואַגאָנעס פון טשוסאָווייער מעטאַל־זאַוואָד אָפּצונעמען די שטיינער, וועלכע זענען נייטיק צום שמעלצן.

געלעבט הינטער קראַטן

די בונקערס, פון וואַנען מען פאַרלאָדט די שטיינער אין וואַגאָנעס, זענען געווען ליידיק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

סערגיי דאַלינקאָווסקיס שפּיציקע וואָנצן האָבן זיך אָנגעכמורעט, און זיינע קאָלירלאָזע אויגן האָבן געקוקט אויף מיכאַילאָוון.

— נאַדולי נאַס... (מ׳האָט אונדז אָנגעפייפט...).

מיכאַילאָוו האָט געפּויקט נערוועז מיט די פינגער אין דעם גלאָז אויפן שרייבטיש און צוגעגעבן:

— יאָ, אָנגעפייפט. פּריאַמאָ סאַבאָטאַזש.

— אַריינזעצן קען מען קיינעם נישט...

— קלאָר. מען וועט אונדז נישט געבן קיין נייע מענטשן צו דער אַרבעט...

— עפּעס דאַרף מען דאָך טון?!

— מען וועט שוין עפּעס מאַכן...

אַז דער פּאָטאָרג מ. מ. מיכאַילאָוו האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, איז סערגיי דאַלינקאָווסקי געווען זיכער, אַז דער וועט שוין עפּעס צוקלערן און וועט געפינען מענטשן, וואָס זאָלן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט...

***

מיכל האָט געהערט צו די מענטשן וואָס קענען נישט מיט ציין און נעגל זיך וואַרפן אויפן לעבן און רייסן פון אים שטיקער, ווי אַ הונגעריקער, וואָס רייסט שטיקער פון ברויט, כדי זיך צו דערהאַלטן; ער געהערט אויך נישט צו די וואָס קענען אַרומגיין דאָס לעבן מיט ווייכע, קעציש טריט, כדי פון דער זייט צוצושפּרינגען, איינקלאַמערן זיך און מיט כוח אָנהאַלטן זיך אָן לעבן, אַפילו ווען מען דאַרף אַריבערשפּרינגען איבער לעבעדיקע, מענטשלעכע קערפּערס.

אויפן שאַכפעלד פון לעבן איז ער געווען נישט מער ווי דער הילצערנער פערד, וואָס שפּרינגט אום אויפן פאַרויס אָנגעצייכנטן וועג, געפירט מיט דער האַנט פון גורל. דער הילצערנער פערד ווייס גענוי זיין ציל — דערפירן צום זיג איבערן קעניג — אָבער ערגעץ ווו אין די שלאַכטן, פאַרן ענטגילטיקן מיט, פאַלט ער געווינלעך אַוועק.

און מיכל האָט זיך געלאָזט פירן פון גורל. דאָס איז געווען אַ צוזאַמענגעהעקלטע קייט פון צופאַלן, פון פּאַרויסמאַרש און ריקצוג. דער הילצערנער שאַכפערד האָט אויסגעהאַלטן אין שווערע מאָמענטן, ווען עס האָט זיך געדוכט אַז פון אַלע זייטן ווערט ער פאַרפאַלגט פון פיינטלעכע אָפיצירן, פויערים און טורעמס. אַז קיין צוריק איז נישטאָ און ער וועט מוזן פאַלן אין איינער פון די שלאַכטן אויפן ווייסן קוואַדראַט־פעלד, כדי צו באַפרייען דעם פלאַץ פאַר עמעצן אַנדערש. עס האָט אויסגעזען, אַז די גאַנצע שלאַכט גייט נישט פאַר צושטיקן דעם מעכטיקן קעניג צום וואַנט, און זאָגן אים דעם ענטגילטיקן, טריומפירנדיקן: מאַט, נאָר אַלע כוחות האָבן זיך קאָנצענטרירט צו פאַרניכטן דעם קליינעם שאַכפערדל, וואָס איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל און געהיט זיין פּאָזיציע.

אין לעצטן מאָמענט אָבער האָט דער געניאַלער שאַכשפּילער, דאָס לעבן וואָס איז פול מיט דערפינדערישע קאָמבינאַציעס, מיט אומאויסשעפּלעכער חכמה, מיט אומדערוואַרטע געגנג, אָט דאָס לעבן האָט געמאַכט איין קליינעם, אין פלוג אומנויטיקן צוג, און מיכל, דער פשוטער שאַכפערדל, איז אַרויס גאַנץ פון די אַלע שלאַכטן און האָט געזען ווי די גרויסע שפּיל ווערט פאַרענדיקט...

דערווייל אָבער, איז דאָס פערדל געווען אין דער גרויסער שלאַכט — פאַרן לעבן...

**
*

פאַר דער פאַרוואַלטונג פון זאַוואָד איז מיכל געווען אַ ביין — נישט אַראָפּצושלינגען, און נישט אויסצושפּייען.

— אַמלייכסטן — האָט געזאָגט דער פאַרטאָרג מיכאַילאָוו — וואָלט געווען מען זאָל אים אָפּלאָזן, און פּטור...

מיכאַילאָוו איז געווען אַ געזונטער, ברייטפּלייציקער יונגער מענטש, וואָס איז אויפגעוואַקסן צווישן די ברייטע רוסישע סטעפּעס, אין יענע הפקרדיק־הונגעריקע יאָרן, ווען טשאַטעס היימלאָזע קינדער האָבן זיך געוואַלגערט איבער זאַמדיקע שליאַכן, פאַרוויסטע, אויסגערויבטע אָדער אויסגעשטאַרבענע שטעט. איבער וועלכע עס זענען אַדורך מלחמה, בירגערקריג און רעוואָלוציע.

דער באַוווסטער יאַטל צווישן דער מחנה „בעזפּריזאָרנע" (פאַרוואָרלאָזטע) קינדער האָט באַקומען דעם אָפיציעלן נאָמען: מיכאַיל מיכאַילאָוויטש מיכאַילאָוו. אַן עלטערן, אָן אַ סאָציאַלער פאַרגאַנגענהייט.

איצט איז ער געווען פאַרטיי־סעקרעטאַר פון קעמערל ביים זאַוואָד „אוטיאַס".

די אומענדלעכע אוראַלער וועלדער, די קאַלטע שטיינפעלדזן, ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט, האָבן זיין נאַטור נישט געענדערט, אַפילו נישט דאַן, ווען ער איז געוואָרן פּאַרטאָרג.

מיט דער גאַנצער פּשוטקייט פון זיין ברייטהאַרציקער רוסישער נשמה האָט האָט ער געוואָלט איבערגעבן מיכלען די לעבנס־פילאָזאָפיע אויף אַ רוסישער פאַבריק:

— אַמלייכטסטן וואָלט געווען דיר אָפּצולאָזן, און גיי צו אַלדע שווארץ יאָר. מען האָט פון דיר אַ קנאָפּן נוצן. דו עסט אומזיסט ברויט; מאַכסט אַפילו נישט אַ דריטל פון פּלאַן, וועלכן מען לייגט אויף דיר אַרויף. אָפּלאָזן דיר — וועלן מיר אויף דיין אָרט קיין אַנדערן נישט קריגן פון דער דירעקציע. דאָס איינציקע וואָס מיר קענען יאָ טון איז — אַריינזעצן דיר אין טורמע. דעמאָלט דערשיסן מיר צוויי האָזן מיט איין שאָס. מיר ווערן פּטור פון דיר, און מיר קריגן אַריין אַן אַנדערן אויף דיין אָרט, פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג. דעריבער ברודערקע — זע היט דיינע ביינער.

אַ ביסל אַנדערש האָט די פּראָבלעם באַנומען דער באַרג־אינזשעניער קאַראַב־קין. אויך ער האָט זיך באַמיט פון מיכלען צו מאַכן אַ סאָוועטישן מענטשן:

— ביי אונדז, אַז דו קענסט עפּעס נישט, וועלן מיר דיר אויסלערנען.

דו ווילסט נישט אַרבעטן — וועלן מיר דיר צווינגען און אַז נישט — דעמאָלט זעצן מיר איין, און שוין...

ס'קען זיין אַז מיכל האָט פאַרשטאַנען אין וואָס אייגנטלעך עס באַשטייען זיינע פליכטן, פאַר וועלכע ער באַקומט יעדן טאָג זיין ברויט און דאָס ביסל לעבלעכע וואַסער, וואָס טראָגט דעם פּיל צוזאַגנדיקן נאָמען: זופּ.

נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו צווינגען זיין מאָגערן, פון הונגער דערשעפּטן גוף, צו אָנלאָדן די שווערע שטיינער אין די וואַגאָנדלעך. ער האָט אַפילו נישט געקענט מאַכן די אָנשטרענגונג צו צעהאַקן די שטיינער אויף קלע־נערע, כדי עס זאָל זיין לייכטער זיי צו פאַרלאָדן. דעריבער איז דער שווערער האַמער אין זיין „זאַבאַי" געלעגן כמעט ווי אומבאַרירט.

דער מייסטער מאַרקאָוו, אויסהערנדיק די דערקלערונג, אַז מיכל קען נישט צעהאַקן די שטיינער מיטן האַמער, האָט אויפן שטעל אויסגעפונען די סיבה:

— ביסט ווי אַלע ייִדן: וואָיעוואָט בודו, אַ סטרעליאַט ניע בודו...

מיכל האָט דעם פאַרגלייך נישט געקענט באַנעמען:

— וואָס הייסט: קעמפן וועל איך, נאָר שיסן וועל איך נישט...

משה אייזענבוד

**
*

צוערשט האט זיך דער וואלד צוזאמענגעגאסן אין איין טונקל־בלויען, כמעט שווארצן, מאסיוו, וואס האט אויסגעזען ווי א נישט־דורכדרינגלעכע וואנט. דאן איז זיין שאטן געווארן לענגער, לענגער; דער ווייסער שניי איז ברודיק־גרוי געווארן און אויפן האריזאנט האבן זיך אנגעצונדן פייערן.

נישט קוקנדיק אויפן זייגער, וועלכער איז אגב געהאנגען דארט אונטן אין ביורא, האט מיכל געפילט אז נישט־לאנג און די רעלס וועט זיי, די אלע ארבעטער פון אויבן, רופן צו רו, און צום ביסל נאכטעסן — וואס רופט זיך זופ.

די לעצטע שטיינדלעך זענען געפאלן אין די וואגאנדלעך, כדי מען זאל זיי נאך פארן קלונג קענען אפשיקן אין מיל אריין.

אויף די שטאלענע רעלסן, וואס האבן צעשניטן דאס שנייפעלד מיט זייערע שווארצע רוקנס און האבן געפירט צו מיכלס „זאבאי", האט זיך באוויזן א סיל־וועטקע.

— אנצוהייבן די נאכטשיכט איז נאך צו פרי — האט מיכל געטראכט.

מארקאוו וועט איצט צו מיר נישט קומען. ער מאכט דעם חשבון פארן ארבעטסטאג. דער לאנג־דערווארטער רעלסנקלאנג האט זיך צעשאלט.

נאך איידער מיכל האט באוויזן זיך ארומצוקוקן, איז לעבן אים געשטאנען קאראבקין.

— ביזט שוין זע איך פארטיק — מאכט ער שטיל, קוים וואס מ׳דערהערט עס.

— דזוואנאק ביל — ענטפערט מיכל — ס׳האט אפגעקלונגען.

— געקלונגען האט עס פאר אנדערע, וואס האבן די נארמע געמאכט. אבער נישט פאר דיר.

— צוועלף שעה איז ווייניק?

— וועסט אזוי לאנג בלייבן דא, ביז די נארמע וועט ווערן געמאכט...

עפעס האט זיך ווי אפגעריסן אין מיכלען. אלע מוסקולן האבן אויפגעציטערט און זיך איינגעשרומפן פון בלויזן געדאנק:

— כ׳וועל די זופ נישט באקומען! ווייל ס׳וועט זיין שפעט, ווען איך וועל קענען אהיים גיין. און ווער וועט ווארטן אויף מיר? און וואס וועט זיין מיט מיין זופ?!

מיכל האט דעם מאגן א גאנצן טאג באַרויקט מיט דער האפענונג:

— ווי לאנג איז עס פון צוועלף ביז זעקס? עטלעכע שעה אינגאנצן. כאטש

געצויגן האָבן זיי זיך די שעהן ווי פון פעך. און אין לעצטן מאָמענט פון דער האָפענונג צו קענען האַלטן דעם צוזאָג, צו קענען געווינען נאָך איין מינוט — אפשר איין סעקונדע לעבן — ביים ראַנד פון דער האָפענונג, האָט אים אָנגע־כאַפּט די שווערע, שטאָלענע האַנט פון מאַכט איבער הילפלאָזיקייט, אַריינגעלייגט אין דער פוכיקער ליידיקגייערישער הענטל פון באַרג־אינזשיניער.

— וואָס וועט זיין מיט מיין זופּ? האָט פון מיכלען אַרויסגעשריגן.

די פאַרצווייפלונג, אויסגעשריגן מיטן קול פון אַ מענטשן וועלכער שטייט פאַר אַ טיפן אָפּגרונט און אָט־אָט פאַלט ער אַרונטער, נאָר דער מענטש דערלעבן קען אים מיט אַ לייכטער האַנט־באַוועגונג צוריקשטעלן אין גלייכגעוויכט. דאָס איז געווען דער געשריי פאַרן לעבן.

— זופּ? האָט זיך קאַראַבקין צעלאַכט מיט אַזאַ הילכיק געלעכטער, ווי דאָס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט, וועלכע ער האָט ווען עס איז געהערט.

— נישקשה, וועסט נישט פּגרן. אַרבעטן דאַרף מען...

— וויעד או טיעביאַ ראָזשאַ — פּאָכאָט מאָזשנאָ...*) האָט ער צוגעגעבן פילאָזאָפיש, זוכנדיק אַ באַקוועם אָרט זיך צוצוזעצן. ער האָט פּאַוואָליע, מיט דער זיכערקייט פון אַ זאַטן מענטשן וואָס האָט נישט נאָר הנאה פון רויכערן, נאָר אויך דאָס פאַרדרייען דעם ציגאַר, פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן, פאַרדרייט אַ ציגאַר און גענומען רויכערן, צוקוקנדיק זיך צו מיכלס אַרבעט.

קאַראַבקין ווי אַ מאָדערנער פּעדאַגאָג האָט געהאַלטן פון פאַרבינדן טעאָרע־טישע דערקלערונגען, מיט פּראַקטישער אַרבעט; כדי אין סך־הכל צו באַקומען אַ וואָס גרעסערן סכום אַרבעט...

**
*

מיכל איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט ווי געווינלעך. עס איז אים געוואָרן אויפפאַלנד וואָס אין דער פריער שעה זענען אַ ריי בעטן ביי זיין וואַנט ליידיק; און אין באַראַק איז צו שטיל. די בעטן האָבן עדות געזאָגט, אַז זייערע באַלעבאַטים זענען אין איילעניש אַוועק, און איבערגעלאָזט זיי אין אומאָרדענונג.

דער ברייטער הילצערנער קאַסטן וואָס איז תמיד געשטאַנען צווישן מיכלס בעט און ליאַנקעס און איז געווען ליאַנקעס שוסטער־וואַרשטאַט, איז פאַרשוווּנדן. מיכל האָט אים אין אַ ווילע אַרום באַמערקט שטיין לעבן דיאַדיע וואַניעס בעט.

---

*) אויף דיין פּרצוף קען מען אַקערן. זעסט אויס, הייסט עס, געזונט.

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

עפּעס האָט מיכל יאָ געהערט רעדן וועגן „קאָמאַנדיראָווקעס״, אַרויספּאָדע־רונגען, באַנבילעטן... נאָר מיט וועמען דאָס האָט אַ שייכות, און וואָס דערפון וועט אַרויסקומען — דאָס האָט מיכל נישט געוווּסט.

מיטיקצייט, אַז דער סוד איז אַנטפּלעקט געוואָרן, האָט דיאַדיאַ וואַניע גע־וווּסט צו דערציילן מיכלען:

— די פינף חברה־לייט, וואָס זענען געשלאָפן ביי דיין וואַנט, זענען געקומען אַ הער ווי דו, אויף אַ „קאָמאַנדיראָווקע״, פון אַן אַנדער אייזנבאַן־אָפּטיילונג. דאָס האָט מען זיי אויסגעבאָרגט אויף דער צייט, ווען דער זאַוואָד וועט שיקן שטיינער פאַר זייער בויפּראָיעקט. ווייזט אויס אַז די אַרבעט דאָרטן איז פאַרענדיקט, אָדער מען שיקט זיי גלאַט קיין שטיינער נישט...

האָבן יענע געפאָדערט צוריק זייערע מענטשן. נאָר דאַלינקאָווסקי זאָגט:

— ניין, איך גיב נישט...

— וואָס אָבער טוען יענע? מאַכן זיי פרישע דאָקומענטן מיט „קאָמאַנדי־ראָווקעס״, שטעלן אויס באַנבילעטן און שיקן עס איבער אין געהיים מיט אַ קוריער. הייבט די חברה זיך אויף, און מאַכט פּליטה...

— מען קען זיי אַפילו נישט צוריקקערן מיט פּאָליציי, ווייל זייערע פּאַפּירן זענען כשר...

פון דיאַדיאַ וואַניעס דערציילן איז מיכלען קלאָר צוויי זאַכן:

ערשטנס, אַז ער האָט געוווּסט פון דער גאַנצער געשיכטע, פון פריִער. נישט מער, דאָס מאָל האָט ער פאַר פּאַדעיעווען, דעם קאָמסאָמאָליעץ, אַלץ פאַרשוויגן...

און צווייטנס:

ליאָנקעס קאַסטן — דאָס האָט געמוזט זיין די באַלוינונג פאַרן שווייגן.

שטריק...

דער דריטער ווינטער איז געשטאַנען פאַרן טיר. מיכל איז געווען ווי אַ בוים, וואָס לויט אַלע געזעצן פון דער נאַטור מוז עס פאַרוועלקן. די בלעטער, דורך וועלכע דער בוים שעפּט ליכט און וואַרעמקייט, אָפּגעפליקט. די קאָרע, אונטער וועלכער עס פליסן די לעבנסזאַפטן, אָפּגעשיילט. דעם טרוקענעם שטאַם האָבן געגריזשעט די קאַלטע, האַרבסטיקע ווינטן, ווי הונגעריקע הינט גריזשען אַ ביין. נאָר טיף אין דער ערד האָבן זיך וואָרצלען געקלאַמערט, געצויגן די מאַ־גערע זאַפטן — און דער בוים איז געשטאַנען. פאַרבייגייער וואָלטן זעענדיק דעם בוים געלאָזט פאַלן אַ באַמערקונג:

— דעם ווינטער וועט ער נישט דורכציִען...

נאָר מיכלען האָט קיינער נישט באַמערקט. אָן זיינע צעריסענע בגדים איז שוין נישט לייכט געווען צו דערקענען, וואָס זיי האָבן מיט זיך פריִער פאָרגע־שטעלט. הויזן? אַ פּופּייקע? אַ צעפליקטער וואַטעזאַק פון וועלכן עס קוקן אַרויס צויטן? די באָרוועסע פיס פול מיט ציגנגאַ־ווונדן... דער הונגער, וואָס האָט ווי אַ כראָנישע קרענק זיך באַזעצט אין זיין קערפּער, האָט אויסגעזאָגט די לעצטע כוחות. בלויז מיט אַ שטאַרקן ווילן האָט מיכל געקענט צונויפנעמען די מוס־קולן, כדי עפּעס צו טון. אויך דער דאָזיקער ווילן, ווי אַ גייסטיקע אָנשטרענגונג, קומט אים אָן וואָס אַמאָל שווערער... אין דער פּערספּעקטיוו: אַ האַרטער, אומ־רחמנותדיקער ווינטער, אָן אויסזיכטן צו קענען די לאַגע מיט עפּעס וואָס פאַר־בעסערן. מיכל האָט נישט געזען פאַר זיך קיין ציל, פאַר וועלכן עס זאָל לוינען צו קריכן אַפילו אויף אַלע פיר. ער האָט בלויז געזען דעם תהום, אין וועלכן ער וועט פאַלן וואָס אַמאָל טיפער...

עס האָבן אים אָפּטער, נאָגנדיקער, מ'קען זאָגן: מיט דער גאַנצער קאַטעגאָ־רישקייט גענומען מאַטערן די פראַגעס:

— צוליב וואָס לעבן? צוליב וואָס וואַרטן ביז דו וועסט אויסגיין צווישן די אוראַלער פעלדזן, ווי עס גייט אויס אַ וואַנדערער ביים ראַנד פון מדבר־וועג, כדי הונגעריקע שאַקאַלן זאָלן איבער אים מיט אַ געוויין פראַוועון די סעודה?

געמאַטערט האָבן אים די פראַגעס כדי אַרויסצובאַקומען דעם ענטפער, אַ קלאָרן, אויסקריסטאַליזירטן און קאָנקרעטן:

— וואָס הצכנסטו צו טון פאַר דיין מידן קערפער, וואָס דינט פאַרן געפעס צו אויפהאַלטן דעם פונק פון לעבן, וואָס טליעט נאָך אין אים?

נאָר דווקא דערפאַר, וואָס אַלע מוסקולן האָבן איבערגעגעבן דורכן בלוט צום האַרצן און צום מוח די בקשה: רו... רו... און דווקא דערפאַר וואָס דאָס האַרץ האָט אונטערגעזאָגט:

— מיכל, האָב רחמנות אויף דיין גוף, וואָס בענקט נאָך רו... נאָך אייביקער רו... טו עס! — האָט דער מוח, מיט אַ רויקער שטים געלאָזט וויסן:

— קעמפן — אַלץ איינשטעלן, פאַרלירן אָדער געווינען. אויב אַוועקגיין פון דער וועלט איז מיט אַ טראַסק אין דער טיר... און אפשר — טוט אַ געדאַנק אַ בליץ אויף אַ רגע אַ לויכט אויף:

— אפשר וועט מיר דער נאַטשאַלניק באַפרייען, וואָרום בטבע האָט ער פיינט, אַז מען מאַכט אַ צו גרויסן טומל, ווען מען רעדט צו זיין פאַרטיי־געוויסן, אַז ער פירט זיך ווי אַ בעל־גוף, אַ „קולאַק", וואָס עסט און טרינקט, ווען די אַרבעטער הונגערן...

מיכלס דאַרע,ביינערדיקע פינגער האָבן זיך נישט צונויפגענומען אין אַ פויסט גלייך דאָן, ווען דער געדאַנק צו קעמפן איז רייף געוואָרן. טיילמאָל האָט ער אַפילו געהאַט האַלוצינאַציעס, ווי דאַרשטיקע אין מדבר וואָס זעען אָאַזיסן מיט וואַסער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מיטן אָנקום פון ווינטער וועט מען זיך דאָך פאַראינטערעסירן מיט זיין צושטאַנד. אַ מענטש קען דאָך נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, אויפן פראָסט, נאַקעט. און נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַן אַרבעטער, אַ נוציקער מענטש אין דער געזעלשאַפט. העגנט דאָך אין קלוב די לאָזונג: „ביי אונדז איז אַ מענטש טייערער פון גאָלד"...

***

אין מיכלס באַראַק האָט זיך פאַרלאָפן:

דוד לעכטמאַן איז אַ לאַנגע צייט געווען דער בעסטער אַרבעטער אויפן זאַוואָד. אויף די „סטאַכאַנאָווסקי"־טאָוולען איז זיין נאָמען געווען אויבנאָן. אויף

די מיטינגען איז ער געווען די פּערזאָן, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מוסטער. דאָס איז אויך געווען אַ באַווייז, אַז יידן קענען, פּונקט אַזוי גוט, ווי אַנדערע. טאַקע צו די יידן האָט דער פאַרטאָרג אַממערסטן טענות געהאַט:

— איר זעט: לעכטמאַן, אייערער אַ מענטש, און ווי גוט ער אַרבעט. פאַר־וואָס פאָלגט איר נישט נאָך זיין ביישפּיל? איר זענט נישט מער ווי אַ חברה לאָדאַרעס...

זיינע כוחות זענען אָבער געווען נישט מער ווי מענטשלעכע. זיי האָבן זיך גענומען ביסלעכווייז אויסלאָדן. דער פּלאַן האָט אָנגעהויבן צוהינקען. זיין שטערן איז געוואָרן בלאַסער, און ער האָט נישט מער אַראָפּגעשיינט פון די שלאָגלער־פּלאַקאַטן. קיינער האָט נישט געזוכט די סיבות פאַרוואָס עס איז אַזוי. טאָמער האָט עמיצער יאָ געלאָזט פאַלן אַ וואָרט דערפון, איז גלייך, אויפן שטעל, געווען אַ צווייטער צו באַרויקן:

— אָן וועד יעווריי... אַ ייד...

דאָס האָט שוין אַלץ פאַרענטפערט, ווייל דאָס איז געווען דער באַקוועמסטער ענטפער אָנצונעמען. דוד האָט אויסגעזען ווי אַ אויסגעדינט פערד, פון וועלכן מען קען שוין גאָרנישט דערוואַרטן. אין זיין מצב איז ער געשטאַנען ווי מיכל דעם ווינטער פּנים־אל־פּנים. ער האָט נישט געזען קיין אַנדערן אויסוועג, ווי בעטן הילף ביים נאַטשאַלניק.

אין קאַבינעט איז וואַרים און ליכטיק. דאַלינקאָווסקי, אין אַ נייער פופייקע, זיצט ביים שרייבטיש, רויכערט אַ פּאַפּיראָס און קוקט דורך די ראַפּאָרטן פאַר אים איז געשטאַנען דוד:

— איך קען דאָך מיין אַרבעט, חבר נאַטשאַלניק, מיין איבערגעגעבנקייט צום זאַוואָד. וויפל מאָל האָט איר אַליין מיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ ביישפּיל. זעט מיין פופייקע, ס'איז אוממעגלעך אַרויסצוגיין אין איר צו דער אַרבעט...

דאַלינקאָווסקי האָט אויף אים זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט געפּויקט מיט די פינגער אין טיש און גלייכגילטיק אַ זאָג געטון:

— ס'איז נישטאָ. מיר האָבן בילכערע צו באַקליידן...

אין דודן האָט אַלץ אויפגעקאָכט. זיינע אַלע כוחות האָט דער זאַוואָד צוגענו־מען, און איצט אַזאַ גרינגשעצונג: ס'זענען דאָ בילכערע... דוד האָט זיך באַמיט, אַז זיין שטים זאָל זיין וואָס רויקער:

— איר ווייסט וואָס, חבר נאַטשאַלניק, לאָמיר זיך טוישן מיט די פופייקעס.

איר אַרבעט אין ביוראָ ווו ס׳איז סיי ווי וואַרעם — און איך אַרבעט אין דרויסן, אויפן פראָסט...

— לעכטמאַן, איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער חוצפה!!!

צומאָרגנס איז דוד לעכטמאַן געפאָרן קיין טשוסאָווייע — פאַרמשפט אָפּצוזיצן פינף טעג אין גוב־וואַכטע...

***

פון שפיטאָל האָט זיך צוריקגעקערט ניעמאַי אויף הילצערנע קוליעס. אַכט מאָנאַטן האָט עס געדויערט, ביז זיין צעבראָכענער פוס איז זיך צוזאַמענגעוואַקסן, אָבער גיין אויף אים האָט ער נאָך נישט געקענט.

איז ער אַרומגעקראָכן איבערן באַראַק, זו קיין אַרבעט האָט מען אים נישט געשיקט. אויך קיין הילף האָט ער נישט באַקומען...

מיכלס אילוזיעס וועגן דעם מענטשן „וואָס איז טייערער פון גאָלד" זענען זיך צעשוווּמען ווי אַ מיראַזש. ער האָט דערפילט, אַז די צייט צו זאָגן דאָס וואָס ער וויל איז געקומען; און זאָל געשען וואָס עס וויל...

אין איינעם אַ נאָוועמבער־טאָג איז מיכל נישט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַר־בעט. ווען דער ראַפּאָרט פון דער שיכט האָט דערגרייכט אין ביוראָ, און לויט דעם דאָקטאָרס ליסטעס איז מיכל נישט געווען קראַנק, האָט מען אים אַרויסגערופן צום פאַרוואַלטער פון אַרבעטסאַמט.

— איך פאַרלאַנג נייע, וואַרעמע קליידער צו דער אַרבעט. אַנישט — אַרבעט איך נישט מער...

דער דאָזיקער ענטפער האָט אַזוי איבערראַשט דער פרוי, וואָס האָט פאַר־נומען דעם דאָזיקן אַמט, אַז ס׳איז איר פשוט געווען אומגלויבלעך.

— כ׳האָב דיך נישט ריכטיק פאַרשטאַנען. זאָג עס נאָכאַמאָל.

מיט דער זעלבער קאַטעגאָרישקייט האָט מיכל זיין פאַרלאַנג איבערגעחזרט.

— גיי אין באַראַק, כ׳וועל זען וואָס איך קען טון פאַר דיר.

לויט איר טאָן האָט מיכל אָפּגעשאַצט, אַז די דאָזיקע פרוי פּאַסט נישט אויף דעם אַמט צו פאַרוואַלטן מיטן אַרבעטסאַמט. זי האָט אַ פילבאַרן כאַראַקטער, און מענטשלעכע ליידן מאַכן אויף איר אַן איינדרוק. וואַרעם קוקנדיק אויף מיכלען האָט זי באַקומען פייכטע אויגן...

אין באַראַק האָט מען מיכלס האַנדלונג אַזוי אָפּגעשאַצט:

— ביסט משוגע געוואָרן? שטרייקן?

געלעבט הינטער קראַטן

— ברודערקע, אַ שטרייק איז געגליכן צו זעלבסטמאָרד...

— ווי אַזוי קען דיר איינפאַלן צו טון אַזאַ מין זאַך? ווי גערעכט דו זאָלסט נישט זיין, מחוץ ענדיקן מיט טורמע...

נאָר אַז מיכל האָט אָנגענומען אַ פולן מויל מיט וואַסער און געשוויגן, האָבן זיך זיינע מיטווינער איבערגעוואָרפן מיט בליקן וואָס זאָגן:

— מילא, מען זעט דאָך, אַ פאַרלאָרענער מענטש...

אַזוי האָבן זיי געקוקט אויף אים, ווי אויף איינעם וואָס וועט היינט, מאָרגן פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך...

מען האָט מיכלען גערופן צום נאַטשאַלניק. ער האָט אָנגעהויבן, פונקט ווי ער ווייס גאָרנישט און איז אַפילו נישט פאַראינטערעסירט. נישטמער, ער וויל וויסן:

— פאַרוואָס ביזטו נישטאָ ביי דער אַרבעט?

האָט מיכל זיך נישט געפוילט און קורץ דערקלערט:

— אַז דו וועסט מיר אויסשרייבן נייע, וואַטענע מלבושים — וועל איך גיין אַרבעטן.

— דו ווייסט, איך קען דיר נישט פאַרשטיין — ווו מיינסטו געפינסטו זיך?

— האָט דער נאַטשאַלניק נאָך אַלץ געפרווט רעדן אין זיין טאָן.

— איך ווייס גענוי — זאָגט מיכל — און טאַקע ווייל דו ביזט דער נאַטשאַלניק, איז דייך פליכט מיר צו פאַרזאָרגן מיט קליידונג, אַזוי ווי עס קומט מיר...

— עך, דו סוואָלאָטש, דו הורנזון — האָט דער נאַטשאַלניק מיטאַמאָל געענדערט דעם טאָן — וועסט אין טורמע פאַרפוילט ווערן. וועסט פגרן אין לאַגער ווי אַ הונט. האָסט שוין געזען ווי עס זעט אויס אַ לאַגער? אין פאַרשיקונג וועסטו אַרבעטן אין וואַלד, וועסט שניידן קלעצער; וועסט נישט קענען? אַ פּאָר פריקלאַדן וועלן דיר שוין וויזן, אַז דו וועסט יאָ קענען...

מיכל איז געבליבן קאַלט. דאַלינקאָווסקיס רייד וועגן די גרויזאַמקייטן פון לאַגער, פון פאַרשיקונג, האָבן אים נישט גערירט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז גרייט צו ווערן פאַרשיקט אין אַ וויסטער טייגע, אַבי נישט צו דאַרפן אָנקוקן די שפּיציקע וואָנצן פון נאַטשאַלניק און דעם פאַרשאָלטענעם זאַוואָד.

מיכל האָט געהאַלטן פאַר זיין בירגערלעכן חוב אויפצוקלערן דעם נאַטשאַלניק:

— די טורמע, חבר נאַטשאַלניק, איז פאַר מענטשן. חבר לענין איז אויך געזעסן אין טורמע. דאָרטן, האָף איך, וועט מען זיך צו מיר מענטשלעכער באַציִען ווי איר דאָ.

— דאָס וועט מען נאָך זען — האָט אויסגערופן דאַלינקאָווסקי און געהייסן מיכלען גיין.

די פּאַרוואַלטערין פון אַרבעטסאַמט, אײדער זי האָט, אויפן באַפעל פון נאַ־טשאַלניק, אונטערגעשריבן דעם אַקט וועגן מיכלס טאַט, האָט נאָך געפּרוּווט עפּעס טון פאַר אים.

מיכל האָט איר פאַרגעלייגט אַן אויסוועג פון דער לאַגע:

—גיט מיר אורלויב אויף צוויי חדשים און אַ באַנבילעט, וועל איך צוריקפאָרן קיין אַזיע. איר זעט דאָך אַליין, אַז קיין כּוח צו אַרבעטן האָב איך נישט.

פון נאַטשאַלניקס קאַבינעט איז זי אַרויסגעקומען מיט רויטע, פאַרוויינטע אויגן:

— ער איז האַרט ווי אַ שטיין — האָט זי טרויעריק געזאָגט צו מיכלען. — זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין. ביזט מיר ווירקלעך אַ שאָד, נאָר איך אַליין בין דאָ אַ פרעמדע, אַן עוואַקוּירטע...

צען טעג איז מיכל געלעגן אויף זיין בעטל. אין די באַשטימטע שעהן געגאַנגען אָפּנעמען דאָס ברויט, עסן די זופּ, און ווידער ליגן אויפן בעטל.

מיכלס טאַט איז ווי אַן אָנשטעקנדיקער באַציל געפאַלן אויף אַ גינסטיקן באָדן. אויף דער זעלבער מדרגה ווי ער, זענען געווען אויך די מאָביליזירטע רוסן אין אַנדערע באַראַקן. דעריבער האָט עס זיך שנעל פאַרשפּרייט, און אין יעדן באַראַק זענען וואָס אַ טאָג מער מענטשן געבליבן ליגן אויף די בעטלעך...

מיכלען, דעם פאַרשפּרייטער פון אָנשטעקנדיקע אידעען, האָט מען אָפּגעפירט צום פּראָקוראָר.

ס'האָט געקנאַקט דער פראָסט, ווען מיכל, אין דער באַגלייטונג פון מייסטער מאַרקאָוו, זענען אַריין אין קאַבינעט פון מיליטערישן פּראָקוראָר. דורך די פענצטער האָט מען גאָרנישט געקענט זען. זיי זענען דיק פאַרוואַקסן מיט פראָסט און איינ־געשמידט אין אייז.

מיכל האָט פאַנאַנדערגעקנעפּלט די צעפּליקטע פופייקע און דער פּראָקוראָר האָט דערזען אַ נאַקעטן סקעלעט איבערגעצויגן מיט הויט, וואָס איז בלוי געווען פון קעלט. זיינע בליקן זענען געפאַלן אויף מיכלס פיס איינגעוויקלטע אין שמאַטעס, און אויף די צעפּליקטע לאַפּטשעס.

— ווילסט גיין צוריק צו דער אַרבעט? — האָט געפרעגט דער פּראָקוראָר.

— ניין. כ'וויל גיין אין דער אַרמיי אַריין!

געלעבט הינטער קראַטן

דער פּראָקוראָר האָט זיך פאַרטראַכט. מיכל האָט געהאַט דאָס געפיל אַז זיין אויסזען האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויפן פּראָקוראָר.

— וואָרט צו אין פּאָדערצימער — רופט ער זיך ענדלעך אָפּ צו מיכלען.

— מיין גורל איז געחתמעט — ווערט מיכלען קלאָר. — מאַרקאָוו וועט מיר שוין ריכטיק פאַרשטעלן...

מיכל הערט דעם טעלעפאָן קלינגען. אין עטלעכע מינוט אַרום באַווייזט זיך אין טיר אַ מיליציאָנער. ער מעסט אָפּ מיכלען פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ בליק פון איינעם וואָס פאַרשטייט נאָך וואָס מען האָט אים אַרויסגערופן.

— דו גייסט מיט מיר — מאַכט ער קורץ צו מיכלען.

זיי זענען אַרויס אין דרויסן...

אין קיזעלער תפיסה

דער „קאַלענדאַר“ פון סאָוויעטישן בירגער — דאָס ברויט־קאַרטל — האָט געוויזן: דעצעמבער 1943. ס'איז אַ ברענענדיקער פראָסט, פון וועלכן ס'ווייסע לייב פון ביעראָזעס פלאַצן מיט אַ טויבן קנאַל.

אוראַל — וואָס איז אַ מין סיבירער פאָרשטאָט — איז דעצעמבער שוין העט ווייט אַריין אין ווינטער.

די שטאָט קיזעל, וויכטיקער אוראַלער באַן־קנופּ אויף דער ליניע סווערד־לאָווסק־סאָליקאַמסק־מאָלאָטאָוו, איז איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל, וואָס באַ־דעקט אַלץ מיט זילבערנע פראָסט־שטערנלדעך.

אָבער דאָס אַלץ איז אין דרויסן.

אין דער אַכטער קאַמער פון קיזעלער תפיסה, וווּ האַרט נעבן סופיט ביי דעם קליינעם, פאַרקראַטעוועטן פענצטערל הענגט אויך אַ נעפּל פון אויסגעאָטעמטער לופט, שווייס פון מענטשלעכע לייבער פאַרוויקלט אין שמאַטעס, וואָס ליגן צעוואָרפן איבער דער הילצערנער פאָדלאָגע און כראָפּען; איינגעגנורעט אין דער אייגענער וואַרימקייט ווי אַ קאַץ אין איר פעל. די טונקעלע קאַמער און דער געשטאַנק פון הילצערנעם קובל, וואָס שטייט אין ווינקל און הייסט „פּאַראַשע“, דאָס איז די היים פון אַ פּאָר צענדליק מענטשן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

דוכט זיך, אַז אַלץ שלאָפט, ווי אין היימישן, וואַרעמען בעט אַזוי זיכער און רויק. נאָר אָט האָט זיך ערגעץ אויפן ווייסן קאַרידאָר עפּעס אַ ריר געטון, ווי מען וואָלט געשאַרט אַ הילצערנעם צעבער איבערן בעטאָן. און שוין איז דאָס שנאָרכען ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן. צענדליקער אויערן הערן זיך צו צום שאָרך.

— קיפּיאַטאָק!

אַ היפּשע ווײַלע פּריִער, אײדער מען עפנט די טיר צום פרישטיק, זיצן די אַרעסטירטע ווי געלערנטע הינטלעך, וועלכע מאַכן „סלוזש", אַרום די ווענט און שווײַגן. אַלעמענס חושים זענען אָנגעשטרענגט. אַלעמענס אויגן אָנגעצילט צו איין פּונקט. אָט עפנט זיך די טיר פון קעגנאיבער, באַלד אַ צווייטע און אַ דריטע. עס גרילצן שלעסער. עס סקריפּעט דער פּראָסט אויף די זאַוויעסעס — ענדלעך. די טיר פון דער אַכטער קאַמער. ווי אויסגעלערנטע הינטלעך קוקן אַלע צום דיזשורנעם. און יעדערער בעט אין האַרצן זײַן גאָט, ס'זאָל אים אַרײַנפאַלן אַ „גאַרבושקע" *) וואָס זאָל זײַן דווקא מיט אַ צולאָג שטיקל ברויט, צוגעשפּילעט מיט אַ דין העלצל.

שפּעטער שעפּט מען מיט לײַמענע שיסלען פון הילצערנעם צעבער הייס וואַסער — קיפּיאַטאָק. אַלע זענען פּאַרטון אין עסן די פּאָר הונדערט גראַם נאַס, שוואַרץ ברויט מיט זאַלץ — יעדערער אויף זײַן שטייגער, כּדי די פּאָר מינוטן פון עסן אויס־ציִען, מאַכן לענגער. קײַען... קײַען...

שפּעטער הענגט איבער דער קאַמער דער שענסטער טרוים פון הונגעריקע מענטשן — דער טרוים פון אַ גאַנץ לאַבן ברויט...

דער פרישטיק איז אַריבער. אַ ביסל קאַלט וואַסער בלײַבט שטיין אין צעבער — לזכּרון. אויך די „פּאַראַשע" האָט מען אויסגעליידיקט, זי זאָל ווידער קענען באַ־דינען די פּאָר צענדליק מענטשן דורכן מעת־לעת. דורכן פּאַרקאַטעוועטן פענצטערל, וועמענס מאַטעווע גלאָז איז סײַ ווי פאַרקאָוועט פון דרויסן מיט פּראָסט, רײַסט זיך דורך אַ דין פּאַסעקל ליכט. אַ פּאַרבלאָנדזשעטער זונענשטראַל. דאָס מאַכט אַביסל רירעוודיקער דעם עולם. דערמאָנט מען זיך, אַז כאָטש דאָס געזעץ האָט איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט, און כאָטש ערגעץ אין פּראָקוראָרישע קאַנצעלאַריעס וואַרעמען זיך די אַקטן אײדער דער ריכטער נעמט זיי אין האַנט אַרײַן, — אַז מען איז אַ לעבעדיקער מענטש און מען דאַרף פּאַרויכערן. הייבט זיך אָן אַ פּראָצעדור, וואָס ווערט איבערגעחזרט עטלעכע מאָל אין טאָג:

— פּאַטרוסים רעביאַטאַ? — (לאָמיר חברה „אויסטרייסלען").

אַלע, ווער עס האָט נאָר ערגעץ אַ קעשענע, דרייט מען איר אויס אויפן לינקן זײַט און מען זוכט קערנדלעך מאַכאָרקע, וואָס האָבן זיך ווו נישט איז פאַרוואַלגערט. און כאָטש מען טרייסלט שוין צום וויפלסטן מאָל, געפינט מען נאָך תּמיד עטוואָס

---

*) אַ שטיקל ברויט מיט אַ „הערבל". נישט פון מיטן, נאָר פון זײַט, אַ „צוגעבאַקט".

געלעבט הינטער קראַטן

עס זאָל סטייען אויף אַ פּאַפּיראָס, איינגעדרייט אין אַ שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר. פאַר־טיק געוואָרן מיטן פּאַפּיראָס, וואַקסט אויס אַ פרישער פּראָבלעם — פייער.

אייגנטלעך זענען שוועבעלעך און טאַבאַק דערלויבט צו האָבן, נאָר מען קען עס קוים קריגן אויף דער פריי — און ווער וועט עס אַריינשיקן אין טורמע?

אויף אַרויסצוקריגן פייער, איז אין יעדער קאַמער דאָ אַ ספּעציאַליסט. פאַר זיין אַרבעט קריגט ער אַ צוויי „צי" פון אַ פּאַפּיראָס, וואָס כאַטש צונויפגענומען איז ער פון אַלע, וועלן אים רויכערן נאָר די „בלאַטע".

— מאַליי, פייער!

מאַליי הייבט אָן אויסצוטאַפּן אַלע פּופּייקעס, ביז ער דערטאַפּט דאָס אמתע שטיקל וואַטע. ער מאַכט פון דעם אַ רערל. די גאַנצע קאַמער וואַרט מיט שפּאַנונג:

— וועט ער, אָדער וועט ער נישט טרעפן?

מאַליי נעמט אַ שוך און הייבט אָן וואַלגערן די וואַטע איבערן דיל. דער הויפּט־סוד שטעקט אין דעם, מען זאָל וויסן ווען אויפצוהערן. ווייל פון רייבן שאַפט זיך אַ היץ, און די וואַטע קען פאַרברענט ווערן אָן איין פונק. מאַליי וואַלגערט די וואַטע. פּלוצלינג וואַרפט ער אַוועק דעם שוך, צעררייסט די וואַטע אויף צווייען און פאָכעט מיט די שטיקלעך אין דער לופטן. אינדערמיט פון דער וואַטע בלאָזט זיך פאַנאַנדער אַ פונק און הייבט אָן טליען...

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך באַוויזן אַ קריגס־אינוואַליד. לויט זיין דערציילן, איז ער אַ געוועזענער פליער, און פאַרמאָגט עטלעכע אָרדנס. ער האָט געאַרבעט אין אַ בעקעריי און זיך פאַרפּלאָנטערט אין מיסברויכן. יעדן טאָג האָט ער אויפדאָסניי אָנגעהויבן אַרומרעדן זיין „דיעלע" און געהאָפט אַז מען וועט אים רופן צום פּראָקו־ראָר אויסצופאָרשן דעם פאַל. דאַן וועט ער זיך קענען פאַרטיידיקן און באַווייזן זיין אומשולד. דערווייל זענען אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און קיינער וויל פון אים נישט וויסן, נישט פאָרשן. זיצט ער אַ פאַרביטערטער.

די תּפיסה־לופט האָט אים נאָך נישט דערשלאָגן, נישט געמאַכט גלייכגילטיק צום אַרום. ער פילט, עפּעס מוז דאָ געטון ווערן. ער וויל דערקלערן אַ הונגער־שטרייק.

זאַכאַר, אַ מענטש וואָס האָט דערפאַרונג און „סטאַזש", דערקלערט אים:

— ס'איז אַרויסגעוואָרפן דיין אַרבעט. וואָרים ס'איז נישט מער ווי נאַריש גע־מאַכט זיך. ווייל פאַרשטיין — האָט ער צו אים גערעדט, — אַז זינט 1936 זענען הונגער־שטרייקן פאַרבאָטן...

דער קאַמפּס־לוסטיקער בחור וויל אָבער פון דאָס זײַניקע נישט אָפּטרעטן. דער הונגער־שטרייק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן.

צוויי טעג אין דער אַלגעמיינער קאַמער, ווען אַלע האָבן געגעסן זייער פּייקע, האָט זיך דער בחור נישט צוגערירט. ער האָט געהונגערט. אויפן דריטן טאָג האָבן אים די וועכטער אַרויסגענומען און איבערגעפירט אין אַ קליין, קאַלט קעמערל. פון די ווענט איז גערונען און אין די ווינקלען האָבן געבליט פּראָסט־בלומען. דעם אינ־וואַליד האָט מען צוגענומען זײַן קאָלדרע און מאַנטל, און איבערגעלאָזט מיט זיך אַליין. ער קלאַפּט אין טיר, פּאָדערט דעם פּראָקוראָר, נאָר קיינער הערט נישט.

דריי מעת־לעת איינצל־קאַמער האָבן נישט אַזוי געווירקט, ווי דאָס הילפלאָזע וואַרפן זיך פון וואַנט צו וואַנט. ווי די טויבע אויערן הינטערן טיר, צו אַ מענטש וואָס זוכט גערעכטיקייט. דער גייסט פון פּליער האָט זיך איינגעבראָכן, און ער בעט עסן פאַר די פאַרגאַנגענע טעג. דער וועכטער לאַכט פון אַזאַ פאָדערונג:

— נעכטן איז פאַרפאַלן. מאָרגן, וועסטו שוין קריגן — און מער מאַך זיך נישט צום נאַר.

אַפּאַטיש, צעבראָכן קומט ער צוריק אין דער אַכטער קאַמער און פאַלט אַוועק ווי אַ סנאָפּ אין אַ ווינקל...

**
*

קיין נאַרעס זענען נישטאָ. זיצט מיכל אין זײַן ווינקל אויף דער ערד. דאָס ברויט וואָס ער האָט באַקומען האָט זײַן שכן „ציגאַן" די העלפט צוגענומען פאַר זיך. מער פאַרמאָגט ער גאָרנישט. די וואַטע פון זײַן פופייקע איז אַלט און פייכט — זי טויג נישט צו מאַכן פייער. זײַן היטל איז פון געוואַנט. קיין פּיצל פּאַפּיר איז אין איר נישטאָ, מען זאָל עס קענען רויכערן...

די קאַמער איז ביי זיך נישט געפאַלן. עס וועלן קומען בעסערע געסט.

עס איז לאַנגווייליק. די שעהן פון איין מאָל עסן ביז צום צווייטן קריכן און עס דוכט זיך אַז דאָס זענען נישט קיין פינקטלעך־אויסגעמאָסטענע צייט־אָפּשניטן, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס סיי די אַרעסטאַנטן און סיי די וועכטער פאַרמאָגן גענוג, אַז עס לוינט גאָרנישט נאָכצורעכענען. פון לאַנגווייל, און ווייל מענטשן קענען נישט נאָכאַנאַנד שלאָפן און שווייגן, דערציילט מען זיך געשיכטעס ווו יעדערער באַמיט זיך אויסצומאָלן זײַן פלינקייט, מוט און דערפאַרונג.

דאָס פּערטע מאָל זיצט שוין זאַכאַר. כאָטש זײַנע מאָזאָליעדיקע הענט דער־

ציילן פון אַרבעט, באַשטעטיקן אָבער די זעקעלעך אונטער די אויגן וועגן טונקעלע תפיסה־קאַמערן.

דאָס לעצטע מאָל, איידער ער איז אַריינגעפאַלן, האָט זאַכאַר געאַרבעט אין אַ ווורשטנפאַבריק. איז זיצנדיק אין קאַמער קומט אים אויס, אַז וועגן וואָס מען זאָל נישט רעדן — מוז מען צוקומען צו ווורשט. אָט נעמט למשל בערנווורשט. דאָס איז שוין איינמאָל אַ מאכל...

וואַסיע איז אַ קוכער. נישט מער, אין מלחמה־צייט איז ער אַריבער אויף „סקאַטשקעס״־הויז־גנבות, און זיך פאַרפלאָנטערט. איצט האָט ער צייט גענוג צו פאַרטראַכטן זיך איבער זיין פאַך. נאָר ווייל ער קען נישט פראַקטיש באַווייזן זיינע קוואַליפיקאַציעס, באַנוגנט ער זיך מיט לייענען אַ לעקציע וועגן לעבעדיקע פיש — קאַרפּן, העכט, זייערע אייגנשאַפטן און טעם נאָכן פרעגלען.

נאָך אַלעמען איז זאַכאַר נישט מסכים:

— דאָס אַלץ ברודערקע, זענען באָבע־מעשות. די בעסטע פיש, דאָס איז ווורשט...

„ציגאַן״, דער סאַטראַפּטע פון קאַמער האַלט, אַז דאָס בעסטע אין קריגס־צייט איז זיך צו פאַרנעמען מיט „זשראַניאַ״ און „טראַפקעס״. וואָרים וואָס קען זיין וויכטיקער ווי:

—עסן און קליידער...

פון באַשיידנקייט וועגן לאָזט ער זיין חבר דערציילן דעם פאַרלויף פון אַזאַ אונטערנעמונג:

— אָט שטעלט זיך פאַר אַ קליין חזירל, אַ פּודיקס. — מעסט פעטיע אָפּ מיט בײדע הענט אין דער לופטן, מען זאָל באַשייפערלעך זען זיין גרויס. — ביינאַכט רוקן מיר זיך שטיל אַריין אין שטאַל. אַ חזיר אָבער האָט אַ פאַסקודנע טבע — ער פּישטשעט. פאַרלייגן מיר אים אַ שטריק אַרום האַלדז, און „ציגאַן״ גיט אַ צי — איינס, צוויי — ווייזט ער, פאַרוואַרפנדיק די הענט אויפן אַקסל — און דאָס חזירל הענגט אויף דער פּלייצע און גיט נישט קיין פּיפּס...

**
*

כאָטש מען הונגערט נישקשהדיק, וואַקסן די בערד. פון ערגעץ האָט מען דערטאַפּט אַ ראַזיר־מעסערל, עס איינגעפּאַסט אין אַ העלצל און זיך אָפּגעראַזירט. בײם מיטאָג דערזעט דער וועכטער אויפן טונקעלן פאָן פון קאַמער ווייסע, אויס־געבלייכטע פּנימער.

— אָפּגעבן דאָס מעסער! — באַפעלט ער קאַטעגאָריש.

— אָבער וועד האָט אַ מעסער? — זאָגט ציגאַן, מיטן טאָן פון אַ נעבעכל...

— מען ווייסט שוין די שטיק! אָפּגעבן. אָן קונצן!

— אַז מען האָט נישט, מער נישט. אַ שטיקל בלעך איז עס געווען, אָנגעשאַרפט אָן אַ טאָפּ... — פּרובירט ציגאַן אויפקלערן.

— איר גיט אָפּ דאָס מעסער — וויל דער וועכטער וויסן — אָדער איר בלייבט אָן מיטאָג! — און פאַרהאַקט די טיר...

דאָס עסן פאַרלירן איז אַ צו שאַרפער נסיון.

— וואַרט — שרייט ציגאַן — דאָ האָסטו עס...

***

אויף אַ פרישן גאַסט האָט מען לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. די יוסטיץ, וואָס אַרבעט איבערשעהן, האָט אים צוגעשטעלט.

אַ הויכער, ברייט-פּלייציקער רוס פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק מיט בלויע אויגן. אַן עכטער סיביריאַק. ער בלייבט שטיין אין טיר, וואָס איז צו נידעריק פאַר זיין וווּקס און באַטראַכט די קאַמער פון אויבן אַראָפּ. און אָט איז זיין געשיכטע:

געווען אויפן פראָנט. אַריינגעפאַלן צו די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט. אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט. אַרבעט ווער דערווייל אין אַ קאָלכאָז אונטער פאַליציי-אישער אויפזיכט, ביז עס וועט זיך אויפקלערן:

— פאַרוואָס האָט ער זיך אונטערגעגעבן די דייטשן, און מיט וואָס פאַראַ אויפגאַבע האָט מען אים צוריקגעשיקט? אַז ער איז אַליין אַנטלאָפן גלויבט מען נישט...

זיין געזונטער אָרגאַניזם פאָדערט עסן. פאַרקויפט ווער דעם שאַכטיאָרן-אַנצוג און קויפט ברויט. נאָכער כאַפּט ער אַ ציגל, טעראָריזירט דעם מאַגאַזיניער און נעמט צו צוויי ברויט. ביזן עפנטלעכן פּראָצעס, האָט מען אים פון לאַגער „צו פאַרשן צוריקגעקערטע קריגס-געפאַנגענע" איבערגעפירט אין תפיסה. דערווייל זאָל מען אים אַ ביסל „דורכלופטערן".

דער וועכטער גיט אַ ווונק:

— פּראָפּוסטיטיע יעוואָ — לאָזט אים אַדורך! —זאָגט ער אויפן קול. נאָך זיין ווונק מיינט:

— ס'איז אייך לאַנגווייליק קינדערלעך — טאָ זייט אים מכבד...

געלעבט הינטער קראַטן

דער עולם זיצט רויק, ווי מען וואַלט פון גאַרנישט געוווסט. גיט מען אים אַ פרעג:

— מאַכאַרקע האָסטו? וועלן מיר פאַרדרייען...

קוקט ער אָן די מענטשן מיט די איינגעפאַלענע באַקן, די שוואַרצע רינגען אַרום די אויגן. זיי זעען אים אויס ווי בית־עולם־קאַנדידאַטן. ער זעט נישט קיין אײן לייטישן קעגנער. פילט ער זיך שטאַרק.

— פּגרט אַוועק. איך האָב גאַרנישט צו רויכערן...

אויף דעם האָט מען נאָר געוואַרט.

דער טיש, דאָס איינציקע מעבל אין קאַמער, האָט תיכף צוגעשטעלט זיינע פיר פיס, און מען האָט געגומען „דורכלאָזן" וואַניען. ער האָט געקעמפט ווי אַ לייב, זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. פאַרשטעלט מיט די הענט דעם קאָפּ. אָפּגעשלאָגן אַטאַקעס דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס. פון קאָפּ איז אים צערונען בלוט. אויף אַזאַ אָנגריף פון דער צעקראַכענער חברה האָט ער זיך נישט געריכט. זיי האָבן געשלאָגן מיט כוח, און מיט דערפאַרונג. פון פאַרצווייפלונג הויבט ער אָן קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיר.

— הילף! דיזשורנע עפן — הילף!

דער וועכטער שפּאַצירט אין צווייטן עק קאָרידאָר, כדי ער זאָל גאָרנישט דאָרפן הערן.

קלעפּ שיטן זיך פון אַלע זייטן. אין היץ פון געפעכט פלאַצט ביי אים אַ נאַט פון די וואַטע הויזן, און אַ שטראָם מאַכאַרקע הויבט זיך אָן צושיטן, ווי פון אַ זאַק אַרויס. די פיסלעך פון טיש פליען אין אַ ווינקל און מיט די הענט וואַרפן זיך אַלע אויפן טאַבאַק. מיט אַמאָל האָבן חברה פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין געשלעג. וואַניע האָט איינגעשפּאַרט זיין בלוט, אָבער פאַרלוירן מאַכאַרקע.

— איז וואָס איז וויכטיקער? — ווייסט ער נישט, נאָר קוקט פאַרבענקט ווי אַנדערע רויכערן.

**
*

אין קאַמער דרייט זיך אַרום אַ דאַר בחורל. ער גיט זיך אָן אַלס דייטשער ייִד, וועלכן מען באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש. ער זיצט דאָ לענגער ווי אַלע. דערי־בער איז ער אַ בקי אין די געזעצן. זיין מיינונג וועגן מיכלען:

—דיר וועט מען סיי ווי אין מיליטער נישט נעמען. דו ביסט פון די מערב־געביטן, אַ „זאַפּאַדניק".

צווישן זיך מורמלט מען אויף אים, אַז מען האַלט אים דאָ דערפֿאַר טאָמער וועט ער עפּעס געוווּיר־ווערן, ווייל אויף די אויספאָרשונגען ווילן די „בלאַטע" גאָרנישט זאָגן...

אויפן צענטן טאָג, רופט מען מיכלען צום פּראָקוראָר.

— זאָלסט מיטברענגען צום רויכערן — פאַרזאָגט מען אים פון קאַמער.

כאָטש מיכל רויכערט נישט, פונדעסטוועגן האָט ער געוווּסט צו זאָגן דעם פּראָקוראָר:

— גיב עפּעס צום רויכערן...

— און אַז נישט? איז דער פּראָקוראָר טשיקאַווע.

— ענטפער איך נישט — לאָזט מיכל וויסן.

דאָס איז געווען דער שמועס צווישן מיכלען און דער פּראָקוראָר, וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר שעה. אין צווישן צייט האָט געקלונגען דער טעלעפאָן און דער פּראָקוראָר האָט געשמועסט מכּוח טאַלאַנען, מאַנופאַקטור און פּראָדוקטן. מיכל איז אויך נישט געזעסן לײדיק. ער האָט אויסגערייניקט דעם אַש־בעכער פון די שטיקלעך נישט דערויכערטע פּאַפּיראָסן. דאָס איז געווען נישט פּיל.

עפּעס־וואָס האָט ער פונדעסטוועגן געבראַכט אין קאַמער אַריין צום רויכערן...

דער פּראָצעס...

דורך די אַלע טעג אין קאַמער, האָט מיכל נישט געטראַכט וועגן זיין גורל; וועגן דעם, וואָס אים קען דערוואַרטן אין דער נאָענטער צוקונפט. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס געריכט וועט אים געבן די מעגלעכקייט צו ווערן אַ זעלנער... ביז דאַן — איז די טורמע־קאַמער פאַר אים אַן אָפּרואָרט. כאָטש עסן גיט מען ווייניקער — אָבער דערפאַר האָט ער די פרייהייט — נישט צו דאַרפן אַרבעטן. צו ליגן דעם גאַנצן טאָג אויף דער פּאָדלאָגע און צו הערן די שמועסן...

מיכלס ווידערווילן צו אַרבעט — דאָס איז נישט פוילקייט. דאָס איז דער באַגריף פון פּערזענלעכער פרייהייט.

צווייטנס טראַכט מיכל:

— פאַרוואָס שווייגן די רוסן, די וואָס ווינען אויפן זאַוואָד לענגער, מיט פאַמיליעס אָדער אָן — כאָטש זיי ליידן פּונקט ווי ער האָט געליטן אַפילו נאָך מער, ווייל זיי מוזן זיך צוקוקן אין זייער הילפלאָזן צער ווי זייערע קינדער הונגערן, און מוזן זיך אָנשטרענגען צו מאַכן די נאָרמע. פאַרוואָס רעדן זיי וועגן זייערע נויטן אין דער שטיל, מיט אַ קרעכץ?

אויף די אַלע פאַרוואָסן האָט מיכל געפונען איין ענטפער:

— אַרבעטן אויפן זאַוואָד פאַרזיכערט זיי פון דאַרפן גיין אויפן פראָנט. פּונקט ווי די אַרבעטער, האָט עס געוווּסט דער נאַטשאַלניק. דערפאַר איז ער זיכער, אַז עס וועט אים אַלץ אַראָפּגיין גלאַטיק.

וועגן די אַלע פּראָבלעמען האָט זיך מיכל געקליבן אַ שמועס צו טון מיטן פּראָקוראָר. אַזוי — אויג אויף אויג, „פאַ דושאַם".

נאָר דער פּראָקוראָר האָט געהאַט וויכטיקערע ענינים צו דערלידיקן. ווייל

אַ מענטש מוז דאָך אויך לעבן, אַפילו ווען ער איז פּראָקוראָר... נאָך דעם, ווי מיכל האָט אונטערגעשריבן עטלעכע אַנקעטעס, איז אים קלאָר געוואָרן:

— כאָטש רעדן איז זילבער — איז שווייגן גאָלד... און וואָס מער מען שווייגט, אַלץ געזינטער איז...

ער האָט אויך פאַרשטאַנען:

— דער אייזנבאַן־פּראָקוראָר איז באַשאַפן געוואָרן צו אָפּהיטן די אינטערעסן פון אייזנבאַן־אונטערנעמונגען, און נישט פון עפּעס דאָרט אַ מיכל...

ער האָט אַלע זיינע טענות געקליבן זיך אויסצולייגן פאַרן מיליטערישן טרי־בונאַל. ביים טריבונאַל וועט ער זוכן גערעכטיקייט.

וואָרעם ערגעץ מוז דאָך זיין אַ גרענעץ, אַ דאַמבע צו דעם אַלעם...

מיט די דאָזיקע האָפענונגען האָט זיך מיכל געגרייט צום פּראָצעס. ער איז נישט געווען נאַיִוו צו מיינען, אַז מען וועט אים באַפרייען און צוריקשיקן קיין „אוטיאָס". זאָל אַזוי געשען, וואָלט עס מיכל שטאַרק באַדויערט. ער האָט נישט געפילט קיין חרטה. דאָס איינציקע צו וואָס מיכל האָט זיך געוואָלט דערשלאָגן, איז צו קענען ווערן אַ זעלנער. אַ מענטש מיט אַ ביקס אין דער האַנט איז נישט קיין הילפלאָזער אַרבעטער, צוגעשמידט צום וואַגאָנדל. אויף יעדן פאַל, קען ער פאַר זיין לעבן נעמען אַ פּרייז...

דאָס זענען געדאַנקען, וואָס האָבן אים פון צייט צו צייט געפּרוּווט אַרויספירן פון דעם גלייכגילטיקן צושטאַנד, אין וועלכן ער געפינט זיך:

— וואָרום וואָס איז די נפקא־מינא, ווו אַ מענטש געפינט זיך — ער געהערט דאָך סיי ווי דער מלוכה...

די דאָזיקע גלייכגילטיקייט, דאָס איז געווען די אַנאַסטעזיע וואָס דער לעבן האָט איינגעגעבן מיכלען, ער זאָל נישט אַפּפילן דעם צושטאַנד אין וועלכן ער געפינט זיך. דאָס איז געווען אַ פאַרגליווערטקייט, וואָס באַגרענעצט די גייסטיקע פונקציעס ביז אַ מינימום, און רעזערווירט זיי פאַר דער צייט, ווען זיי וועלן נייטיק זיין...

**
*

דאָס צימערל אין וועלכן מען האָט מיכלען אַריינגעפירט איז קליין, נישט איבעריק זויבער. די ווענט, פון וועלכע דער קאַלך איז אַראָפּגעפאַלן, זענען באַ־דעקט מיט גרינעם שימל. אין מיטן פון דעם דאָזיקן חדר שטייט אַ טיש, צוגעדעקט

מיט אַ רויטע טישטוך. ביים טיש זיצן צוויי מענער אין מיליטערישע קליידער און צוויי פרויען.

מיכל איז געשטאַנען פאַרן מיליטערישן טריבונאַל.

דער סעקרעטאַר האָט געלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט מיט אַ ניגון, וואָס האָט מיכלען דערמאָנט אָן דעם ניגון מיט וועלכן זיין טאַטע פלעגט זאָגן די הגדה, וואָס אַלע האָבן עס נאָך געדענקט פון פאַראַיאָרן, פלעגט ער אַראָפּשלינגען מאָנכע פּאַראַגראַפן.

מיכל האָט גאָרנישט וואָס צוצוגעבן...

די ביזיצערס קוקן אויפן פאָרזיצער פון טריבונאַל, ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און שוין שטעלן זיך אַלע אויף. דער פאָרזיצער, אין מיליטערישן מונדיר מיט די גאָלדענע עפּאָלעטן לייענט דעם אורטייל:

„פאַרלירן די פרייהייט אויף 5 יאָר פאַרביטן דעם אורטייל מיט אָפּשיקן אויפן פראָנט. נישט קאָנפיסקירן דעם פּערזענלעכן אייגנטום".

דער פּראָצעס איז געענדיקט. פאַר די אַלע מחשבות וואָס מיכל האָט דאָ געוואָלט אַרויסלייגן, איז קיין אָרט און קיין אינטערעס נישט געווען. ס'זייניקע האָט ער אָבער אויסגעפירט. ער וועט גיין אין דער אַרמיי. דער לעצטער זאַץ פון אורטייל, וועגן פּערזענלעכן פאַרמעגן, האָט ביי מיכלען אַרויסגערופן אַ שמייכל.

— וואָלט דער געריכט נישט געמשפּט מעכאַניש — האָט מיכל געטראַכט — וואָלט ער אויך געמוזט שמייכלען. וועלכן פּערזענלעכן אייגנטום האָב איך?

אַזוי לאַנג ווי עס האָט געדויערט אויסצופילן די אָפיציעלע פּאַפּירן וועגן מיכלס אורטייל, האָט זיך צווישן מיכלען און דעם פאָרזיצער פאַרבונדן אַ פריינטלעכער שמועס.

— נו, איצט וועט איר גיין אין דער אַרמיי...

— געוויס, איך בין צופרידן.

— איר ווייסט, דער פראָנט גייט אין דער ריכטונג פון ווייסרוסלאַנד. ס'קען זיין, אַז איר וועט נאָך זיין צווישן די באַפרייער פון אייער געבורטשטאָט.

— אַלץ איז מעגלעך...

כאָטש מיכל רויכערט נישט, האָט ער פונדעסטוועגן איינגעדרייט אַ ציגאַר פון לייכטן טאַבאַק, מיט וועלכן דער פאָרזיצער האָט אים מכבד געווען. אין דער באַגלייטונג פון מיליציאַנער — דעם איינציקן עדות וואָס האָט בייגעוווינט דעם פּראָצעס — איז מיכל צוריקגעגאַנגען אין דער תפיסה.

משה איזענבוד

***

נישט מער ווי איין נאַכט האָט געדויערט מיכלס פרייד און דער באַוווסטזיין, אַז שוין מאָרגן וועט ער זיין ציל האָבן דערגרייכט: נישט קיין שקלאַף, נישט קיין אַרעסטאַנט, נאָר אַ זעלנער.

דער מיליטערישער קאָמיסאַר האָט דורכגעקוקט מיכלס פּאַפּירן און דער־קלערט דעם מיליציאָנער:

— זיין אורטייל — איז אורטייל. נאָר נעמען אים אין דער אַרמיי, דאָס קען איך נישט. ער איז אַ „זאַפּאַדניק".

צוריק אין תפיסה, איז מיכל געגאַנגען ווי פון אַ לוויה. נישט מער, דאָס איז געווען זיין אייגענע, ווו ער האָט באַגראָבן זיינע שענסטע טרוימען, זיינע האָפענונגען...

***

זיצט מיכל ווידער אין דער קיזעלער טורמע, אין דער קאַמער נר. 3, די עטאַפּנע. פון דאַנען פירן וועגן אין די לאַגערן, אין דער אַרמיי. זעלטן וועגן אויף דער פריי.

אין קאַמער איז שוין דאָ אַ יונג בחורל, אַ רוס. זיין יחוס ציט ער פון פע־זע־אָ־שולן, וואָס שטעלן צו קוואַלאַפיצירטע אַרבעטער־קאַדרען פאַר פאַבריקן און זאַוואָדן. אָבער נאָך מער — באַוווינער פון די „אויסבעסערונגס־לאַגערן — דורך אַרבעט".

ער האָט אַ לייכטן אורטייל, אַ „דיעטסקי סראָק" — אינגאַנצן 2 יאָר פאַר גנבענען ציגן. אים איז געלונגען און ער גייט צו מיליטער. מאָרגן איז אָבער זונטיק, און וואַרטן מוז מען ביז מאָנטיק — געניסט ער דערווייל פון אומזיסטן האָטעל. ווייל מען קען אים נישט לאָזן זיך אַרומדרייען אין שטאָט, ער קען זיך חלילה „פאַרקילן". דאָ איז ער זיכערער. זאַלבעצווייט איז קאַלט און אומעטיק. צוליב צווייען וועט מען נישט הייצן אין אויוון. נישקשה, נישט קיין גרויסע פּריצים. פרירן זיי. לויפן זיי אַרום איבערן קאַמער, ווילן זיך דערוואַרעמען און טוליען זיך צו איינער צום אַנדערן און פרווון איינשלאָפן.

פאַר האַלבער נאַכט גרילצן די שלעסער און מען לאָזט אַריין אַ גוט־געקליי־דעטן, עלטערן רוס.

געלעבט הינטער קראַטן

אַנגעטאָן אין אַ וואַרעמען פּעלצל און שטיוול, צעשפּרייט ער זיך רחבותדיק אויף דער פּאָדלאָגע. מיכל מיט סאַשקען לאָזן אים נישט שלאָפן.

— דיין „דיעלע" לייג אַרויס. נו, און צום רויכערן האָסטו אַוודאי אויך...

זיי מאַכן נישט קיין טעות. פאַררויכערט מען אַ גוטן טאַבאַק, און מען הערט זיך צו, צו דער געשיכטע:

— פּאַרטיי־מיטגליד פון ניינצענטן יאָר. מאַרשירט אויף ווילנע. היינט אַן אינזשעניער אין אַ קוילנגרוב, נישט וויט פון קיזעל. מען איז בערוהיגט, פאַרשטייט איר — היינטיקע צייטן. האָב איך אַ שטויס געטון אַן אַרבעטער און יענער איז געלעגן אין שפּיטאָל אַ טאָג אַכט. נו — האָט מען מיר פּאַר גאַרנישט, צוגעמשפּט אַ פינפערל.

— אַ סוואָלאָטש — טראַכט מיכל — וועסט מער נישט שלאָגן קיין מענטשן.

דאָס געזעץ נעמט זיך דאָך אַן פּאַרן אַרבעטער.

נאָר ער זאָגט גאָרנישט. דאָ אין קאַמער איז דער אינזשעניער העפלעך:

— אָ, ביטע, נאָך טאַבאַק, שוועבעלעך...

דער וועכטער קוקט אַריין דורכן „וואָלטשאָק" און הייסט שלאָפן. דער אינזשעניער, פאַרמאַטערט פון אַ גאַנצן טאָג, דער פּראָצעס, די אויפרעגונג, איינגעוויקלט אין וואַרעמען פּעלץ, שלאָפט ער איין.

די קאַמער ווערט פולער. דאָס געריכט אַרבעט אין קריגס־טעמפּאָ און שטעלט צו אַלץ פרישע אַרעסטאַנטן. זיי קומען און גייען אויף עטאַפּ. ווער צו מיליטער, ווער אין די לאַגערן. טייל בלייבן ווייטער זיצן.

עס קומען דירעקטאָרן פון שאַכטן איינהאַנדלען מענטשן צו דער אַרבעט. פּירט מען מיכלען און די אַנדערע אַרעסטאַנטן אַרויס אין קאָרידאָר האַלב־נאַקעטע. די דירעקטאָרן באַטראַכטן די איינגעפאַלענע זייטן, די ביינער — אויף וועלכע עס איז אַנגעצויגן אַ בלויע, דורכזיכטיקע הויט. זיי קוקן מיט ביטול, שאָקלען מיט די קעפּ און גייען אַוועק, ווי זיי וואָלטן זאָגן:

— וואָזשנע סחורה — האַלט זיי פּאַר זיך!

נאָך פינף טעג זיצן אין קאַמער, רופט מען דעם אינזשעניער ווידער. אייגנטלעך, האָט מען אים יעדן טאָג געפירט צום טורמע־נאַטשאַלניק.

— מען ווייסט — האָט די קאַמער געשמועסט — ער עסט דאָרט מיטיק, כדי אין קאַמער זאָל עס „שפּאַנאַ" נישט אַוועקנעמען.

אָבער דאָס מאָל געזעגנט ער זיך. ער גייט אויף דער פרײ. זײן זייף — דאָס איינציקע שטיקל אין דער גאַנצער טורמע — שענקט ער דער קאַמער.

— מען פאַרשטייט די זאַך — מאַכט זאַכאַר, וואָס האָט שוין אויך באַוויזן צו קריגן אַ „פּינפּער" און אַריבערצוואַנדערן אין דער עטאַפּנער קאַמער — געלט איז דאָ, און אַ כוואַצקע ווייבל איז אויך דאָ, וואָס איז, מ'שטיינס געזאָגט, וועט אַן אַרבעטער אין אַ שאַכטע, און וועד רעכנט זיך עפּעס מיט אַ נאַש־בראַט...

— יאָ, אָבער 5 יאָר — וויל די קאַמער נישט נאָכגעבן — ס'איז דאָך דאָ אַן אורטייל פון געריכט און קיין אַפּעלאַציע איז אויך נישט געווען.

— עך ווי — זאָגט זאַכאַר — „זאַקאָן דוראַקאַם נאַפּיסאַל" — אַ געזעץ איז פאַר נאַראָנים אָנגעשריבן... און גיט פיל זאַגנדיק אַ ווונק מיטן אויג...

עטאפ

די צייט איז ביי דער טורמע־אַדמיניסטראַציע איינגעטיילט אין צוויי טיילן: טאָג און נאַכט.

בייטאָג פירט מען אָפּ אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט די וואָס זענען באַשטימט פאַר דער אַרמיי; און ביינאַכט שיקט מען אַוועק די — וועלכע זענען באַשטימט פאַר די לאַגערן. די דאָזיקע פּראָצעדור איז אין איינקלאַנג מיטן פאַרקער־פּלאַן פון די צוגן, און מיט דעם אַרבעטספּלאַן פון די ביוראָען. און אויך דערפאַר, אַז די זעלנער, וואָס גייען צום פראָנט זאָל מען וואָס מער אָנזען, און די אַרעסטאַנטן־קאָלאָנעס, וואָס וויניקער. מיכלס אָפּטראַנספּאָרטירן האָט זיך פאַרשלעפּט. זיין אורטייל איז צוריק געגאַנגען אין טריבונאַל. דער טריבונאַל האָט באַוויליקט:

— נו מילא, אַז מען נעמט אים נישט אין דער אַרמיי, טאָ זאָל ער די פינף יאָר אָפּקומען אין לאַגער.

מיכל איז באַשטימט אויף עטאַפּ. מען וועגט אים נאַקעט אָפּ.

— פּונקט ווי איך וואָלט פאַרלאָזן אַ פּענסיאָנאַט... — טראַכט מיכל.

יעדערער באַקומט אַ שטיק וואַרעם ברויט אין האַנט, דעם „עטאַפּני פּאַיאָק" און די תפיסה־טויערן שליסן זיך הינטער זיי. די גרופּע מאַרשירט דורכן שטאָט. אַלץ איז שטיל און איינגעהילט אין שניי. דאָס פּרעסטל סקריפּעט צום טאַקט פון די טריט. אין די פענצטער שימערט דאָס ליכט דורך די וויטראַזשן פון זילבער־בלומען, וואָס בליִען אין פראָסט.

וועגן זיין אורטייל מיינט מיכל:

— פינף יאָר איז דאָך נישט אייביק. מען וויסט כאָטש אַ טערמין...

אין קאַמער איז מיכל געוואויר געוואָרן:

— ס'איז בעסער דאָס ברויט באַלד אויפצועסן, און נישט מיטנעמען עס אין

וואַגאָן אַריין. דאָרטן זענען דאָ צופיל בעלנים אויף אים. גייט ער און קייט; און קייענדיק גייט זיך עפּעס פּריילעכער אין אַ ביינאַכטיקער שטאָט.

אַז מען קומט אָן אויף דער סטאַנציע, האָט שוין מיכל פאַרבאַהאַלטן דאָס ברויט אויפן זיכערסטן אָרט. מיט נייגער באַטראַכט ער די וואַגאָנעס, וואָס זעען אויס אין דרויסן ווי אַ פּאַסטצוג. גרינע וואַגאָנעס מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטער. די דאָזיקע וואַגאָנעס זענען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען: „סטאָליפּינסקע״.

מיכל דערמאָנט זיך אַ בלעטל געשיכטע:

„דעם נאָמען האָבן זיי זיך דערוואָרבן ווען אין רוסלאַנד האָט גע־הערשט דער בלוטיקער סאַטראַפּ סטאָליפּין. דאָס איז זיין אומשטערבלעך ווערק. 25 יאָר אָקטאָבער קען עס נישט פאַרענדערן, אויסמעקן. די וואַ־גאָנעס זענען זיין דענקמאָל. אַזוי איז ער אַריין אין דער געשיכטע״.

אינעווייניק — איז אַ לאַנגער קאָרידאָר. די קאַבינעס, פאַרנאַנדערגעטיילט מיט קראַטן, זעען אויס ווי שטייגן אין וועלכע מען פירט איבער אַ צירק־מענאַ־זשעריע. אין יעדער שטייג, אַ באַנק מיט אַ פּאָליצע. אויף איר ליגט די „שפּאַנאַ״; די „טורמע־ און לאַגער־„עליטע״. דאָ קען מען זיך אויסציִען און שלאָפן. מיכל פאַרקלייבט זיך אונטערן באַנק, אויף דער הייצונגסרער. דאָ איז פינצטער און און וואַרעם. קיינער שטערט נישט. דאָס קלאַפּן פון די רעדער וויגט איין. אין וואַגאָן, הערט מיכל, גייט אַ האַנדל. פאַר אַ העמד קריגט מען פון וועכטער אַ שטיק ברויט, אַ ביסל מאַכאָרקע. מיכל האָט גאָרנישט, אויסער:

— זיינע 23 יאָר, און 5 יאָר מלוכה־קעסט. דאָס קען מען נישט אויסטוישן...

**
*

איבער צוועלף שעה, ווי דער „סטאָליפּינסקער״ צוג גליטשט זיך איבער די שטאָליק־גלאַנציקע רעלסן, וואָס זענען באַדעקט מיט אַ דינעם אייזשיכט. ער מיידט אויס פאַרשנייטע וועלדער, געדיכטע טייגעס און שלאָפנדיקע שטעט, וואָס ליגן אונטער אַ דיקן שניי־פּעלץ. זעלטן בלייבט ער ערגעץ שטיין, כדי צו כאַפּן אַ טרונק אָדער אַ פּאַרציע קוילן פאַרן לאָקאָמאָטיוו. קיינער שטייגט נישט אָפּ פון דעם צוג. נאָר אויף יעדן אָפּשטעל קומען צו אַ פּאָר פּאַסאַזשירן, וועלכע מען שטופּט אַריין אין די שוין פּראָפּפולע צעלן. אַנשטאָט קאָנדוקטאָרן באַלעבאַטעווען אין צוג נ. ק. וו. ד.־זעלנער מיט רויטע היטלען און שוואַרצע רעוואָלווערן אויף

לעדערנע רימענס. זיי טוען אויף ווונדער. דאָרט וווּ מען קען שוין קיין נאָדל נישט דורכשטופּן אין דער צעל פּאַקן זיי אַריין נאָך אַ צוויי־דריי מענטשן:

— עס זאָל איך נישט זיין אומעטיק...

פאַרנאַכט לאָזט דער צוג אַרויס אַ לאַנגן פייף, אָטעמט טיף און לאַנג אָפּ, גיט זיך אַ וויג הין און צוריק אויף זיינע רעסאָרן און בלייבט שטיין.

מיטאַמאָל קלאַפּן ביקסן־קאָלבעס, בלאַנקענדיקע מעסערס פינקלען און אַן איזיק־קאַלטער ווינט רייסט זיך אַריין צווישן די צונויפגעשמאָלצענע לייבער.

— דאַוואַי נאַ וויכאָד! ברילט אַ קאָמאַנדע. — אַרויס פון די וואַגאָנעס!

דער קאָנוואָי, וואָס האָט באַגלייט דעם צוג, גיט דעם טראַנספּאָרט איבער אַ צווייטן קאָנוואָי, און דער וועט אים ברענגען אין טורמע אַריין.

די שטאָט מאָלאָטאָוו, די סטאַנציע — פּערעם 2. אין די צאַרישע צייטן האָט די שטאָט געהייסן פּערעם. זי איז דער טויער צו סיביר און ליגט ביים ברעג פון טייך: קאַמאַ, וואָס פאַרבינדט איר אויפן וואַסערוועג מיטן גאַנצן לאַנד.

דער עולם איז שוין אין דרויסן. דער פּלאַץ איז אַרומגערינגלט מיט אַ גע־דיכטן קאָרדאָן נ. ק. וו. ד.־זעלנער, וואָס האַלטן דאָס געווער גרייט צו שיסן. עס פאַלט די קאָמאַנדע:

— סאַדיס! (זיך זעצן!).

דער טיפער שניי איז ווייך. מען זעצט זיך אויס. דאָס איבערגעבן דעם טראַנס־פּאָרט גייט צו לאַנגזאַם. באַאַמטע אין רויטע היטלען לויפן אַרום. זיי מישן פּאַפּירן אין טאָוולענע פּאַפּקעס און זוכן אויס ליסטעס, מען ציילט. איין מאָל איז דאָ איינער צופיל. דעם צווייטן מאָל, פעלן עטלעכע. מוז יעדערער אָנרופן זיין נאָמען, פאַמיליע, פּאַראַגראַף לויט וועלכן מען האָט אים געמשפּט און אורטייל. איינער קוקט נאָך אין די פּאַפּירן צי אַלץ שטימט. עמעצער האָט פאַרפּלאָנטערט מיטן צונג. הייבט מען אָן דאָס ציילן פונדאָסניי.

מיכל פילט נישט מער זיינע גלידער. פאַרשטייפט, ווי שטיקער האָלץ וואָלט ער געהאַט און נישט קיין פיס. עס ווערט טונקל. דער פראָסט בייסט אומרחמנות־דיק. ענדלעך איז דאָס ציילן פאַרענדיקט. אַלץ שטימט. די „נייע" באַלעבאַטים פירן דעם עטאַפּ איבער פּערעם. דאָס איז די גרעסטע אוראַלער שטאָט. אַן אינ־דוסטרי־צענטער. מיכל זעט די גאַסן ווי דורך אַ נעפּל. אַפילו דער בליק איז שוין געפרוירן, און בלייבט הענגען אויף די ווייסע אויגן־לעפלעך.

פאַרן תּפיסה־טויער בלייבט מען שטיין. אַ לאַנגע צייט געדויערט ביז עס

הייבט זיך ענדלעך אָן דאָס איבערציילן. ווידער נאָמען, „סטאַטיא״ און אורטייל.ביים שיין פון אַ נאַפּט־לאָמטערן דערזעט דער וועכטער נישט גענוי ווי עס שטייט געשריבן, און הייבט אָן אויפסניי איבערפרעגן.

אין נאַכטיקן דרויסן האָט זיך צעשפּילט אַ שניישטורעם. די וויוגע רייסט פון מיכלען די פּופּייקע און דער שניי פּאַלט אויפן הוילן לייב און צעגייט. דאָס וואָסער רינט טראָפּנסווייז אַראָפּ אין די הויזן. די לאַפּטשעס זענען שוין איבגאַנצן צעפליקט און האַלטן נאָר די שמאַטעס אויף די פיס, ווי רעמלעך, זיי זאָלן נישט פאַרנאַנדערפאַלן. די פיס פרירן צו צום שניי, און מיכל מוז זיי יעדעס מאָל מיט געוואַלד אָפּרייסן, כדי נישט צו בלייבן שטיין ווי אַ געפרוירענער דענקמאָל ביים טויער פון מאַלאַטאָווער טורמע.

איינציקווייז לאָזט מען אַריין דורכן שמאָלן טירל, וואָס פירט אין אַ גרויסער פינצטערער קאָמער. די פענצטער קוקן מיט אויסגעשלאָגענע שויבן אין דער נאַכט אַריין. דורך זיי רייסט זיך אַריין מיט שטורעם, שניי און פראָסט. די מענטשן טוליען זיך צו צו די ווענט, וואָס ווייטער פון פענצטער.

„שפּאַנאַ״ זיצט נישט ליידיק. אייגנטלעך פילן זיי זיך דאָ ווי אין דערהיים. צווישן דער גרויסער מאַסע דערטאַפּן זיי באַלד אַ „קודימקאַר״ און נעמען אים באַאַרבעטן. די נאַיווע אוראַלער איינגעבוירענע, די „קודימקאַרס״, באַטראַכטן זייער זיין אין טורמע, ווי אַ שפּיצל פון טיוּול, ווען מען זיי רופן:

— ליעשאַק!

ביי אים האָבן זיי דערשנאַפּט אַ ברויט און טאַבאַק. ווי אַ צולאָג נעמען זיי פון אים אַראָפּ די וואַלינקעס און לאָזן אים באָרוועס. ערשט שפּעטער שענקט אים, דער וואָס האָט די וואַליקעס אָנגעטאָן, — אַ פּאָר צעריסענע קאַלאָשן.

— עך לעשאַק — מורמל דער אַלטער, און פאַרקלייבט זיך אין אַ ווינקל. קלאָגן זיך וועט ער נישט גיין.

— צו וועמען? אויף וועמען?

עס ווערט שפּעט. דער פראָסט ווערט שטאַרקער און מיכלען דוכט זיך:

— די נאַכט האָט קיין סוף נישט...

נאָך האַלבע־נאַכט, ווען אַלע זענען שוין מער טויט ווי לעבעדיק, פירט מען איינציקווייז אַריין אין די „סאַבאַטשניקעס״. דאָס זענען קליינע, נידעריקע נישעס אין די ווענט, ענלעך צו ביידלעך פאַר הינט. דאָ קען זיך איין מענטש קוים רירן. דערפאַר איז אָבער וואַרעם, און די וואַרעמקייט צעגיסט זיך איבער די גלידער.

די אויגן פֿאַלן צו. די קעמערלעך אָבער זענען נישט צום דרימלען נאָר צו איזאָלירן דעם אַרעסטאַנט, איידער ער גייט דורך אַ גרינטלעכע רעוויזיע. כאָטש אַלע קומען אַהער פֿון אַנדערע טורמעס, געטרויט מען אָבער „יענע" נישט. מען מוז אַליין זוכן, כדי צו זיין זיכער. פֿון „סאָבאַטשניק" פֿירט מען אַריין אין זאַל דערנעבן און מען הייסט זיך אויסטאָן נאַקעט. אַלע מעטאַלענע טיילן ווי הויזן־קנעפּלעך, שנאַלן, פּאַסקעס, פּאָדקאָוועס אָדער בלעכענע שוכשפּיצן ווערן אָפּגעריסן. קומט אויס די הויזן צוצוהאַלטן מיט דער האַנט. מיכל פֿאַרמאָגט גאָרנישט אַזוינס, פֿון וואָס מען זאָל נאָך קענען עפּעס אָפּרייסן. נאָך דער רעוויזיע, צום דאָקטער. ער טוט אַ קוק אויבנאויף, פֿאַרצייכנט עפּעס אויף אַ צעטל און מען פֿירט אין באָד אַריין. די קליידער פֿאַרען זיך אין דיזענפֿעקציע־קאַמער. מיכל וואַשט זיך, כדי נישט צו שטיין ליידיק. די וואַרעמקייט פֿון באָד צעגעמט. די שלאָפֿלאָזע נאַכט מאָנט דאָס איריקע. די קליידער זענען וואַרעם. אין דרויסן גרויט דער פֿרימאָרגן. מען צעפֿירט די אַרעסטאַנטן איבער די קאַמערן, לויט דער אָנווייזונג פֿון דאָקטער. מיכלען אין אַ קאַמער פֿאַר אָפּגעשוואַכטע. קיין עלעקטרישע לאָמפּן זענען אין קאַמער נישטאָ. עמעצנס געניטע הענט, נישטערן אין מיכלס טאַשן. אָבער מיכל האָט שוין אויך דערפֿאַרונג, ווייל ס'ברויט האָט ער אין באָד אויפֿגעגעסן. איז דער פֿרעמדער צופֿרידן מיט מיכלס אויפֿטו. ער קלאַפּט אים אין פּלייצע:

— זיעמליאַק! לייג דיר שלאָפֿן...

צוויי מאָל דאַרף ער עס נישט איבערחזרן. מיכל פֿאַלט אַנידער ווי אַ סנאָפּ און ווערט אַנטשלאָפֿן...

**
*

די מאָלאָטאָווער טורמע איז נישט נאָר אַן אָפּגעשלאָסענע שטאָט פֿאַר זיך מיט אירע פֿאַר טויזנט איינוווינער, זי איז אויך דער צענטראַלער זאַמלפּונקט, פֿונוואַנען די אַרעסטירטע ווערן פֿאַרנאַנדערגעשיקט. די שטאַרקערע קלייבט די טורמע־פֿאַרוואַלטונג אָפּ פֿאַר זיך, ווי אַרבעטסקרעפֿטן אויף דער טעריטאָריע פֿון דער טורמע. דאָ איז אויך איבערגעבליבן דער סיביריאַק איוואַן. מען האָט אים באַשטימט פֿאַר אַ הייצער.

ס'האָט נישט געהאָלפֿן די ביטע וועגן באַגנעדיקונג, וואָס מיכל האָט איז זיין נאָמען געשריבן צום פּרעזידענט קאַלינין. דער אורטייל פֿון פֿינף יאָר איז געבליבן.

דאָס אָנקומען און אָפּפאָרן פון טראַנספּאָרטן קומט פּאַר שנעלער אידער די לאַנגזאַמע קאַנצעלאַריע־שרייבער ווערן פאַרטיק מיט דער בוכאַלטעריע. דאָס אָרט קיינעם נישט. דער איינציקער, וועמען דאָס פאַרשאַפט זאָרג, איז דער וועכטער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַרנאַנדערטראָגן „פערעדאַטשעס״, די פּעקלעך וואָס עלטערן, פרויען אָדער פריינט שיקן אַריין. ער מוז אַרומלויפן איבער די קאַמערן און זוכן.

אין דער קאַמער ווו עס זיצט מיכל, רופט ער אַריין דעם קאָפּ:

— איוואַן פיעטראָוויטש?

נישטאָ אַזעלכער. ענטפערט מען אים:

— ער פאַרברענגט נאָך אויף דער פריי! — נאָ סוואָבאָדו גוליאַעט...

אָדער:

— מען האָט אים נאָך נישט געכאַפּט! — יעשטשאָ ניע פּאַימאַלי...

אַ בייזער גייט דער וועכטער צו דער צווייטער קאַמער. די פאַמיליע פון געזוכטן רופט ער נישט אָן, כדי אַ פרעמדער זאָל זיך נישט אונטערשטעלן אויפן זעלבן נאָמען...

***

עס זענען פאַרביי אַ פּאָר טעג. ביינאַכט רייסן זיך אין קאַמער אַריין נ. ק. וו. ד.־באַאַמטע און וועקן אַלעמען אויף. עס איז פינצטער. אויפן קאָרידאָר לייענט איינער אויס פון אַ ליסטע, דער באַטראָפענער רופט זיך אָפּ און שוין איז ער אין דרויסן. ער באַוויזט קוים צו פאַרכאַפּן זיינע זאַכן, אויב ער פאַרמאָגט וועלכע. מיט געפילדער וואַרפט מען די אָפּגעקליבענע אַריין אין אַ פינצטערן קעלער. דאָ איז נאַס. עס רינט פון די ווענט אַ קלעפּיקע פייכטקייט. די לופט איז דעמפּיק און פויל. מען ליגט איינער אויפן צווייטן. טייל האַלב־נאַקעט. די נאַסקייט פון בעטאָנענעם דיל דעמפּט אויס פון דער וואַרעמקייט פון די קערפּערס. מען ווייסט נישט וויפל מענטשן זענען דאָ אין דער קאַמער. דאָס פענצטער, וואָס געפינט זיך אויבן, איז פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און פאַרשאָטן מיט שניי. זופּ טיילט מען אין דער פינצטער. מען שטעלט אַריין אַ קובל און:

— טיילט אייך אַליין פאַנאַנדער...

אין די פּאָר שיסלען, וואָס דער וועכטער גיט אַריין.

דאָס ברויט טיילט מען אויס אויפן קאָרידאָר. אַלע מוזן דאַן אַרויסגיין. אין טיר, צוריקוועגס, באַקומט מען די פּיקע ברויט.

געלעבט הינטער קראַטן

לויטן פאַרנאַנדערטיילן דאָס ברויט — ווייסט מען, אַז אַ מעת־לעת איז אַדורך.

ווי לאַנג מען וועט זיצן אין דער לאַך, האָט מיכל נישט געוווּסט. געשמועסט האָט מען אין קאַמער, אַז עס גרייט זיך אַ גרויסער עטאַפּ, אין איינעם פון די אַרומיקע לאַגערן...

*****

ווידער ביינאַכט. מען שטעלט אויס צו זיבן אין אַ ריי. אַרום דעם מענטשנצוג, אַ וואַך פון זעלנער מיט בלאַנקענדע באַגנעטן אויף די ביקסן, און הינט. פּעטע, צעשויבערטע האָבן זיי זיך געריסן פון די קייטן און געשטשירעט זייערע ציין אויף די אַרעסטאַנטן ווי ווילדע וועלף.

דער עלטסטער גיט אָפּ דעם באַפעל. נישט אַזוי צו די זעלנער — זיי ווייסן שוין דעם נוסח — ווי צו די אַרעסטאַנטן:

— איין טראָט רעכטס, איין טראָט לינקס — אָן וואָרענונג — שיסן!

דער מאַרש הייבט זיך אָן אין דער אויסגעשטערנטער, פראָסטיקער נאַכט.

איבערן וועג שפּאַנט אַ קאָלאָנע — אַ גרויע ווילנלאָזע מאַסע. פאָרויס די מענער, הינטער זיי, די פרויען.

די הענט איינגעשלאָסן אָרעם אין אָרעם, האַלט איינער אונטער דעם צווייטן. דער שניי איז טיף. ער דערגרייכט ביז צו די קני. די פיס ווערן פאַרשטייפט. עס איז גליטשיק. פון הינטן פאַלן עטלעכע פרויען. אַ הונט שפּרינגט צו. פון שרעק הייבן זיך די פרויען ווידער אויף און שליסן זיך אָן. פון אימפּעט טראָגט איינער דעם צווייטן. די הינט בילן. יי שרעק נישט איבערצובלייבן און צעביסן ווערן פון זיי, איז די טרייבקראַפט, וואָס באַוועגט דער קאָלאָנע פאָרויס.

— דאַווײ ביסטרײ! (גיב שנעלער!).

די דאָזיקע צוויי ווערטער קנאַלן ווי מיט בייטשן איבער די אויסגעמאַטערטע מענטשן, און צווינגט זיי אָנצושטרענגען די כּחות ביז אוממעגלעכקייט.

— דאַווײ ביסטרײ! שנעלער! שנעלער!

זיי האָבן עס איליק, די זעלנער. נאָך די נאַכט ווילן זיי דעם עטאַפּ צו־שטעלן אין לאַגער. אָרום און אָרום איז פינצטער. כאָטש די הינט זענען וואַך און די זעלנער גייען נישט ווייט איינער פון צווייטן, פונדעסטוועגן האָבן זיי

מורא, עמעצער זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן און פֿאַרשווינדן. דעריבער האַלטן זיין אַן דעם טעמפּאָ:

— דאַווי ביסטריי!

צוערשט באַוויזט זיך אַ פלעק אויפן נאַכטיקן הימל, ווי ערגעץ ווו וואָלט אַ שטערן געלויכטן. ביסלעכווייז ווערט דער פלעק גרעסער, העלער, ביז ער נעמט אָן קאָנקרעטע פאָרמען.

— איראַנטשי! — טוט עמעצער אַ זאָג אין דער מאַסע. אַזאַ איינער, וואָס האָט שוין דעם וועג אַמאָל דורכגעמאַכט, און מיטאַמאָל דערזען, אַז ער איז ווי־דער דאָ.

— איראַנטשי! — חזרט די מאַסע איבער, ווי אַן עכאָ...

— דאָס איז דער לאַגער — לאָזט זיך הערן די שטים פון דעם, וואָס איז שוין דאָ געווען. — ניע פּלאַכאַי לאַגער, ס'איז דאָ נישט שלעכט...

— ניע פּלאַכאַי לאַגער — גייט איינער איבער דעם צווייטן דעם גוטן גרוס.

אַ טירל מאַכט זיך אויף, און איינציקווייז גייען די אַרעסטאַנטן אַדורך. פון דרויסן ציילט זיי דער עלצטער פון קאָנוואָי, פון אינעווייניק, אַ לאַגער־וועכטער. עס שטימט. קיינער איז נישט אַנטלאָפן. דער קאָנוואָי בלייבט אין דרויסן.

דער עטאַפּ מאַרשירט אַליין דורכן לאַגער, צו דער באַד...

***

וויבאַלד נאָך האַלבער־נאַכט איז דער עטאַפּ אָנגעקומען אין באַד. ווי אַ געפלאָכטענער קויש, פון וועלכן מען ציט אַרויס עטלעכע ריטלעך, פאַלט ער זיך פאַנאַנדער, אַזוי איז זיך די קאָלאָנע צעפאַלן, נאָך דעם ווי די צוזאַמענגעפלאָכטענע הענט האָבן זיך אָפּגעלאָזן. זי איז זיך צעפאַלן איבער די בענק, איבער דער פאָדלאָגע. עס איז נישט מער געווען די געשלאָסענע גרופּע אין מאַרש. ריטלעך פון אַ צעפאַלענעם קויש. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אַרום.

פון דער וואַרעמקייט זענען די גלידער ביסלעכווייז אָפּגעגאַנגען, און אָפּגעפרוירענע פיס, נעז און אויערן האָבן מיט אַ נאָגעדיקן וויטיק גענומען צופּן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן קרעכצן:

— העלף מיר — מיינע פיס, די אויערן, העלף...

אַ יונג בחורל אין אַ ווייסן כאַלאַט האָט אָנגעשמירט די אָפּגעפרוירענע גלי־דער, מיט אַ זאַלב...

אין דער וואַרעמקייט פון באָד, האָט מיכל דערפילט, אַז עס שוידערט אים פון קעלט. די ציין האָבן זיך געשאָקלט מיט אַזאַ קראַפט, אַז מיכל האָט מיטביידע הענט געמוזט צוהאַלטן דאָס מויל, מורא האָבנדיק די ציין זאָלן זיך נישט אויסשיטן.

צוליבן גרויסן פראָסט, איז נישטאָ קיין וואַסער אין באָד. דאָס אַנטוועכץ אָבער, גייט אין דיזענפעקציע-אויוון. מיכל וויקלט זיך איין אין די וואַרעמע שמאַטעס, פאַרקלייבט זיך אויף אַ באַנק און שלאָפט איין.

אינדערפרי קומט פאָר די סעלעקציע — דאָס באַשטימען די אַרבעטס-פעיִ־קייט פון יעדן אַרעסטאַנט.

מיכל פרוווט זיך שטעלן אויף די פיס, נאָר זיי ווילן נישט פאָלגן. אָפּגע־שוואַכט פון לאַנגן מאַרש דורך פראָסט און שניי, בייגן זיי זיך אונטער דער לאַסט פון קערפּער. קוים דערשלעפּט זיך צום אויפנאַמטישל, ווו עס זיצט דער דאָקטער.

נאָך איידער דער דאָקטער אונטערזוכט מיכלען, מוז ער פריִער וויסן:

— דיין נאָמען? סטאַטיאַ? וויפל יאָר? פון וואַנען קומסטו?

די דאָזיקע ידיעות זענען אויף די גרענעצן, אין וועלכע דער דאָקטער דאַרף זיך באַוועגן. ערשט דאַן טרעט ער צו, אויסצופירן זיין מעדיצינישע פליכט:

— לאָז אַרונטער די הויזן...

מיכלס קערפּער פאָדערט נישט קיין גרונטלעכן עקזאַמען, כדי פעסטצו־שטעלן: „קען נישט אָנגעווענדט ווערן צו קיין אַרבעט”. אַזאַ מעדיצינישן אַטעס־טאַט שטעלט מען אויס בלויז אַ טויטן. דעריבער פאַלט זיין דעציזיע:

— צייטווייליק לייכטע אַרבעט.

פאַרנאַכט צעפירט מען די מענטשן אין די באַראַקן, לויט די בריגאַדעס צו וועלכע זיי וועלן געהערן...

אי. טע. קאַ. נומער 1 „איראַנטשי“

„איספּראַװיטעלנאַיאַ טרודאָװאַיאַ קאָלאָניאַ“ הייסט די אינסטיטוציע אין דער אָפיציעלער אַמט־שפּראַך.

אויף ייִדיש: קאָלאָניע — אויסצובעסערן דורך אַרבעט... און אין מויל פון פאָלק, דעם געניסער פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, הייסט עס פּשוט: לאַגיעראַ זאַקלוטשעניאַ — אַרעסטאַנטן לאַגערן...

דער לאַגער פאַרנעמט עטלעכע קוואַדראַט־קילאָמעטער לאַנד, אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכן, געדיכט־צוזאַמענגעשלאָגענעם ברעטער־פּאַרקאַן און איבער אים — אַ נעץ פון שטעכלדראָט.

דאָס איז דער פּאַרקאַן וואָס באַצייכנט די טעריטאָריע פון לאַגער. אַ צווייטער צאָם באַצייכנט דעם באַוועגונגס־צירקל פון אַרעסטאַנט. דער איז אַ נידעריקער פּאַרקאַן פון שטעכלדראָט, אָפּגערוקט דריי מעטער פון ערשטן, און אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד. די „נייטראַלע זאָנע“ איבערצוטרעטן, מיינט פאַרן אַרעסטאַנט צו ריזיקירן מיט אַ שטיק הייסע בליי אין די געדערים...

צום הילצערנעם פּאַרקאַן זענען צוגעבויט „ווישקעס“ — טורעמס, וואָס שיצן דעם וועכטער פון ווינט און רעגן; און דערמעגלעכן אים אויך צו זען אַ שטיקל לאַגערפּלאַץ. צו יעדן טורעם איז צוגעפעסטיקט אַ רעפלעקטאָר, וואָס וואַרפט ביינאַכט אַ סנאָפּ ליכט אויפן לאַגער. כדי צו קאָנטראָלירן גלייכצייטיק אַלע טורעמס, באַנוצן זיך די וועכטער מיט אַ פּרימיטיוון מיטל, ווי אַ פּאַרצייטיקן טעלעגראַף. דאָס איז אַ שטיק אייזן אָנגעבונדן אויף אַ דראָט: אין אַ געוויסן מאָמענט טוט דער ערשטער וועכטער בײַם לאַגער־טויער אַ פּויק אין דעם אייזן. דעם קלאַנג כאַפּט אויף דער צווייטער פּאָסטן און גיט אים איבער ווייטער. אין אַ שטילער, נאַכטיקער שעה קרייזן די דאָזיקע איינטאָניקע קלאַנגען אַרום דעם לאַגער...

משה אײזענבוד

***

דעם זיבעטן באַראַק באַוווינען אַרבעטנדיקע אינוואַלידן. ווען די אַרעסטאַנטן, וואָס אַרבעטן אין שטאָט אויף בוי־פּראָיעקטן, זענען שוין אויסער די גרענעצן פון לאַגער, הויבן זיך פון זיבעטן באַראַק אָן באַווייזן אין דרויסן פּעקלעך שמאַטעס. אויסגעזען האָט עס ווי אַ שמאַטע־הענדלער וואַרפט אַרויס זײַן סחורה פון אַ סקלאַד אין דרויסן אַרויס, און אָט וועט באַלד צופאָרן אַ פור, וואָס וועט עס אַוועקפירן ערגעץ־ווו.

יעדעס מאָל ווען די טיר האָט זיך געעפנט, איז צוזאַמען מיט אַ שטראָם פאַרעיפּושטע לופט, געבליבן שטיין אין דרויסן אַ קלומיקל טראַנטעס.

דאָס האָט וויטקע, דער געהילף־בריגאַדיר פון דער 22סטער בריגאַדע, אַראָפּגעשלעפּט פון די נאַרעס זײַנע מענטשן און זיי אַרויסגעוואָרפן פון באַראַק, כדי אין דער צייט צו קענען גיין עסן. שפּעטער, אַז אַלע זענען שוין געווען אין דרויסן, און דער רעכענונג האָט געשטימט לויטן הילצערנעם ברעטל, אויף וועלכן זיי זענען ביי אים געווען פאַרשריבן, איז ער אַרײַן אין פאַרהאַנגענעם ווינקל הינטערן אויוון. דאָ געפינט זיך די „זשענאָטשקע" פון בריגאַדיר פּעטען, דעם רוסיפיצירטן לעגינגראַדער פראַנצויז. וואַסיל פּיעטראָוויטש איז מיט אַ קרעכץ אַרײַן אין די שיך, אָנגעטאָן דעם גרינעם בושלאַט און איז אַרויס אין דרויסן. אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער, איז ער ביי זײַנע פופציק יאָר געגאַנגען אונטערקרעכצנדיק, ווי אַ צעוואַקסענער דעמב אין שטורעם. זײַן לאַגערוויב, אַ קליינטשינקע, אַ דינע, מיט רויט־אָנגעשמירטע ליפּן און צו־געפאַרבטע בעקלעך, איז שוין אַ ווײַלע פריער פאַרשוווּנדן פון הינטער דעם פאָרהאַנג. געשמועסט האָט מען אין באַראַק:

— דאָס איז נישט מער ווי אַ פּלאַטאָנישע ליבע...

וואַסיל פּעטראָוויטש פּעטען, אָדער פּיעטראָוויטש ווי מען האָט אים פאַמיליאַר גערופן, איז געגאַנגען אַ ביסל אָפּגערוקט פון זײַן בריגאַדע ווי ער וואָלט זיך געמיאוסט און ס'איבלט אים פון דער דאָזיקער חברה אין צעפּליקטע, שמור־ציקע וואַטענע שפּענצערס, וואָס קיין איינער פון זיי האָט נישט קיין רעכטן פאַראַגראַף.

— קוסאַטשניקי, ווראַט וואַם... — דאָס האָט ער באַשטעטיקט זײַן מיי־נונג וועגן די קליינע, כמעט גראַשנדיקע פאַרברעכער, וואָס אויב נישט היינט, איז מאָרגן וועלן זיי זיך אָפּטראָגן אויף יענער וועלט...

געלעבט הינטער קראַטן

האָט ער זיי טאַקע געזען נאָר דריי מאָל אין טאָג, ווען ער האָט ביים עסן אויסגעטיילט דאָס ברויט, לויט געהיימע צייכנס אויף זיין הילצערנעם ברעטל. די אַרבעט און די שטורקאַצן וואָס אַ בריגאַדיר איז מחויב צו אויסטיילן, האָט שוין געמאַכט זיין געהילף, וויקטאָר קאַבאַנאָוו. גערופן האָט מען אים פּשוט: וויטקע

צוערשט איז וויטקע אַליין געווען אַ „דאָכאָדיאַגע *) ערגעץ אין אַ בריגאַדע. די לעבנס־בלעטלעך פון זיין אַפּרייס־קאַלענדאַר האָבן שוין געהאַלטן אין מיטן דעצעמבער. ס'האָט לאַנג נישט געפעלט, אַז עס זאָל בלייבן אַ ליידי־קער טאָוול. אויס וויטקע קאַבאַנאָוו.

דורך אַ צופאַל איז ער געוואָרן אַ „באַקאַנאָס". איינער פון די, וואָס טראָגן די קעסלען עסן פאַר עטאַפּן וואָס געפינען זיך אין באָד, אָדער פאַר די, וואָס געפינען זיך אין קאַראַנטין.

מיט יעדן טאָג איז אויף וויטקען געוואָרן קאָנטיק, אַז ס'וואַקסט אים אָן אַ נייע הויט. ביז ער איז דערוואַקסן צו קענען זיין אַ געהילף־בריגאַדיר, און מען זאָל ציטערן פאַר בלויז אָנקוקן אים.

נאָך דעם ווי פּיעטראָוויטש האָט צעטיילט די „גאַרבושקעס", די הונדערט־פופציק־גראַמיקע פּאָרציעס ברויט, און די צוויי הונדערט גראַמיקע פּאָרציעס האָבער־קאַשע; און וויטקע האָט אַריינגעלאָזן שטילערהייט עטלעכע פּויסטן די חברה־לייט, וואָס האָבן געוואָלט „זאַקאַסיען" אַ שיסעלע קאַשע, איז די 22סטע בריגאַדע אַוועק צו דער אַרבעט אין דעם געצעלט, צו פלעכטן שטריק.

גאָר שפּעט איז אַרויס די 17טע בריגאַדע. כאָטש שלום דאַנק, דער וואַר־שעווער בעקער איז אויפגעשטאַנען היפּש פרי און האָט באַוויזן אָפּצובערעטשען הינטער די קליינע וואָנסעלעך דעם שחרית, צוזאַמען מיט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, איז נאָך זיין בריגאַדע, די „מאַלאָליעטקע **) נישט געווען גרייט. אין וויטסטן ווינקל פון באַראַק, אויף דער אויבערשטער נאַרע, ווו עס האָט געוווינט סענקע, דער שוואַרצער שייגעצל פון בייקאַל האָט זיין בריגאַדע צוגעענדיקט די קאָרטנשפּיל, וואָס מען האָט ביינאַכט געמוזט איבעררייסן. צונויפגעקאָרטשעט אויף

---

*) „דאָכאָדיאַגע" הייסט אין לאַגער־לשון דער יעניקער אַרעסטאַנט, וואָס האַלט שוין ביים סוף, ביים אויסגיין, אויסגעשפּילט, אָפּגעשוואַכט און וואַרט אויפן טויט.

**) „מאַלאָליעטקע" מינדעריעריקע, כמעט קינדער, פאַרברעכער, וואָס האָבן אין די לאַגערן געהאַט באַזונדערע בריגאַדעס.

דער שמאָלער נאַרע, זיצן זיי מיט די „טראַפּאַרעטקעס" אין די הענט. זיי האָבן די איגן אומעטום. קודם צום טיר, דער אויפזעער זאָל זיי נישט „פּאַפּוטיען", דאַן אויף דער באַנק, סענקע זאָל נישט מאַכן „סטוק" און צולעצט אין אייגענעם קערטל, צו וויסן וויפל מען זאָל צוקויפן, עס זאָל זיין פּונקט 21. ביינאַכט האָט שוין סענקע פאַרשפּילט די פּופּייקע און דאָס פּוטערנע היטל. איצט האַלט עס ביי די האַרטע וואַליקעס, די „קאַטינקעס". שלימזלדיק איז אים געגאַנגען נעכטן.

כאָטש ער האָט זיך געטרייסט — אוטראָ וויעטשעראָ מודרעניעיע — ס'הייסט: דער פרימאָרגן איז קליגער פאַרן אָוונט — איז דער פרימאָרגן אויסגעפאַלן פאַר אים גאָר פאַסקודנע. זיינע „קאַטינקעס" האָט שוין געטראָגן דער ווייסער ממזר גרישקע „האָז", און זיין העמד — „מאַסקוואַ". דערפאַר האָבן זיי אים צוגעזאָגט צו ברענגען פרישטיק אין באַראַק אַריין.

שלום דאַנק האָט שוין צום וויפלסטן מאָל אויסגעווישט די פּאַרטויעטע ברילן, צוגעגאַנגען צו דער נאַרע און צווישן איין קאַפּיטל תהילים און צווייטן — געוואָרפן אַ פראַגע צו זיינע יאַטלעך, וואָס האָט געקלונגען מער ווי אַ געבעט, איידער אַ באַפעל:

— רעביאַטאַ, נו?

שלום דאַנק איז איצט בערשטער־מייסטער פון דער 17טער בריגאַדע, מינדער יעריקע. שוין ביי דרייצן, פערצן יאָר זיינען זיי געווען וויכטיקע פייגל אויף דער פריי און ביז גאָר הפקרדיקע אין לאַגער. אַ ייִד האָט ביי זיי געהייסן „אַבראַשע" און זיי זענען תמיד גרייט אויפצוזינגען דאָס לידל וועגן ייִדן, וואָס מ'האָט אים געהייסן זאָגן: קוקורוזע.

— זאַטשעם — מאַכט ער — מניע סקאַזאַט: קוקורוזאַ.

— קאַגדאַ יאַ מאָגו סקאַזאַט טרי ראַזאַ:

— פשאַנקאַ, פשאַנקאַ, פשאַנקאַ...

פאַר שלום דאַנקן האָבן זיי דרך־ארץ, דעריבער ענטפערן זיי אים ערנסט:

— סיטשאַס דאַנק, נאַדאַ אַדעגראַטצאַ, — און צו דעם איז נישטאָ קיין עצה.

— מען מוז זיך אָפּשפּילן. ס'איז ממש אַ פראַגע פון „האָנאָר".

איז דאַנק ווייטער געגאַנגען צווישן די נאַרעס, געמורמלט מיט די ליפּן און געווישט זיך די, מיט טוי־פאַרצויגענע, ברילן.

מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר און אַ הויכער לאַטיש, דער געוועזע־נער אַרטיסט פון לענינגראַדער מלוכה־טעאַטער און איצט בריגאַדיר פון דער

געלעבט היינטער קראַטן

17טער בריגאַדע אין אַריינגעקומען. זיינע לאַנגע הענט האָבן זיך געטון אַ צי אויס און מיט איין שפּאַן איז ער שוין געווען נעבן דער נאַרע:

— אויף וועמען וואַרט איר? אין דער סטאַלאָווע איז דאָך שוין קיינער נישטאָ!

זיין וואָרט האָט געווירקט ווי אַ מאַגישער צייכן. די קאָרטן זענען פאַרשוווּנדן און איינער נאָכן צווייטן האָבן זיך די „מאַלאָליעטקע", ווי קירבעסלעך, אַרויסגעקייקלט אין דרויסן.

אין זיבעטן באַראַק איז געוואָרן שטיל, ממש אָנצוטאַפּן די שטילקייט מיט די פינגער. אויף דער אויבערשטער נאַרע, אין זיין ווינקל, איז געזעסן האַלב־נאַקעט סענקע און צום וויפלסטן מאָל איבערגעמישט די קאָרטן וועלנדיק אויסגעפינען זיינע פעלערן. איצט האָט ער געשפּילט מיט זיך אַליין. אויף יענעמס 18, האָט ער תמיד געהאַט 19 און טאָמער האָט דער „פּרעמדער" געהאַט 20 — איז ביי אים אַרויס אַ טויז מיט אַ צענטל — „סטוק".

אונטער אים איז געשלאָפן סאַשע, צוגעדעקט מיטן בושלאַט. אייגנטלעך האָט סאַשע געדאַרפט איצט זיין אין טישלער־וואַרשטאַט ביי דער אַרבעט. נאָר סאַשע איז יעדעס מאָל קראַנק אַ טאָג־צוויי. אַזוי פאַרלאַנגט די דאָקטאָרשע.

כמעט אַלע נאַכט באַווייזט זי זיך אין זיבעטן באַראַק. אַ שלאַנקע, מיט פעך־שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, אין ווייסן דאָקטאָרשן כאַלאַט, וואָס שטרייכט נאָך מער אונטער איר שוואַרצקייט. געגאַנגען איז זי מיט אַ געוויסן גראַד פון שטאָלץ אין איר טראָט. מעגלעך, אַז דער דאָזיקער שטאָלצער גאַנג אירער נעמט זיך פון דעם, וואָס אָנגעטאָן אין ווייסן כאַלאַט האָט זי דאָס רעכט צו באַזוכן אַ מענער־באַראַק. אָדער גאָר פון דעם, וואָס אויף איר צושריפט קען אַ מענטש נישט גיין צו דער אַרבעט אַ גאַנצן טאָג. מעגלעך גאָר, אַז דער דאָזיקער גאַנג אירער קער זיך אָן מיט איר איינגעבוירענעם רייץ, מיט וועלכן די נאַטור האָט איר באַשאָנקען, און וועלכן זי האָט באַוויזן צו אַנטוויקלען ביז דער ראַפינירטער פולקאָמקייט. דער שווערפּונקט פון איר אָנציִונגס־קראַפט ליגט אין דעם שוואַרצן, ביינערנעם צלם, וואָס זי טראָגט אויפן האַלדז, אויף אַ שווערער קייט. דעם צלם טראָגט זי, געוויינטלעך, ווען זי קומט אין באַראַק אָן איר דאָקטערשן פאַרטעך. דעמאָלט ליגט דער שוואַרצער קרייץ מיטן זילבערנעם יעזוס אויף איר אויסגעפּאַסטן בוזים. דער צלם איז פון אַזאַ פאָרמאַט, אַז ס'איז אוממעגלעך אים נישט צו באַמערקן. דאַן זעט מען אַז די דאָקטאָרשע האָט אַ גוטגעפלעגטע פיגור און זי האָט נאָך אין לאַגער נישט פאַרלוירן איר ווייבלעכן רייץ.

די תושבים פון זיבעטן באַראַק זענען שוין צוגעוווינט צו איר און צו דעם

צלם. אָבער דער וואָס זעט די פּיַין־געבויטע פרוי מיט אירע פולע גלידער וואָס האָט אין לאַגער באַוויזן אויפצוהאַלטן איר ווייבלעכקייט אויף אַ מדרגה, וואָס ציט די אויפמערקזאַמקייט, ווערט אים אויפפאַלנדיק:

— ווי אַזוי האָט זי באַוויזן, דורך אַזוי פיל רעוויזיעס און אונטערזוכונגען, דורכצוטראָגן דעם צלם ביז אין לאַגער אַריין, און איצט צו טראָגן אים מיט אַ גע־ווויסער טראַציקייט?

ערשט דאַן קומט די פראַגע:

— ווער איז זי?

דאָס האָט מיכל אויך געפרעגט שלום דאַנקן, ווען ער איז אָנגעקומען אין זיבעטן באַראַק אַריין.

שלום דאַנק האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט מורמלען זיין געבעט, ווי ער וואָלט אין געדאַנק פאַרקנייטשט אַ בלעטל צו וויסן וווּ ער האַלט און געענטפערט:

— כ׳האָב זי אַמאָל געהערט רעדן יידיש, אָדער איז עס גאָר דייטש. זי שטאַמט, זאָגט זי, פון דאַנציק, און אין לעמבערג האָט מען זי פאַרנומען צוזאַמען מיטן פאָטער.

און ווידער האָט דאַנק אומגעקערט זיך צו זיין תהילים זאָגן. אפשר האָט ער גאָר געפירט אַ דין־תורה מיטן רבונו־של עולם:

— פאַרוואָס קומט מיר צו זיצן צוויי מאָל אונטער דעם זעלבן פאַראַגראַף 158? אויב שוין יאָ זיצן — פעלן דען אויס פאַראַגראַפן?

דעריבער האָט מיכל מער נישט געפרעגט.

דער גראַד שטאָלץ מיט וועלכן די דאָקטאָרין האָט געטראָגן איר ווייסן כאַ־לאַט, האָט געדאַרפט דינען ווי אַ צייכן פון איר אינטעלעקטועלער העכערקייט; אָבער דער שוואַרצער צלם, ווי אַ סימבאָל פון קריסטלעכער אומשולד, האָט אַנגעהאַלטן נישט מער ווי פון דער אַריינגאַנגס־טיר ביז צו דער אַכצנטער נאַרע, וווּ ס׳איז גע־לעגן סאַשע. דאַן זענען אַוועקגעפאַלן אַלע שלייערס און סימבאָלן פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ פרוי, וואָס בענקט נאָך צערטלעכקייטן...

מיכל האָט זיך וועגן איר עקזיסטענץ דערוווּסט, באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין זיבעטן באַראַק.

זיין בריגאַדע — די 22סטע — האָט פאַרנומען אַלע נאַרעס ביי דער שמאָלער וואַנט פון באַראַק און אויך אַ טייל וווּ עס זיינען געלעגן אַנדערע בריגאַדעס. די נאַרע, וווּ מיכל האָט זיך איינגעקוואַרטירט, איז געווען אַנטקעגן סאַשעס. מיכל איז געלעגן אויבן, און נישט ווילנדיק האָט ער סאַשעס נאַרע געהאַט תמיד פאַר די אויגן.

מיד פון גאַנצן טאָג וואָגלעניש, האָט מיכל שוין געדרימלט, ווען דורכן באַראַק איז, ווי אַ שאָס, דורכגעפלויגן דער באַפעל:

— וסטאַוויי נאַ פּראָווערקו!

פון אַלע נאַרעס האָט מען זיך געגעבן אַ וואָרף צו דער טיר, ווו ס׳איז געווען דאָס איינציקע שטיקל פרייע פּלאַץ; דאָרט איז געשטאַנען דער נאַטשאַלניק פון באַראַק מיט אַ פרייען אויפזעער.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנטראָל. דער נאַטשאַלניק פון באַראַק האָט אַרויסגעלייענט פון אַ קאַרטאָטעק:

— וואַסיליעוו!

איז וואַסיליעוו אַרויסגעטראָטן פאָרויס, און אָפּגעזונגען ווי אַ מזמור:

— פּיעטראָ אַפאַנאַסעוויטש. דאָס געזעץ פון זיבעטן אין אַכטן. 10 יאָר.

ס׳האָט געשטימט. וואַסיליעוו איז אַריבער אויפן לינקן זייט.

— לעווין!

— מיכאַיל לוואָוויטש. פּאַראַגראַף 193, 7־ג. 5 יאָר.

ס׳האָט געשטימט. מיכל איז אַריבער אויפן לינקן זייט.

נאָכהער זענען אַלע צוריק אַוועק אויף זייערע נאַרעס. זיך געקריגט פאַר די שטרויזעק וואָס זענען פאַרשוווּנדן, אָבער סוף־כל־סוף איינגעשלאָפן אויף די האַרטע נאַרעס.

די לאָמפּן האָט דער קאָמענדאַנט פון באַראַק אַרויסגעדרייט, מען זאָל זיי נישט אוועקגנבענען... בלויז ביים טיר האָט געברענט אַ קליין לעמפּל און ביים טיש האָט געדרימלט דער „דניעוואַלני״ *).

מיכלען האָט זיך נישט געשלאָפן. די באַראַק־וואַנצן האָבן אים באַלד דערשנאַפּט, און יעדער וואַנץ געהאַלטן פאַר נויטיק אים פערזענלעך צו באַזוכן.

אין דער פינצטער האָט מיכל דערהערט אַ צאַרט פליסטערן:

— סאַשינקע ליבינקער, קוש מיר...

— פּאַצאַלוי! מעניאַ ווי׳מאַקושקע...

פאַרטאָג האָט מיכל באַמערקט ווי פון סאַשעס נאַרע רייסט זיך אָפּ אַ געשטאַלט. איינגעהילט אין אַ ווייסן כאַלאַט, און פאַרשוווּנדן אין דרויסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

*) „דניעוואַלני״ — דער דיזשורנער, וואָס פלעגט נישט גיין צו דער אַרבעט און אַ גאַנצן מעת־לעת געהיט דעם באַראַק.

ווען וויטקע האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ האַלבער בריגאַדע און מיכל האָט שוין געהאַלטן אין אַרומוויקלען די לעצטע שמאַטעס אַרום די פּיס, האָט זיך די געשטאַלט ווידער באַוויזן אין באַראַק. דער מעדיקער־כאַלאַט — ווייס געפּרעסט. די שוואַרצע האָר פֿאַרקעמט און מיט אַן אומשולדיקן שמייכל אויף די ליפּן, ווי אַ באַרימהערציקע שוועסטער, האָט זי צו סאַשעס נאַרע צוגעטראָגן צוויי טיפֿע שיסלען, פֿון וועלכע עס איז נאָך געגאַנגען אַ פּאַרע.

— שפּיטאָל־עסן — איז מיכלען, ווי אַ געניטן אַרעסטאַנט, קלאָר געוואָרן אָנ־קוקנדיק די שיסלען.

מיט איין מאָל האָט מיכל פֿאַרענטפֿערט דעם וואַנצן וכוח, וועלכן ער האָט געפֿירט מיט זיך אַליין:

— ווי אַזוי גייט סאַשע אַרום דער אַקסיאָמע, אין וועלכער ס'איז אַריינגעלייגט דער גאַנצער אינהאַלט פֿון לאַגער־לעבן:

„זשיט בודיעט — נאָ באָבו ניע זאַכאָטשעט...״

יעדער אַרעסטאַנט, ווען מען וואָלט אים געהייסן אין איין זאַץ כאַראַקטעריזירן דאָס לאַגער־לעבן, וואָלט ער געזאָגט:

„לעבן וועסטו טאַקע, נאָר צו אַן אישה וועט זיך דיר נישט גלוסטן...״

זעענדיק די טעלער, האָט עס מיכל פֿאַרשטאַנען.

איינס האָט ער נאָך געוואָלט פֿאַרשטיין:

— ווי קומט זי צום שעמעוודיקן, שטילן און האַלב־פֿאַרשלאָפֿענעם סאַשע, וואָס איז אַ גוטע פֿאַר יאָר ייִנגער פֿון איר?

די זעלבע פֿראַגע האָט זיך געוויס געשטעלט דער לאַגער־קאָמענדאַנט, מאַיאָר קאַצעוו, ווען ער האָט דער דאָקטאָרין פֿאַרמשפּט צו 30 טעג קאַרצער „פֿאַר צווינגען סאַשען איר שוואַנגער מאַכן״.

יעדע צען טעג איז די דאָקטאָרין געווען באַרעכטיקט אויף אַ באָד — לויט די פֿאַרשריפֿטן פֿון קאַרצער.

יעדן מאָל ווען מען האָט איר אונטער אַ וואַך געבראַכט פֿון קאַרצער, איז קענ־טיק געווען די ענדערונג, און די ווירקונג פֿון קאַרצער. דער פּנים בלאַס, מיט טיפֿע, שוואַרצע רינגען אונטער די אויגן. דער שמאַלער גאַנג אַ ביסל געבויגן...

טראָציק, מיט אַ געווויסן שטאָלץ, ווי עמיצן צו להכעיס, טראָגט זי פֿאַרויס איר שוואַנגערשאַפֿט, וואָס האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט צוליב דעם אָפּגעמאָגערטן קער־

געלעבט הינטער קראטן

פער, ווי זי האָט פריִער שטאַלץ געטראָגן דעם שוואַרצן צלם אויף דער זילבערנער קייט...

פון אירע אויגן קוקט אַרויס בענקשאַפט. סאַשען, אָבער, האָט זי מער נישט געזען.

נאָכן אָפּקומען די קאַרצערשטראָף, איז זי מיטן עטאַפּ אַוועק אין אַ צווייטן לאַגער...

איבערדערציִונג דורך אַרבעט

שוין באַלד צוויי וואָכן, ווי די פּערטע אָפּטיילונג פון לאַגער „איראַנטשי״ טוט גאָרנישט. פון פריִען פרימאָרגן באַוועגן זיך די סקעלעטן, איבערגעצויגן מיט אַ געלער פאַרמעטהויט און באַהאָנגען מיט וואַטעצויטן איבער די לאַגער־גאַסן.

זיי נישטערן שוין צום ווילפלטן מאָל דורך די זעלבע פּלעצער, טאָמער האָבן זיי ערגעצוווּ פאַרזען אַ פּאָר קערנדלעך נישט־דערדרויכערטע מאַכאָרקע. אומזיסט. הונגעריקע אויגן בויערן דורך יעדן שטיקל מיסט נאָך עפּעס, וואָס קען נישט זיין און מען ווייס פאָרויס אַז עס איז נישטאָ. אָבער טאָמער דאָך. וואָס מער דער טאָג דערנענטערט זיך צו די צוויי וואָכן, אַלץ אומרויִקער ווערן די אַרבעטנדיקע אינוואַלידן. וואָס וועט זיין? צוויי וואָכן איז די דערלויבטע צייט, וואָס קען פאַרשריבן ווערן אין די לאַגערביכער אַלס „פּראָסטוי״. און ווייטער?

ווייטער ציִען זיך נאָך מער הונגעריקע טעג אויף די צעפוילטע שטרויזעק און נעכט הינטער נאַרעס געפרעסן פון פליי און וואַנצן. אַביסעלע ווייטער — אַ גרויסער פויערישער וואָגן מיט שטרוי, ווו ס׳ליגן, ווי אונטערגעהאַקטע ביימער, איינגעפּאַקטע מענטשלעכע סקעלעטן, באַצויגן מיט דינעם, בלוי־געוואָרענעם פאַרמעט.

דאָס פּלעכטן לאַפּטשעס פון שטריק איז פאַרענדיקט. קיין פרישן פלאַקס אָדער שטריק ברענגט מען נישט. נישטאָ קיין אַרבעט. און אָן אַרבעט איז נישטאָ קיין ברויט. איבערן וואַנט פון באַראַק ציט זיך אַ קוים־לעזבאַרע לאָזונג:

„ווער עס אַרבעט נישט — דער עסט נישט״.

דער טעכנישער לייטער און די בריגאַדירן ברעכן זיך די קעפּ, וואָס מען קען טון כדי צו באַשעפטיקן דעם עולם און קענען צושטעלן אַרבעט־באַריכטן, לויט וועלכע מען באַקומט פון דער מלוכה דאָס פּייכטע, ליימיקע שטיקל ברויט.

אימעצער האָט פאָרגעלייגט:

— זאָל מען מאַכן שוועבעלעך...

דעם איינפאַל האָט מען אָנגענומען. דעם פּראָיעקט האָט דער לאַגער־נאַטשאַל־ניק באַשטעטיקט און מען איז צוגעטראָטן צו דער פּראָדוקציע.

נאַטירלעך, האָבן די לאַגערניקעס געמאַכט נאָר די קליינע שטעקעלעך — אַ זאַך וואָס מען קען אויסשניצן מיט אַ מעסערל, פון האָלץ, און עס פאָדערן זיך נישט קיין טעכנישע מיטלען.

אגב, וועגן די צינד־קעפּלעך איז נאָך קיין פּראָיעקט נישט געווען...

פון ערגעץ האָבן זיך באַוויזן מעסערלעך — אַ פאַרבאָטענער לאַגער־אינסטרו־מענט — און שטיקלעך האָלץ.

די העכסטע נאָרמע ברויט, וועלכע דער פּראָיעקט האָט פאָרויסגעזען, איז 700 גראַם פאַר 1500 שוועבעלעך. לויטן סאָוויעטישן סיסטעם, האָבן זיך באַלד אַרויס־געדרוקט „סטאַכאַנאָווצעס״, וואָס מאַכן 4000.

זיי זענען געוואָרן דער באַראָמעטער פאַר דער נאָרמע, וואָס האָט אין אַ קורצער צייט דערגרייכט: 10000.

— — — זיצט אַ בריגאַדע פון פופציק מענטשן דעם גאַנצן טאָג און שניצט שטעקעלעך. פאַרנאַכט גיבן זיי עס איבער דעם בריגאַדיר.

נאָר־וואָס איז דער בריגאַדיר צוריקגעקומען פון אַ באַראַק, וווּ ער האָט דעם גאַנצן טאָג געשפּילט אין קאָרטן, און אײַלט זיך וואָס שנעלער צו פירן זיין בריגאַדע עסן. ער דאַרף זיי ציילן, ווייל אין „נאַריאַד״ מוז זיין אויפגעשריבן וויפל יעדער־ער האָט געמאַכט.

פיבערהאַפט ציטערן די מענטשן איבער יעדן שוועבעלע, וואָס איז אויפן וואָג פון ברויט.

כדי עס זאָל זיין שנעלער צו ציילן און מען זאָל נישט קענען אָפּנאַרן, האָט מען געמאַכט אַ מעסטל.

ביי דער פּראָדוקציע פון די שוועבעלעך זענען באַשעפטיקט אַ פאַר הונדערט אַרבעטנדיקע אינוואַלידן, לעבעדיקע מתים, וואָס האָבן זיך נאָך מיט די לעצטע, צאַנקענדיקע כוחות, געקלאַמערט אין דעם בינדעם, גאַרנישט־צוזאָגנדיקן, לעבן.

אין דעם קליינעם מאַגאַזין פון דער פערטער אָפּטיילונג איז פאַרשמייעט אַרומ־געלאָפן רעזניק, אַ מינסקער ייִדה, און צוזאַמענגעשטעלט די זעק מיט שוועבעלעך. ער האָט זיי כסדר געציילט, איינגעשריבן אין בוך, אויסגעשריבן קוויטונגען פאַר די בריגאַדירן און כסדר געזוכט ערגעצוו צו באַקומען פרישע זעק פאַר דער לויפנדער „פּראָדוקציע״.

געלעבט היינטער קראָטן

צען טויזנט שוועבעלעך — דאָס איז געווען אַ סומע, וואָס איבערצוציילן זיי דאַרף מען האָבן אַ טאָג. טאָ וואָס זאָל מען אַרבעטן? האָט מען געשניצט אַביסל „דיקערע" שטעקעלעך. רעזניק איז פאַרצווייפלט. אין זיין מאַגאַזינדל איז נישט מעגלעך מער אַריינצוקומען; און יעדן טאָג קומט צו אַ פרישער טראַנספּאָרט זעק, וועלכע ער מוז אויפהיטן, טאָמער קומט ווער פון „צענטער" קאָנטראָלירן.

די אַרבעט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער, ווייל אויפן חשבון פון די געמאַכטע שוועבעלעך לעבן די בריגאַדירן, ביוראָ־לייטונג, טעכנישער פּערסאָנאַל, וואָס האָבן דווקא באַקומען די העכסטע נאָרמע ברויט.

צו דעם איז ווידער צוגעקומען נאָך איינער — אַ בראַקירער, כדי אָפּצוהאַלטן די פאַרפלייצונג פון די בעלקעס. וואָרים קיין שוועבעלעך האָט מען שוין לאַנג נישט געשניצט. נאָר ער האָט אַפילו נישט אַריינגעקוקט אין דעם זאַק, נאָר פאַרשריבן יעדער בריגאַדע צען פּראָצענט בראַק. דער עיקר — אויפן „נאַראַד" איז צוגעקומען נאָך אַן אונטערשריפט.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער לאַנג־דערוואַרטער פלאַקס. מען דרייט ווידער שטריק, מען פלעכט ווידער פון זיי לאַפּטשעס — „טשוניעס", פאַר וועלכע די פרייע אַרבעטער פון די מאַלאַטאָווער זאַוואָדן צאָלן 20 רובל אַ פּאָר.

מיטן אָנקום פון ווינטער, האָט רעזניק ממש אויפגעלעבט. דעם גאַנצן טאָג פלאַקערט דער אויוון און רעזניק באַפרייט איין זאַק נאָכן צווייטן פון די „שוועבעלעך". ער איז געווען רויק. די ראַפּאָרטן זענען שוין לאַנג אין „צענטער". אויך די פּרעמיעס פאַרן גוטן איינפאַל האָבן די נאַטשאַלניקעס אָפּגענומען.

**
*

דער „סטאַכאַנאָוויעץ" גריגאָרי פאַרעכאָוו אַן אָזשערבידזשאַניעץ. סטאַטיאַ: געזעץ פון 7טן אויגוסט*) (אוקאַז איז סעדמאָוואַ וואָסמאָוואַ) האָט אויך באַקומען זיין פּרעמיע. צוריקקומענדיק פון מיטאָג האָט ער נעבן דער קיך געפונען אַ גרויסן ביין. באַהאַלטנדיק אים אונטער דער פּאָלע פון דער צעריסענער פופייקע, האָט ער דעם ביין געבראַכט צו דער אַרבעט און באַלד גענומען אים נאָגן. עס איז געווען אַ

---

*) דער געזעץ (אוקאַז) פון 7טן אויגוסט 1932 פון העכסטן סאָוועט וועגן „ראַדזשישטשעניאַ סאָציאַליסטיטשעסקאָוואָ אימושטשעסטוואַ" — צענטראַנצלען דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום, האָט געהייסן אין לאַגער־לשון נאָך דעם טאָג און חודש ווען ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן: סעדמאָוואַ, וואָסמאָוואַ, וואָס מיינט: דעם 7טן טאָג פון 8טן חודש.

ווייסער, אויסגעגלעטער ביק, אָן אַ סימן פון פליישׁ אויף אים. אָבער גריגאָרי האָט עס נישט געזען. אויך די פופציק פאַר הונגעריקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אים, האָבן עס נישט געזען. פאַר זיי איז עס אַ ביק, פאַרבונדן מיט פליישׁ, וואָס באַדייט — אָנצופּילן דעם מאָגן, שטילן דעם הונגער.

ער האָט דעם ביק גענאָגט פון אַלע זייטן. איבערגעלייגט פון איין האַנט אין דער צווייטער, פון איין זייט מויל אין צווייטן. אַ דינע ריטשקעלע שפּייעכץ איז אים געררונען איבער דער גאָמבע. זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ פייכטן, נישט געזונטן, גלאַנץ. פעסטער האָט ער די ציין געקלאַמערט אין ביין. געדריקט אים מיט די הענט, ביז די שוואַרצאַפּלן האָבן זיך איבערגעקערט.

גריגאָרי איז אַראָפּגעפאַלן פון באַנק און געבליבן ליגן אויף דער ערד אַ פאַרגליווערטער, מיט אַ ווייסן, אויסגענאָגטן ביין צווישן די ציין.

שאַקאַלן

פאַרטאָג. קאַלטע עלעקטרישע לאָמפּן צעשניידן די אויסריבענדיקע הימלישע בלויקייט מיטן כוח פון קילאָוואַטן ענערגיע, וואָס פליסט אין זייערע וואָלפראַמישע אָדערן. איינזאַם קלינגען זיך איבער די וועכטער אויף די וואַכטורעמס. די נאַכט האָט אויסגעשפּרייט איר מאַמעשע האַנט אויף די, וועלכע דאָס געזעץ האָט אָפּגע־שלאָסן הינטער מויערן און זיי צוגעטיילט די געגאַרטע רו.

לאַנגע שאָטנס וואַרפן די באַראַקן. שאָטנס, וואָס ענדערן נישט זייער לענג אין דעם טויטן, צוגעשמידטן גלי פון די עלעקטרישע פייערן.

בלויז פון איין באַראַק שניידט אַ געדיכטער, פעכיקער רויך זיין וועג דורך דער פאַרטאָגיקער בלויקייט. אין הערמעטיש־צוגעמאַכטע קעסלען, אונטערן דרוק פון דאַמף, קומט פאָר דער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען האַרטן האָבער אין ווייסע קאַשע, וואָס די אַרעסטאַנטן וועלן באַקומען אויף פרישטיק.

פון דאָזיקן פּראָצעס, ווייס דער געלער קוכאַר, וועלכן אַלע רופן: „ריזשי”. כאָטש לויט זיין דיעלע הייסט ער גאָר: אַלעקסיי אַקימאָוויטש פּיאָטושקין. דער האָבער וועט ווייך ווערן און אַ ווייסע, מילכיקע פליסיקייט וועט זיך באַקומען. כאָטש דער האַרטער האָבער־שאָלעכץ וועט נישט פאַרשווינדן.

— צו וואָס אָבער — האָט „ריזשי” ווייטער געטראַכט — איז נויטיק צו פאַרען און קאָכן די בלעטער פון רעטעך? זיי וועלן דאָך קיינמאָל נישט ווייכער ווערן, און זייערע שאַרפע הערעלעך וועלן סיי ווי בייסן דעם גומען?!

אין דער צווייטער זייט באַראַק האָט זיך געלויכטן אַ פענצטער. קאַרגע פאַסן ליכט זענען צוליב די אייזערנע קראַטן, געפאַלן אין דרויסן, אויך צוליב דעם פאַרהאַנג איבערן פענצטער. דאָ האָט זיך געפונען דער לאַגער־אוצר, די „כלעבאָ־רעזקע”.

לאָבנס ברויט זענען צעפערטלט געוואָרן אונטער שאַרפע מעסערס, איינגע־

טונקענע אין וואַסער. דער שעף פון דער „כלעבבאַרעזקע“ האָט מיט אַ רויטן בליי־פעדער אָפּגעצייכנט די רשימות פון די בריגאַדעס.

צוויי געהילפן זיינע, אין ווייסע פאַרטעכער איבער די הויזן, האָבן געשניטן דאָס ברויט, און אַרויפגעלייגט עס אויפן וואָג. דאָס שוואַרצע נאַסלעכע ברויט איז ליימיק־שווער. די ברויטשניידערס האָבן קענטיק געהאַט דערפאַרונג אין שניידן; וואָרעם אַפילו אין אַ הונדערט־גראַמיק פּענעצל ברויט, האָבן זיי אויך באַוויזן אַריינצוזעצן אַ קלין מיט אַ העלצל.

דאָס העלצל האָט אי געדאַרפט האַלטן דאָס פּיצל צוגעטשעפּעט ברויט, אי עס האָט געדאַרפט איבערצייגן דעם, וואָס וועט עס שפּעטער עסן, אַז דאָס איז הונדערט גראַם ברויט, אָפּגעוויגן.

די ברויטברעקלעך האָבן די „כלעבבאַרעזן“ צונויפגענומען אין אַ קאַסטן. מיט דעם האָבן זיי געפיטערט דאָס פערד, וואָס האָט געמוזט שלעפּן דעם שווערן וואָגן ברויט דורך די טיפע בלאָטעס.

אַרום נאָך אַכט, האָבן זיך ביים פאַרקראַטעוועטן פענצטערל באַוויזן אַרעס־טאַנטן מיט „פּייקעס“ ברויט איינגעוויקלט אין שמאַטקעס, און זיך געבעטן:

— סעמיאַנאַוויטש, טויש מיר עס אויס אויף ברעקלעך — כ'האָב שוואַכע ציין.

די „שוואַכע ציין“, דאָס איז געווען אַן אויסרייד, און אויך אַ האָפענונג צו באַקומען מער ברויט.

צוגענומען אַ פאַרציע ברויט, האָט סעמיאַנאָוו אָפּגעוויגן אַזויפיל ברעקלעך, ווי דער געוויכט פון ברויט. נאָר פון גוטסקייט וועגן, צוגעשאָטן נאָך אַ פּאָר גראַם.

מיט פולע היטלעך ברויטברעקלעך זענען זיי שפּעטער געזעסן אויף די נאַרעס און שעהן־לאַנג געפּיקט עס, ווי פייגל, כאָטש שטילן דעם הונגער האָבן זיי קיינמאָל נישט געקענט.

די קיך, די סטאָלאָווע און די „כלעבבאַרעזקע“ — דאָס איז די הייליקע דריי־אייניקייט פון לאַגער, אין זכות פון וועלכער עס לעבן עטלעכע טויזנט נפשות...

**

מיטאָמאָל האָט זיך אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט באַוויזן אַ הויכע געש־טאַלט, איינגעוויקלט אין אַ באַשלאַט. די געשטאַלט איז צו צום דריטן באַראַק, וווּ ס'זוינען די אַרבעטער וואָס דאַרפן גיין אויף ווייטע בוי „אָביעקטן“. ער האָט אויפגעמאַכט די טיר און אויסגערופן:

— בריגאַדי, נאַ זאַווטראַק! (צום פרישטיק!).

די אויבנאויפיקע שטילקייט, דאָס איז געווען אַ דרימלדיקער ווולקאַן צוגע־דעקט מיט אַ הויפן ערד. דער הונגער האָט שוין פון לאַנג אויפגעוועקט די שלאָ־פנדיקע און כאַטש אין דרויסן איז נאָך געווען גוט פינצטער, האָבן זיי געוווסט אַז אָט באַלד וועט מען זיי אַ רוף טאָן. מיט פיבער האָבן זיי דערוואַרט די רגע.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער באַראַק געווען אַ רווישנדער בינשטאָק. שטיקער זאַק אַרום די פיס, און אַרײַן אין די טשע־טע־זע, די גרויסע שיך פון אויטאָ־רייפן, צוזאַמענגעקלאַפּט מיט נעגל, וואָס ווערן באַנוצט צו שמידן פערד.

ביים האַנטפּאַס זענען געשטאַנען עטלעכע אָנגעזעענע גנבים, און זיך אָפּ־געוואַשן דעם שלאָף פון די אויגן, מיט קאַלטן וואַסער. קיין זייף האָט קיינער נישט פאַרמאָגט. דאַן האָבן זיי זיך אָפּגעווישט מיט די שמאָלע ברודיקע שמאַטעס, וועלכע זיי האָבן פאַצעטיש געטראָגן אַרום האַלדז ווי שאַלן.

נאָך איידער דער רופער האָט באַוויזן אָנצומעלדן די אַנדערע באַראַקן, איז שוין אַ האַלבער לאַגער געשטאַנען גרייט ביים טיר פון סטאָלאָווע.

קיינער האָט נאָך נישט באַוויזן אַרײַנצושטעקן די פיס אין עסזאַל, האָט מען שוין געוווסט אַז ס׳איז נאָך נישט אַלץ גרייט. די וואָס זענען געשטאַנען ביים טיר, האָבן באַלד איבערגעגעבן די איבעריקע:

— כליעב ניעסוט! (מ׳טראָגט ברויט).

— מ׳האָט געעפנט די קיכפענצטערלעך!

ווי וויכטיקע געשעענישן, האָבן זיך די ידיעות פאַרשפּרייט צווישן עולם. די בריגאַדירן זענען שוין געווען אינעווייניק, געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן שעף פון זאַל, מיטן קוכער, אונטערגעשריבן די ליסטעס פון דער „כלעבאָרעזקע״.

ווי אַ שיף־קאַפּיטאַן וואָס שטייט אויפן בריקל און גיט באַפעלן צו די מאַ־שיניסטן און צום שטייערמאַן, אַזוי איז מאָלאָסאוו געשטאַנען אויפן מיטן פון עסזאַל.

דעם ערשטן באַפעל האָט באַקומען דער „דניעוואַלני״ ביים טיר:

— די אַכצנטע!

דער זאַל איז פול געוואָרן.

די בריגאַדירן האָבן געטראָגן אין קעסטלעך אָנגעשניטענע ברויטפּאָרציעס און לויטן הילצערנעם ברעטל — ווו יעדער איינער איז געווען פאַרשריבן — זיי אויסגעטיילט. אויפן דעק פון קעסטל זענען געבליבן עטלעכע „פּייקעס״. אַ

טייל האָט דער בריגאַדיר אַריינגעלייגט אין די טאַשן, די אַנדערע האָט ער געגע־בן זיין געהילף:

— דאָ האָסטו פאָר סיִענקעס, וויטקעס, וואָסקע „סאָבאָקע״ און דעם „באַציל״.

דאָס זענען לאַגער־„אַריסטאָקראַטן״, וואָס כאָטש זיי האָבן פיגורירט אין די בריגאַדע־רשימות, לויטן פרינציפּ: אַלע מוזן אַרבעטן, זענען זיי קיינמאָל נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט און אויך נישט צום עסן. סיידן זיי האָבן געמוזט דוכ־פירן אַ „ספּעציעל״ שטיקל אַרבעט, דעמאָלט זענען זיי אַוועק אויפן „אָביעקט״.

די „פּייקעס״ ברויט זענען באַלד פאַרשוווּנדן פון טיש. טייל האָבן עס קניי־פּנדיק פאַרשלונגען. אַנדערע איינגעפּאַקט אין אַ שמאַטקע און באַהאַלטן אין טאַש. דאָרטן, אויפן אַרבעטס־אָביעקט וועלן זיי עס אויסטוישן ביי אַ פרייען — אויף מאַכאָרקע. שפּעטער וועלן זיי די מאַכאָרקע איינטוישן פאַר ברויט אָדער געלט ביי די אינוואַלידן, וואָס קומען נישט אויסערן לאַגער. זיי וועלן די מאַכאָרקע מעסטן מיט שעכטלעך פון שוועבעלעך, אָדער מיט אַליין געמאַכטע „קאָמבינאַ־טאָרסקע קאַראָבקעס״.

אין יעדער בריגאַדע זענען דאָ עטלעכע „קאָמבינאַטאָרן״.

פון קיכפּענצטערל זענען געלאָפן רירעוודיקע מיידלעך מיט הילצערנע טאַצן, אויף וועלכע ס'איז געשטאַנען אַ פּיראַמידע פון בלעכענע שיסעלעך. הונגעריקע אויגן האָבן ווי שאָטנס נאָכגעפאָלגט די טאַצן וווּ זיי וועלן זיך אָפּשטעלן.

— אַכצנטע? — האָט דאָס מיידל אַ פרעג געטאָן.

— זדיעס! — האָבן אַ פּאָר שטימען אויסגערופן.

מיט די שנעלקייט פון אַ קאָנווייער, האָבן זיך די שיסעלעך באַוועגט איבערן טיש.

בריגאַדעס, אויסגעזעצט ביי ווייטערע טישן האָבן, ווי פאַראַרימטע קרובים אויף אַ גבירישער חתונה, זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז מ'וועט זיי באַדינען.

— בליאַדי, וו'ראַט וואָס... ניע כאָראָש! — האָבן זיי געזידלט די דערלאַנגערינס.

וואָסיק, פון דער זעכצנטער האָט געהאַט אַן אַנדער מיטל, ווי זידלען. ער איז צו צום פענצטערל, אַ קיצל געטאָן אין וייכן אָרט דאָ דער, דאָ יענער.

— וואָט זאָשירילאַ נינקאַ, מ'קען דיך שוין חתונה מאַכן... האָט ער זיך צעלאַכט.

דאָס האָט געהאָלפן. שוין איז אַ פולע טאַץ געבליבן שטיין ביי דער זעכצנ־טער בריגאַדע, און צוזאַמען מיטן צוגעשריבענעם „פּאַיאָק״, איבערגעיאָגט אַ פּאָר איבעריקע שיסעלעך קאַשע.

געלעבט הינטער קראַטן

אין זשומען פון עסזאַל, ווו יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט זיך, האָט זיך שטילערהייט פון הינטערן אויוון אַרויסגעשלייכט אַ געשטאַלט און האָט זיך פלינק ווי אַ קאַץ צוגעגנבעט צום קיכפענצטערל, ווו ס׳זענען געשטאַנען אָנגעגאָסענע שיסעלעך זופּ.

מיט ציטערדיקע הענט האָט ער דאָס שיסעלע געכאַפּט צום מויל, און אָנגעהויבן גיריק זופּן.

— שאַקאַלן! — האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי, ווי אַ יאַגד־אויסרוף. דער יאַט מיטן האַלב־אויסגעטרונקענעם שיסעלע, האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן זאַל. נאָך אים, ווי יאַגדהינט, האָבן זיך צעלאָזן: דער שעף, דער „דניעוואַלני“, די טעלער־צוזאַמענקלייבער און בריגאַדירן.

— עד טי שאַקאַל, שקאָדניק (שעדיקער) — האָבן זיי אים געשטויסן, געקניפּט, געריסן. און ער האָט וויינענדיק, נישט אַרויסגעלאָזט דאָס שיסעלע פון האַנט.

צעשלאָגן, פאַרווייינט, איז דער „שקאָדניק“ געבליבן אין דרויסן. דורך אַ זייטיקער טיר איז ער ווידער אַריין אין עסזאַל, צו פּרובירן זיין מזל הינטערן אויוון. אָבער דאָרט איז שוין געשטאַנען אַן אַנדער „שאַקאַל“, וואָס האָט מיט הונגעריקע בליקן געלויערט אויפן בלעכענעם שיסעלע, אין וועלכן ס׳זענען אַרומגעשווומען אַ פּאָר ביטערע בלעטער פון רעטעך...

אין שפּיטאָל

טעג גייען פאַרביי. גרויע, וואָכיקע, ווי מידע וואַנדערער אויף זאַמדיקע ווענן, אומבאַמערקט. קיינער האָט זיי פון ערגעץ נישט אַרויסגעשיקט און אין ערגעץ נישט דערוואַרט. גייען זיי, ווי דער אומרו פון דער צייט, באַהאַנגען מיט לייוונטענע טאַרבעס, און אויף זייערע קאַרבן ליגט זיך אָפּ דער שטויב פון צייט — טעג.

אין איינעם אַזאַ גרויען לאַגערטאָג, וואָס אַלע צוזאַמען דאַרפן זיי שאַפן דעם צייטאָפּשניט פון פינף יאָר, איז מיכל געלעגן אין שפּיטאָל. אין זיין קרענק איז נישט געווען עפּעס ספּעציעלעס, אָדער אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל. עס זענען געווען די נאָרמאַלע לאַגער־קרענק:

צינגאַ — מאַנגל אין וויטאַמינען און גרינסן.

די איינציקע וויטאַמינען וואָס דער לאַגער האָט צוגעשטעלט איז געווען דאָס וואַסער פון אויסגעקאָכטע גרינע נאָדלען פון יאָדלעס. דעם געטראַנק רופט מען: „פּיכטאַ" — נאָר ער איז נישט גענוג צו דעקן די וויטאַמין־באַדערפעניש פון אָרגאַניזם.

סימפּטאָמען: צעפוילטע דזשאָנסלעס, וואָס בלוטיקן און די ציין שאָקלען זיך.

פּילאַגרע: דער אָרגאַניזם איז אויסגעשעפּט פון פעטס, צוקער און אַלע שטאָפן, וואָס העלפן דאָס פאַרדייען און כעמישן פאַרבאַנדערלייגן פון שפּייזן.

סימפּטאָמען: דאָס עסן קומט אַרויס נישט פאַרדייעט, אין זעלבן צושטאַנד ווי עס קומט אַריין.

אין דער אונטערשטער שורה: אַ מענטש וואָס וועט שוין לאַנג נישט אָנציִען.

דער לאַגער־לעקסיקאָן פאַרלירט אויף אַזאַ איינעם נישט מער ווי איין און איינציקן וואָרט: „דאָכאָדיאַגע". דאָס מיינט: ער דערגייט שוין...

מיכל ליגט אין אַ בעט, אין ווייסע וועש, כאַטש מיט אַ שטעמפּל: זאַ־קאַ, און מיט אַ ווייסער קאָלדרע צוגעדעקט. דאָס מיינט שוין אַ מדרגה, און פאַר מיכלען, וואָס האָט יאָרן זיך נישט אויסגעטאָן, און די האַרטע נאַרעס זענען אים אויסגעקומען ווייך, ווי אַ פעדערבעט, אַ טרוים אין וועלכן עס איז שווער צו גלייבן...

קיין טעמפּעראַטור איז נישטאָ, כמעט אַ נאָרמאַלער צושטאַנד. נאָר מיכל פילט, ווי דאָס לעבן רינט אויס פון צווישן די פינגער, ווי טרוקענער זאַמד. ער רינט טראַפּנווייז, טאָג־איין, טאָג־אויס. לאַנגזאַם, ווי די נשמה וואָלט געקליבן זיך צו קומען פאַרן בית־דין־של־מעלה אַ ריינע, און נישט מיט אַ פּעקל פון אַ פּאָר יאָר, וואָס זי וואָלט נאָך געמוזט צוזיצן...

ניקאָליי אַלעקסאַנדראָוויטש אַבראַמאָוו, דער מיליטערישער פעלשער פון דער פּריי און דער דאָקטער פון אַכצענטן שפּיטאָל־באַראַק, האָלט אַז מיכלען קען ראַטעווען:

קודם — אַ שטאַרקער ווילן צום לעבן, אַ ווילן וואָס זאָל קאָנצענטרירן אַלע חושים אויף איין פּונקט: לעבן.

און דאַן די כלערליי איינשפּריצונגען וועלכע ער מאַכט אין מיכלס אָדערן, דירעקט אין זיין בלוט אַריין...

און ביידע — סיי מיכל און סיי אַבראַמאָוו, האָבן זיך פאַרלייגט צו ברענגען דעם קערפּער אין דעם צושטאַנד, ער זאָל פעיק ווערן צו באַקעמפן די דעסטרוקטיווע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיך אין אים אַריינגעכאַפּט...

נעבן מיכלען, ליגט דער קאַרייער קים. אַלס סיבה פון זיין קראַנקייט גיט ער אָן:

— אויסגעטרונקען אַ האַלבן ליטער פּוטער, פון אַ „פּערעדאַטשע"...
פון וועמען קים קריגט „פּערעדאַטשעס" ווייס קיינער נישט.
נ. אַ. אַבראַמאָוו שטעלט פעסט, אַז די סיבה איז אַ פּיל פּשוטערע:

— דער ווילן זיך אַריינצוקריגן אין שפּיטאָל האָט געבראַכט קימען דערצו, אַז ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט מאַשין־אויל.

דורך די ערשטע וואָכן פון זיין קראַנקייט איז קים געוואָרן דיק, געשוואָלן, און מען האָט געמיינט, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט ער פּלאַצן. נאָר מיטאַמאָל האָט דאָס געשווילעכץ גענומען אָפּגיין, און קים איז געוואָרן מוראַדיק דאַר — ווי אַן אויסגעטריקנטער, אַלטער כינעזער... קיינמאָל מער, איז קים נישט אַריין אין דער פאָרם פון אַ מענטשן, וואָס איז אַלט 23 יאָר.

געלעבט הינטער קראַטן

אין אַ זוניקן טאָג איז קים אַרומגעקראָכן איבערן שפּיטאָל־שטעטל, אָנגע־שפּאַרט אויף אַ שטעקן. אַ געבויגענער זקן...

**
*

דער שוסטער טימאָפּעיעוו עסט נישט. זיין צוטיילונג פון סוכאַרעס שיט ער אַריין אין קישן. אַזוי שוין טעג. אָנשטאָט אויף אַ קישן, ליגט ער אויף האַרטע, שוואַרצע סוכאַרעס... נאָר עמעצן אַוועקשענקען זיי, קען ער זיך נישט פאַרגינען, כאָטש ער שפּירט נישט קיין באַדערפעניש צו עסן. בכלל שפּירט ער שוין גאָר נישט. בלויז די אויגן זעען אין יעדן אַ שונא, וואָס וויל אים באַרויבן פון זיין פאַרמעגן, וואָס מען וואָלט געקענט אויסטוישן אויף אַ צוויי קעסטעלעך מאַכאָרקע...

שלאָפט ער נישט, וואַרעם ער ווייסט:

— די וואָס פילן זיך נאָך נישט ווי ער, זענען הונגעריק...

זיי האָבן פון אים געפּרוווט אַרויסצוקריגן די סוכאַרעס אויף אַ פרידלעכן וועג, און פאַרקויפט אים פאַרטיק־געדרייטע ציגאַרעטן.

זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי גראָז, פון שטרוי־זאַק אַרויס...

ביז איין נאַכט איז ער איינגעשלאָפן. אין שלאָף האָט ער דערפילט אַ ווייכקייט הינטערן קאָפּ, אָנשטאָט די האַרטע סוכאַרעס...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט גרויסע, צעשראָקענע אויגן. די סוכאַרעס זענען פאַרשוווּנדן. פון הילפלאָזן פאַרדרוס, האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— באַנדיטן! מיין ברויט!

אינדערפרי איז ער געווען קאַלט — ווי אַלע טויטע. דאָס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם פאַרלוסט...

**
*

אין שפּיטאָל ווערט ענג. אין פיר בעטן צוזאַמענגערוקט — ליגן פינף קראַנקע: אַ ייִדה, אַ קאַווקאַזער, אַ עסטאָניעץ, אַ רוס און אַ קאַלמיק — פאַרבונדן דורכן גורל מיט אַ פּאַראַגראַף פון שטראָף־קאָדעקס און מיט צוויי לאַגערקרענק: צינגאַ און פּילאַגרע...

**
*

דער „טעלעגראַפיסט" פון באַראַק איז קאַליע. ער שלאָפט האַרט ביי דער וואַסערלייטונגס־רער, וואָס פירט אין דער שפּיטאָל־קיך. ווען אַלץ שלאָפט נאָך

און דער פרישטיק איז שוין פאַרטיק, קלאַפּט דער קוכער צוויי מאָל מיטן שעפּ־לעפל איבערן רעדר. די „טעלעגראַמע" נעמט אויף קאַליע, און רופט אויס:

— קאַזירעוונאַ, נאָכן פרישטיק!

אַזוי פינף מאָל אין טאָג. אויב עס טרעפט, אַז עס בלייבט עסן אין קעסל און מען דאַרף אים פריי מאַכן, טוט דער קוכער אַ קלונג און שוין ווייסט קאַליע:

— קאַזירעוונאַ, פאַ דאַבאַווקו! אַ צוגאָב...

נאָך איידער די רעדר קלינגט אין שלאָפנדיקן באַראַק, דערהערט זיך אין דער פריִער שעה אַן אויסרוף איבערן וואַנט:

— מאַמקי, נאַ קאַרמיאַשקו!

אַ גערודער. די טיר מאַכט זיך אויף און מענטשן גייען אַרויס.

די „מאַמקעס" גייען אין קינדערהייט — צו זייגן זייערע קינדער.

ליגנדיק אויף זיין בעטל, איז מיכל פון אַ שכן געוווּיר געוואָרן:

— די „דיעטיאַסלע", די קינדערהיים, איז דער פּלאַץ ווו עס האַלטן זיך אויף קינדער פון פרויען וואָס ווערן פאַרמשפּט און שפּעטער געבוירן זיי אין לאַגער, אָדער קומען אַן אַהער מיט זויגקינדער פון דער פריי.

די שוואַנגערשאַפט אָדער דאָס זויגקינד, קען דער פרוי נישט פאַרהיטן פון באַקומען אַ „סראָק".

נאָר אַממערסטן קינדער, וואָס האַדעווען זיך אין דער „יאַסלע", שטאַמען פון לאַגער גופא: לאַגערקינדער. אַ פרוי וואָס האָט אַ זיבן, אָדער צען יאָר אָפּצו־זיצן, קען נישט אויסהאַלטן די שווערע אַרבעט און דעם הונגער — גיט דער שכן מיכלען צו פאַרשטיין. זי געפינט תמיד עמעצן וואָס טוט איר די טובה. אַרום אַכטן מאָנאַט פירט מען איר אַריבער אין שפּיטאָל־שטעטל. נאָכן האָבן, באַ־קומט זי לייכטע אַרבעט אין די שפּיטאָל־באַראַקן. עטלעכע מאָל אין טאָג, אין באַשטימטע שעהן, קומט זי אין קינדערהיים, צו פיטערן דאָס קינד. דאָ פּאַסט אַ וועכטער אויף, זי זאָל צו לאַנג ביים קינד נישט בלייבן. בלויז זונטיק קען די מוטער זיין מיט איר קינד עטלעכע שעה.

אויב די פרוי פירט זיך אויף — לויט די באַגריפן פון זיכערקייטס־קאָמענ־דאַנט — אָנשטענדיק, לאָזט מען איר איבער אין שפּיטאָל־שטעטל אַ דריי יאָר... נאָר דער קאָמענדאַנט געפינט תמיד אַ תירוץ ווידער אַוועקצושיקן דער מוטער, צו שווערע אַרבעט.

ווען די קינדער וואַקסן אויס פירט מען זיי אַריבער אין דערציִונגס־אַנשטאַלטן אויף דער פריי. זייער טאַטע־מאַמע איז די מלוכה...

געלעבט הינטער קראַטן

ווען מיכל האָט זיך שוין געפילט אויף אַזוי פיל געזונטער, אַז ער איז געווען בכוח צו טראַכטן, האָט אים דער דאָזיקער פּאַרטאַגיקער רוף:

— מאַמקי נאַ קאַרמיאָשקו! — אַרויפגעפירט אויף געדאַנקען:

— אַ נייער דור מענטשן ווערט באַשאַפן. קינדער וואָס געהערן צו דער געזעלשאַפט, און פּרויען, ביי וועלכע דער מוטער־געפיל ווערט אַטראָפירט...

**
*

מיכלס באַגריפן וועגן געזונט:

אַ וווּנדערבאַרע זאַך, וואָס מען קען נישט אָנטאַפּן, דערקלערן. פילסט ווי די לונגען אָטעמען טיף, דאָס האַרץ קלאַפט נאָרמאַל, דער שלאָף איז אָן קאָשמאַרן, און די פיס לויפן אַליין איבערן באַראַק. ס'איז לייכט אויף דער נשמה און קריגסט הומאָר.

געזונט און הומאָר — צוויי זאַכן וואָס דערגאַנצן זיך איינאַנדער...

אַדאַ

דער זייגער איז שוין געווען אַרום צוויי ביינאַכט. די לעצטע גרופּע אַרעסטאַנטן איז אַרויס פון באָד, מיטנעמענדיק אין זייערע פאַרשמאָלצענע בגדים די הייסע, טרוקענע לופט פון דיזענפעקציע־אויוון און די טויטע גופים פון די חיהלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעבריט אין די נעט. אָפּגעקילטער דאַמף פאַלט פון סופיט אויף די בענק. אַ פאַרבלאָנדזשעטער פליג זשומעט אַרום עלעקטרישן לאָמפּ און צעשניידט די שטילקייט מיט איר זום... זום...

איבערן זאַל ליגן צעוואָרפן דראָטעמע רינגען, אויף וועלכע עס זענען געהאָנגען די קליידער אין דער דיזענפעקציע; שטיקלעך שטריק, שמאַטעס וועלכע מען האָט נישט באַוויזן אַרומצובינדן, ווייל איינער האָט געיאָגט דעם צווייטן, מען זאָל נאָך באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ דרימל אויף די נאַרעס ביז צום „ראַזוואָד", ווען מען גייט אַרויס צו דער אַרבעט.

דער איינציקער וואָס דרייט זיך נאָך אַרום איבער דער באָד איז מיכל. ער שטעלט צוזאַמען די פאַראָסטעטע בלעכענע שיסלען, קלייבט צונויף די דראָטן, דרייט צו די טריפנדיקע קראַנען. דאָס איז שוין די דריטע אַרבעט, וואָס מען האָט אים צוגעטיילט אין לאַגער, ווו ער דאַרף אָפּקומען די פינף יאָר, לויטן אַורטייל פון מיליטערישן טריבונאַל.

אַ טויטע שטילקייט ליגט איבערן לאַגער. קאַלטע עלעקטרישע לאָמפּן אויף די וועכטער־טורעמס צעשניידן די נאַכט אין גראָדעקן, אין קוואַדראַטן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט לייזן אַ געאָמעטרישע אויפגאַבע.

מיכל פאַרמאַכט די טירן, לעשט אויס דאָס ליכט, און מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן באַוועגט ער זיך איבערן באָד, פונקט ווי די אויגן און די פיס וואָלטן געווען צוויי אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזמען. ווען די אויגן זענען שוין צוגעקלעפּט פון מידקייט, באַוועגן זיך נאָך די פיס, פאַרויס.

אין שמאָלן קאָרידאָר, ווו ער שלאָפט געווײנטלעך אויפן וואַרעמען בעטאָן נעבן די דיזענפעקציע־קאַמערן, איז איצט געלעגן דער עטאַפּ, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון טורמע. ערשט מאָרגן וועט מען אים סעלעקטירן, און פאַרנאַנ־דערטיילן אין די באַראַקן.

מיכל איז פאַרבייגעגאַנגען דעם שלאָפנדיקן „אָכראַניק״, וואָס האָט געהיטן דעם עטאַפּ און זיך אַרומגעקוקט. דורכן פענצטער האָט אַ בלאַסע לבנה באַלויכטן מיט איר מעשענעם אָפּגלאַנץ צעוואָרפענע קערפּערס איבערן בעטאָן; טייל איינ־געגורעט איינער אין צווייטן, אַנדערע ווידער פאַרריסן די נעז אינדערהויך, מיט אָפענע מיילער, פון וועלכע עס רייסט זיך אַ שנאָרכן.

זעלטן ווען, אַז מיכל פאַראינטערעסירט זיך מיט אַן עטאַפּ. פאַר אים זענען עס געווען מענטשן ווי ער, וואָס וועלן נאָך ענגער מאַכן אין די באַראַקן, וואָס וועלן לויפן אָפט צום דאָקטער נאָך הילף, זיך פּרובירן קלאַמערן אין זייער אינדי־ווידואַליטעט, און צום סוף — אַנטמוטיקטע און דערשלאָגענע וועלן זיי אַרויפציִען אויף זיך די גרויע אָנפּנימדיקייט פון דער מאַסע, וואָס מעקט אָפּ די גרענעץ צווישן מאַן און פרוי, און טראָגט געדולדיק דעם גורל פון אַ לאַגער־אַרעסטאַנט.

פלאָנטערנדיק זיך צווישן די שלאָפנדיקע, האָבן זיך זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אויף אַ רגע פאַרהאַלטן אויף אַ מיידל, וואָס איז געזעסן אויף איר פּופּיקע און געקוקט פאַר זיך, אין דער האַלב־טונקלקייט פון קאָרידאָר.

דער מעכאַניזם וואָס באַוועגט די פיס, האָט ווייטער זיי געטריבן צו גיין אויסזוכן זיך אַ פּלאַץ פאַר אַ נאַכטלעגער. נאָר אין לעצטן אויגנבליק איז דאָרט עפּעס קאַליע געוואָרן, און זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט נעבן דעם מיידל. אין ערשטן מאָמענט איז פאַר אים אַפילו נישט געווען קלאָר, צוליב וואָס ער טוט עס. אין מיכלס לאַגער־לעבן האָבן פרויען נישט פאַרנומען קיין אָרט און נישט געוועקט אין אים קיין פאַרלאַנגען. זונטיק, ווען די פרויען־זאָנע האָט זיך געבאָדן, זענען זיי אין די הונדערטער דורכגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן. פאַר אים זענען זיי געווען אַנדערש פון די מענער בלויז מיט דעם — וואָס יעדע האָט באַקומען אַ האַלבן לעפל זייף מער, און דאָס הייסע וואַסער האָט ער געלאָזט פליסן אין די קראַנען אַרום צען מינוט לענגער, ווי פאַר די מענער. אַזוי האָבן פאַרלאַנגט די פאַר־שריפטן. די טומלדיקע פרויען ביי די בלעכענע שיסלען האָבן אים אויסגעזען ווי אָפּגעפליקטע, נישט דערקוילעטע הינער, וואָס צאַפּלען זיך נאָך, אָבער פאַקטיש זענען זיי שוין טויט.

מיכל האָט נישט געוווּסט וואָס פריִער צו זאָגן. דער מידער גוף האָט גע־

געלעבט הינטער קראַטן

בענקט נאָך רו, און געמאָנט: קום שלאָפן. כ׳בין מיד... מיד.. אָבער אירע קורץ געשוירענע, בלאָנדע האָר האָבן אין דער לבנה־שיין אויסגעזען ווי צייטיקער קאָרן, און אירע אויגן, ווי בלויע קאָרן־שוועסטערלעך, וואָס קוקן אַרויס פון צווישן די זאַנגען. איר פּנים, קינדעריש צאַרט האָט געשמייכלט מיט אַזויפיל נאַיווקייט, ווי עס וואָלט געזאָגט:

— ס׳איז דאָך נישט אמת, אַז כ׳בין אין אַ לאַגער?!

זי איז די טאָכטער פון אַ דירעקטאָר פון אַ הידראָעלעקטרא־סטאַנציע. אין די זומער־פעריען, נאָכן ענדיקן דעם ניינטן קלאַס, האָט מען זי מאָביליזירט אויף אַ פאַבריק. צו שווער איז געווען די אַרבעט, שווערער נאָך די צודרינגלעכקייט פון די בריגאַדירן. איז זי אַנטלאָפן אַהיים, צו דער מאַמען. דאָס קען אָבער דאָס געזעץ נישט דולדן, און פאַרמשפּט דער זיבעצן־יעריקער מיידל צו פינף יאָר לאַגער־אַרבעט.

אירע אויגן פרעגן מיכלען:

— וועל איך טאַקע מוזן אָפּזיצן דאָ פינף יאָר?

מיכל צווייפלט נישט אין דעם. די איינציקע האָפענונג איז, אַז נאָכן קריג וועט זיין אַן אַמנעסטיע און זי באַפרייען. אָבער די צייט וואָס זי וועט בלייבן אין לאַגער, וועט פאַרוואונדן איר נשמה, און אויב עס וועט זיך ווען עס איז פאַרהיילן, וועט איבערבלייבן אַ טיפער שראַם.

מיכל האָט אויסגעזוכט די צאַרטסטע ווערטער, כדי צו טרייסטן איר. זיין שפּראַך איז שוין אָבער געווען צעפרעסן פון לאַגער־באַציל, וואָס האָט פאַרניכטעט די רויטע קעמערלעך און אויף זייער אָרט געשאַפן גאַליקע, הפקרדיקע, מיט ניבול־פּה דורכגעפרעסענע ווערטער, באַצייכענונגען און אויסדרוקן. האָט ער דעריבער מער געשוויגן, נישט וועלנדיק צעשטערן די לעצטע נאַכט פון חלומות ביים דאָזיקן קינד.

אויף אירע איבערלעבונגען פון דער פריי איז נאָך געלעגן דער טוי פון פרילינגדיקע פרימאָרגנס, פון אוראַלער ווייסע נעכט...

פון די טיפענישן פון זיין איך, אויף וועלכע די פאַרגאַנגענע יאָרן אין לאַגער האָבן איינגעברענט זייער שטעמפּל, איז אין דער רגע אַרויסגעשווומען אַ געפיל, וואָס איז איבערהויפּט פרעמד אין לאַגער — ליבע.

ווי אַ סאָלדאַט, וואָס איז נישט קיין האַר פון זיין ווילן, און צווישן זיין זיין און זיין נישט־זיין, ליגט נישט מער ווי אַ פּינטל מיטן אויג, אַזוי איז אויך דער

אַרעסטאַנט אין לאַגער. דערפאַר איז ליבע אין לאַגער אויסגעהוילט פון יעדן געפיל און באַגרענעצט זיך צו איין באַגריף: ווייב.

ווי אַ טייערן אוצר האָט מיכל פאַרבאַהאַלטן דעם דאָזיקן געפיל, וואָס האָט זיך אין דער דאָזיקער מינוט פאַר אים אַנטפּלעקט — און איבערגעפירט אים אין גאָר אַן אַנדער וועלט.

**
*

דאָס לאַגער־לעבן איז ווי אַ מעכאַניזם, ווו אַנשטאָט צאָנרעדער און קאָלבעס באַוועגן זיך לעבעדיקע מענטשן, און די באַוועגונג פון איין בריגאַדע איז אַריינגעפּאַסט אין דער צווייטער — איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אינדיווידועלע אָפּנויגן, אָדער זעלבסטשטענדיקער באַוועגונג. דער מענטש שלאָפט, ווען זיין בריגאַדע טוט עס. ער עסט, ווען זי טוט עס. ער גייט אין באָד און צו דער אַרבעט מיט דעם קאָלעקטיוו: די בריגאַדע.

דער יחיד, וואָס צוליב זיין כאַראַקטער אָדער דערציִונג קען זיך נישט אַריינפּאַסן אין דעם דאָזיקן מעכאַניזם, ווערט צעריבן ווי אַ זעמדל אין צעשטויבט. דער סכום ווידערשטאַנדס־קראַפט פון יחידישן ווילן, געווינט בלויז צייט, וואָס פאַרלענגערט דעם פּראָצעס. דער סך־הכל אָבער איז דער זעלבער.

די דאָזיקע לאַגער־פילאָזאָפיע האָט מיכל גאָר גיך פאַרשטאַנען. די דערציִונגס־מעטאָדן פון לאַגער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פּראַקטישער ווי פון דער פאָלקסשול. אויפן צווייטן יאָר איז מיכל אַריינגעפּאַסט געוואָרן אין דעם לאַגער־מעכאַניזם, ווי אַ קליין רעדעלע אין אַ גרויסן שלאָסזייגער.

אין יענער נאַכט האָט מיכל זיך באַמיט עס צו דעפינירן און אויפקלערן דעם מיידל. ער האָט איר געוואָלט אַריינפּאַסן אין דער גרויסער מאַסע, ווי זי וואָלט שוין געווען פון לאַנג אַ באַשטאַנדטייל פון איר. ער האָט געוואָלט איר פאַרהיטן פון דורכמאַכן די דערפאַרונגען, וועלכע ער האָט געהאַט היגטער זיך.

די מידקייט איז אויסגערונען פון זיינע ביינער, אויך די שלאָפנדיקע זענען צעשוווּמען ווי אין אַ נעפּל, צוזאַמען מיט די דיזענפעקציע־קאַמערן און די פּעטע טאַראַקאַנעס, וואָס זענען געזעסן אין די שפּאַלטן פון די ווענט.

מיכל האָט געזוכט פאַר זיך די אויפגאַבע צו געבן איר אַ סכום אָנווייזונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן דעם מיידל דורכצוהאַלטן די שווערע לאַגער־טעג, וואָס קומען איר אַנטקעגן.

**
*

די לאַגער־באָד האָט געאַרבעט מיט פולדאַמף. אויפן געהילץ־לאַגער איז סקאַראַכוואַטאַוו, ווי אַ קריגס־קאָמאַנדיר, אַרומגעגאַנגען צווישן די האָלץ־העקער און געגעבן אָנווייזונגען, וואָס צו האַקן און זעגן, מען זאָל אַלץ אַריבערטראָגן אין באָד אַריין.

פּיזול, דער בעסאַראַבער „זלאָסטני ספּעקוליאַנט", וואָס איז שוין דאָ אַ יאָר פינף, האָט יעדעס מאָל זיך באַוויזן אין אַ צווייטן אָרט און אײדער מען האָט אים רעכט געקענט דערזען, האָט אַ פלייץ געטון פון זיין מויל אַ מבול פון זידלווערטער, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן זיין אויטאָריטעט אַלס באָד־פּאַרוואַלטער.

— וו'ראַט... הורן־זין. עס זאָל דערגיין ביז 120 גראַד אין אויוון — האָט ער געשריגן צו די קאַטשעגאַרן.

— און דאָס, בליאַד, איז פאַר דיר — האָט ער געזאָגט צו מיכלען, אויף ריינעם מאַמע־לשון, דערלאַנגענדיק אים אַ שטיק פּאַפּיר.

פּאַרטיעס פון הונדערטער זענען אַריין און אַרויס פון באָד. אַלץ איז געווען אויף די פיס. מיכל איז געזעסן צווישן די אָנגעהיצטע קעסלען וואַסער, צוגעגאָסן קאַלטע, געטונקט אַ פינגער, צי ס'איז גענוג הייס און געוואַרט אויפן סיגנאַל, וואָס דאַרף קומען פון אונטן.

דער וואַנטזייגער פון דריי רעדלעך מיט אַ וואָג, מיט וועלכן די קאַטשעגאַרן האָבן זיך באַנוצט, האָט באַוויזן פופצן מינוט. אַ שטיק אייזן האָט זיך צעקלונגען איבערן רער, וואָס איז געווען מיכלס „טעלעפאָן". ער האָט שנעל צוגעדרייט דאָס הייסע וואַסער, נישט לייגנדיק קיין אַכט וואָס אונטן האָט מען אים געזידלט, אָנהייבנדיק פון זיין עלטער־באָבען, גאָט און זיין מוטער, ביז צום יאַפּאַנער, דעם פאַרהאַסטן סאַמוריי...

מיכל האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש דעם שטיק פּאַפּיר און זיך איינגעקוקט; ס'איז געווען אַ שטיקל פּאַפּיר, אָפּגעריסן פון אַ צעמענט־זאַק. ער איז נאָך געווען באַדעקט מיט דינעם צעמענט־שטויב.

מיכל האָט עס געדרייט אין אַלע זייטן, נישט וויסנדיק צו וואָס פּיזול האָט עס איז געגעבן. אין שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון, האָט ער באַמערקט אַ בלאַסע שריפט, געמאַכט מיט אַ טעמפּן בלייפעדער, וואָס איז געווען קוים איבער־צולייענען:

משה אײזענבוד

„טײערער מישקאַ!

זינט יענער נאַכט, האָט נאָך קײנער צו מיר נישט גערעדט אַזױ װי דו. הײנט האָט דער „פּראָראָב״ מיר פאַרגעלײגט כ׳זאָל װערן דײן װײב. ער װעט מיר אױסקלײדן און געבן לײכטע אַרבעט אין קיך. װען כ׳װאָלט קײנעם נישט געהאַט דאָ, װאָלט איך אפשר מסכים געװען. כ׳שטײ דעם גאַנצן טאָג און מיש װאַפּנע. מײנע פּיס זענען װײס מיט אױסגעגעסענע לעכער. ער האַלט מיך דאָ מיט אַ מײן... נאָך מיטיק האָט ער מיר גערופן אין סקלאַד אַרײן, נאָך אַ טאַטשקע, אָבער דו װײסט בעסער נאָך װאָס... ס׳איז דערפון גאָרנישט געװאָרן. װעסט פגרן — זאָגט ער — בײ דער װאַפּנע.

געפין אַ װעג, כ׳זאָל קענען מיט דיר זיך טרעפן אין באָד. כ׳גלײב אין דיר.

דײן אַדאַ.

פּ. ס. איך װיל דיך...״

די רעד האָט זיך פלוצלינג צעקלונגען. מיכל האָט פאַרשטעקט דעם בריװל אין טאַש און זיך געכאַפּט אױפדרײען דאָס װאַסער. פּיזולס שטים, װי דער עכאָ פון דער װירקלעכקײט, האָט אים צוריקגעבראַכט אין גלײכגעװיכט...

באַפרייאונג...

אַ געווײַנלעכער מאַי־פרימאָרגן האָט געטראָפן מיכלען אין גאַס מיט צווײַ עמער אין האַנט. ער איז געגאַנגען נאָך פרישטיק פאַר דער באָד־בריגאַדע.

דער פאַרוואַלטער פון באָד — יאָסיף מייעראָוויטש, איז פאַרנומען מיטן װעשסקלאַד, מיט די חשבונות פון זייף און אַלטע, צעריסענע וועש.

זײַן פאַרטרעטער, פּיוּול, איז פאַרנומען מיט שיקסעס. אַזוי איז דאָס רויע לאַגער־לעבן. דער הונגעריקער זוכט ברויט און דער זאַטער — אַ ווײַב. אויך מיכלס אַקסלען, וואָס ווערן פעסטער און רונדיקער מיט יעדן טאָג, פּאַלט די גאַנצע אַרבעט. זײַנע באַלעבאַטים האַלטן אַפילו:

— מען קען אים שוין חתונה מאַכן...

ווען אַלע אין באָד שלאָפן נאָך, גייט מיכל אין קיך אַהיימצוברענגען דעם פרישטיק. דאָס איז די פּריווילעגיע פון די באָד־אַרבעטער. אַ חוץ דעם „בלאַט“, וואָס מיכל האָט ביי דעם קוכער...

מיכלען וווּנדערט די שטילקייט פון לאַגער. פונקט ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן, אָדער עס וואָלט געווען איינער פון די דריי רו־טעג אין חודש.

מיכל רעכנט נאָך. ניין. ס'איז הײַנט מיטוואָך. אַן אַרבעטס־טאָג. ווען דער לאַגער דאַרף רוישן ווי אַ בינשטאָק, אײדער די בריגאַדעס פאַרלאָזן אים. די זון שטייט שוין הויך אין הימל — ס'איז שפּעט.

— טאָ וואָס צו אַלדע רוחות איז דאָ געשען? — וויל מיכל וויסן, און ווײַל ער האָט נישט וועמען צו פרעגן, פרעסט אים די נײַגעריקייט:

— זע נאָר, דער עולם שלאָפט גלײַכגילטיק, און קיינעם אַרט עס נישט...

פון באַראַק לויפט אַרויס אַ באַקאַנטער. כאַפּט אים מיכל אָן:

— זאָג נאָר, גרישקע, אין דײַן מאַמען אַריין, — זענט איר אַלע אויסגעפּגרט אָדער דער קאַנוואָי איז שיכור?

קוקט גרישקע אַן מיכלען, ווי יענער וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן; און דערלאַנגט אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ איבער די אַקסלען, אַזש די עמער זענען מיכלען אַרויסגעפאַלן פון די הענט און מיט אַ קלינגעריי זיך אַוועקגעקוילערט.

— האָסט אַ פּנים פון אַ „לעגאָווי״, אָדער ביזטו אַ יאַפּאַנישער „גאַרעדאָוואָי״? דער קריג איז דאָך געענדיקט. אַ ניעמיעץ פּ... נאַקרילסאַ — פאַרענדיקט ער מיט אַ זאַפטיקער רוסישער פראַזע, וועלכע אונטערליגט נישט קיין שום דיסקוסיע. — און דו פלאָקן איינער, דרייסט זיך אַרום מיט צוויי נאַרישע עמער!

די דאָזיקע נייס האָט מיכלען אַזוי איבערראַשט, אַז אין דער ערשטער רגע האָט ער זיך פאַרלוירן. נאָר באַלד איז אים קלאָר געוואָרן, וואָס ער האָט צו טון.

— צוריק אין באָד אַריין!

מיכל האָט אַלעמען אויפגעוועקט:

— שטייט אויף, איר פוילע ביינער! גענוג געגענעצט. דער קריג איז גע־ענדיקט! הוראַ!

ס'איז יום־טוב. מען אַרבעט נישט אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. אַלס צולאָג צום מיטיק קריגט מען: הונדערט גראַם ברויט און אַ שטיקל חזיר, דאָס אַליין איז אַ וויכטיקע געשעעניש. און עס באַשטעטיקט נאָכאַמאָל:

— דער קריג איז טאַקע געענדיקט!

***

אין באָד קומט אַריין אַן עלטערע ייִדישע פרוי. זי איז אַ פרייע און פאַר־וואַלטעט מיטן קינדערהיים. איר זון פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּאָסטן אין דער לאַגער־פירונג.

זי שמייכלט געהיימניספול צו מיכלען און די אַנדערע ייִדן:

— קינדער, ס'וועט זיין גוט. גאָט האָט אייך געהאָלפן...

***

געשען איז עס פּשוט. כּמעט צופעליק. דאָס מאַגישע וואָרט איז אַרויסגע־שפּרונגען פון קליינעם, פּירקאַנטיקן קעסטל פאַרצויגן מיט אַ דינער דראָטנעץ, אומבאַמערקט איז געהאַנגען דאָס קעסטל אויפן הילצערנעם סלופּ ביים טישל, ווו עס דרימלט דער „דניעוואַלני״. טיילמאָל האָבן זיך פון אים געריסן גרילצנדיקע, אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען, וואָס האָבן געפּליקט די צעשרויפטע נערוון.

— וו'ראַט יעוואָ... זאַטקניס! וואָס האַקט ער אין קאָפּ אַריין!

געלעבט הינטער קראַטן

און אַז ער האָט נישט אויפגעהערט, האָט מען אים גערופן עפּעס אַ שמאַטע...

נאָר מיט איין מאָל איז דער ראַדיאָ־הילכער געוואָרן די צענטראַלע פיגור, צו וועלכער אַלע האָבן מיט אינטערעס אַרויפגעקוקט, און אָנגעשפּיצט די אויערן. דער „דניעוואַלני" האָט אים אָפּגעשטויבט, אויסגערייניקט דאָס שפּינוועבס, מען זאָל בעסער קענען הערן. וואָרעם קיינער האָט נישט געגלייבט, וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט. יעדער איינער האָט געוואָלט דער קלאַנג זאָל וויברירן אין זיין אויער. פון ראַדיאָ־הילכער איז טאַקע געפאַלן דאָס וואָרט:

— אַמנעסטיע! — און נאָך דעם אַ לאַנגער צעטל מיט פּונקטן, תקנות פון דער אַמנעסטיע.

דעם גאַנצן טאָג זענען די באַראַק־זיצער פון אים נישט אָפּגעטראָטן. האָבן זיי טאַקע אויף דער נאַכט געוווסט צו דערציילן פון די אַלע נייסן. נאָר טאָמער איז זיי עמעצער נישט געפעלן, איז זיין „סטאַטיאַ" נישט געווען אויסגערעכנט...

אַ בליץ קען זיך נישט שנעלער דורכטראָגן דורכן הימל, ווי דער דאָזיקער וואָרט האָט זיך דורכגעטראָגן דורכן לאַגער.

עס האָט אַ וויי געטון מיט האָפענונג און אָנגעצונדן אַ פונק פון גלויבן:

— אַמנעסטיע!

דער קערפּער באַדעקט מיט וואַטעצויטן, דער פּנים דאַר, די נאָז אויסגע־צויגן, די קינבאַקן מיט אַ פאַרגעלטער אויסגעטריקנטער הויט. נאָר די פאַר־שמאַכטע ליפּן האָבן אַ שמייכל געטון:

— אַמנעסטיע...

צוזאַמענס האָט מען די צייטונגען מער נישט צעשניטן אין גראַדעקן צום רויכערן, נאָר זיי זאָרגפעליק געלייענט און געמאַכט די געהעריקע קאָמענטאַרן. מען איז געזעסן איבער די צייטונגען, ווי אַדוואָקאַטן איבער גראָבע קאָדעקס־ביכער. יעדער איינער וויל ווערן פריי, אַרויסגיין פון הינטער די שטעכלדראָט... און נאָך עפּעס איז געלעגן אין דעם:

אַ באַפרייטער פון לאַגער קען פאָרן ווו ער וויל, אויסער די וויכטיקע צענ־טערס נאַטירלעך, און קען גיין אַרבעטן, אָדער נישט אַרבעטן אויב ער וויל. אַלע פריערדיקע מאָביליזאַציע־געזעצן אָדער פאַרשריפטן פאַרפליכטן אים נישט מער...

צווישן די שטומע צייטונגס־שורות ליגט פאַרבאָרגן דער סוד.

מיכל כאַפּט אַ קוק אין דער צייטונג. זיין פאַראַגראַף. מער וויל ער גאָרנישט וויסן. ער וועט זיין פריי צו קענען גיין ווו אַהין ער וויל...

שטייענדיק אויף די טרעפ, וואָס פירן צום בוידעם פון באָד, דערזעט ער:

איבער אים שמייכלט אַ וואַרעמע יולי־זון. איבערן דראָטפּאַרקאַן, איבער די טורעמלעך מיט די וועכטער, איבערן וועג, ווינקט פאַרפירעריש אַ גרינע סאַמע־טענע לאָנקע.

כאָטש יעדן טאָג האָט ער זיך באַנוצט מיט די טרעפּ, נאָר עפּעס האָט ער עס פריִער נישט באַמערקט.

די גרויע באַראַקן זעען אים אויס ווי אַ הינערשטייג. יאָרן־לאַנג איז די האַרטע נאַרע געווען זיין בעט, זיין היים. און דאָ מיט איין מאָל: פריי זייך. זיך קענען פריי באַוועגן און אפשר קענען אַרויספאָרן אויסער די גרענעצן פון לאַנד איז דאָך דער קריג געענדיקט און פוילן איז ווידער אַ מלוכה...

מיכלען האָט געלאָקט די פרייהייט, וואָס ער וועט באַקומען.

קיינער וועט אים מער נישט אַראָפּציִען ביינאַכט פון דער נאַרע, און ער וועט נישט מוזן ליגן אין דורכגאַנג, צוזאַמענגעקאָרטשעט ווי אַ וואָרעם. קיינער וועט אים נישט יאָגן מער אַ הונגעריקן צו דער אַרבעט און ער וועט נישט מוזן מער האַקן שטיינער אָדער דרייען פלאַקסענע שטריק. מען וועט אים מער נישט רופן:

— סימוליאַנט, סאַבאָטאַזשניק! — פאַר נישט אויספירן די נאָרמע.

קיינער וועט נישט צונעמען די בייגעלעך פּאַפּיר, געשריבן פון זיין טאַטן, וועלכע ער האָט באַהאַלטן ווי אַ הייליקייט, און אויסרויכערן.

קיינער וועט מער נישט נישטערן צום הונדערטסטן מאָל אין זיינע פּוסטע טאַשן, דורך די נעכט. ער וועט מער נישט מורא האָבן, אַז אינדערפרי וועט ער דאַרפן לויפן איבערן שניי אַ באָרוועסער, באַשר מען האָט צוגעגנבעט זיינע לאַפּטשעס.

ער וועט מער נישט דאַרפן שלאָפן אין די וואַטענע הויזן און דער פופייקע צובינדן מיט אַ שטריק צום קערפּער.

מען וועט אים מער נישט אויפוועקן, פּונקט פאַרן 1טן מאַי אָדער 7טן נאָוועמבער, איבערטרייסלען דעם באַראַק און זוכן פאַרבאָרגענע מעסערס, נאָד־לען, אייזנס אָדער נעגל, און נישט לאָזן מער איינשלאָפן, ביז אינדערפרי.

ער וועט זיך אויסטאָן צום שלאָפן ווי אַ מענטש —

מיכל דערמאָנט זיך, אַז ער איז ערשט 25 יאָר אַלט און ס'איז נאָך דאָ אַ וועלט אַזאַ, און ער וועט ווידער דאַרטן זיין, און אַלץ צוליב איין וואָרט:

— אַמנעסטיע!

מאַנאַטן זענען פאַרביי. דער ערשטער פלאַטער פון פרייד איז פאַריבער. עס הייבן זיך אָן אין מיכלען אַריינגנבענען ספיקות:

— אפשר נאָך נישט... אפשר נישט מיר...

*****

איין טאָג רופט מען אים אַרויס. ער גייט אַריין אין אַ קליין שטיבל. אין זיין האַנט אַ פּאַספּאָרט, אַ באַנבילעט. מען פרעגט אים, מיכל ענטפערט עפּעס. נאָך יאָרן עפנט זיך ווידער דאָס קליינע טירל, ער איז אין דרויסן.

מיכל איז געבליבן שטיין. אין זיין האַנט אַ הילצערן קעסטל, ווו עס ליגט זיין פאַרמעגן. עטלעכע פונט שוואַרץ ברויט. ער אָטעמט טיף אָפּ, און קוקט זיך אַרום. ס׳טירל איז פאַרמאַכט, קיינער רופט אים נישט צוריק. הייסט עס, ער איז פריי.

מיט שנעלע טריט שפּאַנט ער אין אָן אומבאַקאַנטער וועלט...

*****

דער שנעלצוג וולאַדיוואַסטאָק־מאָסקווע איז פול געפּאַקט מיט זעלנער, וואָס פאָרן אויף אורלויב, און אַרעסטאַנטן, באַפרייטע פון די לאַגערן.

פאַר מיכלען האָט זיך באַלד געפונען אַ פּלאַץ אויף אַ פּאָלקע. אַ זעלנער דערלאַנגט אים אַ שטיק ברויט מיט חזיר, אַ קענדל „קיפּיאַטאָק" און רופט אים:

— זעמליאַק!

אין דעם זעלנערס אויגן, איז מיכל אויך געווען אויף אַ פראָנט. אַ פראָנט וואו יעדער פון זיי איז שוין אַמאָל געווען, אָדער וועט באַשטימט זיין. דעריבער איז מיכל זייער ברודער, זייער פריינט.

— זעמליאַק — רוקט אים אַ צווייטער זעלנער אונטער אַ הויפן מאַכאָרקע.

— פאַררויכער...

מיכלען נעמט אַרום אַ היימישע וואַרעמקייט, צווישן די פּשוטע פאָלקס־קינדער. קיינער פרעגט אים נישט:

— זאַ שטשאָ פּאָפּאַל? פאַרוואָס ברודערל ביזטו אַריינגעפאַלן? וואָס איז די נפקא-מינא?

פון מאָסקווע פירט מיכלס מאַרשרוט איבער טאַשקענט, צו אַ קליין שטעטל, וווּ עס וווינט זיין טאַטע.

מיכלס ברויטזאַפּאַסן האָבן זיך אויסגעלאָזט. קיין געלט האָט ער אויך נישט. און דער עשאַלאָן שלעפּט זיך אַזוי לאַנגזאַם...

נעבן אים זיצט אַ יונגער רוס. די פיר וועגט פון וואַגאָן זענען ווי די פיר ווענט פון אַ תפיסה־קאַמער, ווו פרעמדע מענטשן ווערן זיך נאָענט, פאַרטרויט אין אַ פּאָר מינוטן.

דער רוס איז אַן אינזשעניער פון אַ קוילנגרוב און ער פאָרט איצט אויף אורלויב, אין דער זעלבער געגנט וואָס מיכל. אויף מיכלס זאָרגן, האָט ער אַ פּאַרטיקן ענטפער:

— נישט געזאָרגט מענטש. זעסט מיינע טשעמאָדאַנעס, מירן ביסלעכווייז אויספאַרקויפן, וועט מיין געלט וועט זיך אויסלאָזן. אין טאַשקענט קען איך מיין פּאַלטן פאַרקויפן, דאָרט איז שוין וואַרעם.

אין טאַשקענט האָט סאַשע פאַרקויפט דעם מאַנטל, זיך גוט אָנגעטרונקען, וואָרעם עס האָט אים געטאָטשעט אַ וואָרעם, צוליב די עטלעכע ווייבער און קינדער וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין דער מלחמה, אַרבעטנדיק אין פאַרשיידענע געגנטן. מלחמה־צייט האָט ער נישט געדאַרפט צאָלן קיין אַלימענטן. אַצינד האָט ער געמאָנט פון מיכלען אַ תשובה:

—וועט מען מיר איינזעצן אָדער נישט? וועל איך טאַקע מוזן צאָלן? הא, מיכל, ווי מיינסטו?

קיין בילעט ווייטער צו פאָרן האָט סאַשע נישט. נאָר מיכל טרייסט אים:

— נישט געזאָרגט, מען וועט שוין עפּעס באַזאָרגן...

אין אָוונט, עטלעכע שעה פאָרן אָפּגיין פון צוג, איז שוין נישט מעגלעך צוצוגיין צו דער בילעטן־קאַסע. אַ מיליציאָנער מאַכט אָרדענונג:

— אין דער ערשטער ריי, סטודענטן. שטעלט זיך אויס. דאַן צום קאָמפּאַסיר׳ן בילעטן. נאָכהער די, וואָס פאָרן אויף „קאָמאַנדיראָווקעס".

אַז די לאַנגע ריי האָט זיך אויסגעשטעלט, איז מיכל צו צום מיליציאָנער:

— בירגער מיליציאָנער — דאָ האָט איר מיינע פּאַפּירן.

— ראַזרעשיטיע, דערלויבט — האָט זיך דער מיליציאָנער געווענדט צו די גליקלעכע, וואָס זענען שוין געשטאַנען האַרט ביים פענצטערל. דער ערשטער איז איצט געשטאַנען מיכל...

**
*

— אייערע בילעטן, ביטע — האָט זיך געווענדט דער קאָנדוקטאָר, ווען דער לויפנדיקער צוג, האָט זיך איינגעשניטן אין דער נאַכט.

געלעבט הינטער קראטן

סאשע האט דערלאנגט מיכלס בילעט.

— אין ארדענונג!

אין צווייטן עק וואגאן איז געזעסן מיכל. פארשלאפנערהייט, מיט א געוויסער באכלעסיקייט האט ער דעם קאנטראליאר דערלאנגט א רויטן בויגן פאפיר, ווו עס איז געווען אנגעדרוקט מיט שווארצע שריפט:

„ספראווקא אסוואבאזשדיעניא נר. 16333" (באפרייאונג־באשטעטיקונג).

— און אייער בילעט, בירגער — האט זיך נאך דער קאנטראליאר פרובירט.

— פארלוירן.

— ס'איז אין ארדענונג. אייער סטאנציע וועט זיין 9.30 פרי.

***

...די ברייטע זאמדיקע גאס איז פריש באגאסן מיט וואסער. יונגע ביימלעך ווארפן אויף איר זייער שאטן. אין די רינשטאקן פליסט מוטנע וואסער און קילט אפ די הייסע אזיאטישע לופט.

מיכל איז נאר־וואס אראפ פון באן. זיין בליק איז געפאלן אויפן זאמדיקן וועג, אויף דעם נאקעטן סטעפ ארום, אויף די קליינע אוזבעקישע קיביטקעס. אן אומעטיקע הירזשען פון אן איזל, באלאדן מיט צייטיקע ארבוזן, קומט אים אנט־קעגן. דא ערגעץ וווינט זיין טאטע. דער איינציקער וואס איז אים געבליבן פון זיין משפחה.

ער איז שטיין געבליבן און זיך אומגעקוקט. דאס הילצערנע קעסטל האט אים צוגעגעבן אנזען. מיכל האט עס אוועקגעשטעלט, זיך צוגעזעצט און אויסגע־שפיגן צווישן די ציין, כדי זיך צוצוגעבן מוט. מענטשן זענען פארביי. ווער עס האט געווארפן א בליק אויף דעם רייזענדן, אדער אדורך, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו.

קיינעם האט נישט געארט, וואס עמעצער זיצט אויף א וואליזקע, וואס זעט אויס ווי א קעסטל, אין מיטן גאס. מיכל האט געוואלט באגעגענען דעם טאטן — דא אויף דער גאס. ער האט אים שוין יארן נישט געזען. געוויס האב איך זיך געענדערט — טראכט ער — כ'בין שוין געווען מיט א פוס אויף יענער וועלט יעדעס ביינדעלע אויסצוציילן, צינגא, פילאגרע, מאדנע נעמען.

— וועט ער מיר איצט דערקענען? און וואס וועל איך אים זאגן? שוין לאנג נישט גערעדט קיין מענטשלעכע שפראך.

פלוצלינג האָט ער צווישן די ביימער באַמערקט אַ מענטש. אַלץ איז אין אים פאַרגליווערט געוואָרן. דער מענטש האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט. מיכל האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אויפגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט דעם מענטשן, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן.

— טאַטע!

ער האָט זיין קאָפּ אַרויפגעלייגט אויפן טאַטנס דאַרער, איינגעפאַלענער ברוסט און עס האָט אים נישט געקימערט, וואָס פרעמדע מענטשן קוקן זיך צו.

ער, מיכל, דער נאָמענלאָזער אַרעסטאַנט, וואָס האָט אַפילו קיין אייגענעם נומער נישט געהאַט, נאָר אַ קאָלעקטיוון, פון אַ בריגאַדע, האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ טאַטן. אַן אייגענעם טאַטן.

טרערן האָבן זיך געקייקלט פון זיינע אויגן, טרערן פון פרייד, און עס האָט זיי איינגעזאַפּט דער גרויער שטויב...

(סוף)

אין פאַרלאַג „יידבוך״ זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.
2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)
3) י. י. טרונק — כעלעמער חכמים (אויספאַרקויפט)
4) שלמה סיימאַן — אַמאַליקע יידן (אויספאַרקויפט)
5) פּראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן
6) יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד
7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) ש. סיימאַן — תוך־יידישקייט
9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.
10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן
פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג״, בוענאָס־איירעס.
11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען
12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע (2 טיילן)
14) יצחק פּערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן)
15) ברוך ריווקין — ה. ליוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן.
17) יעקב פּאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)
18) שלמה סיימאַן — וואָרצלען
19) משה דלוזשנאָווסקי — „האַרבסט אין ווינגאַרטן״
(דערציילונגען און דראַמעס)
20) מנחם באָריישאָ — עסייען.
21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען
22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן

אין דרוק:

23) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — יידישער אומקום און ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
M. AIZENBUD
(Melbourne, Australia)

Industria Argentina
HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES

M. AIZENBUD

LIVED BEHIND BARS

"IDBUJ"
BUENOS AIRES
1956

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE GASCON 1231, BUENOS AIRES, EL 22 DE OCTUBRE DE 1956.

M. AIZENBUD

VIDA ENTRE REJAS

*

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1956